STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09731

# KOMUNISTISHER MANIFEST

Karl Marx

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך!

ק. מארקס און פ. ענגעלס

# קאמוניסטישער מאניפעסט

ארייַנפיר און דערקלערונגען פון ד. ריאזאנאוו

אידיש פון כ. האלמשטאק

אונטער דער רעדאקציע פון מ. לעוויטאן

צענטראלער פארלאג פאר די פעלקער פון פ. ס. ס. ר
מאסקווע, 1924

# פאָרוואָרט.

דידאַקטיקע אויסגאַבע פון דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“ איז באַשטימט קוידעמקאָל פאַר צוהערער פון פאַרטשולן און מיטגלידער פון מאַרקסיסטישע קרייזן.

דער מאַניפעסט איז אָנגעשריבן געוואָרן לויט דעם אויפטראָג פון אַ פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפט, אָבער געווענדט האָט ער זיך [illegible] דעם פּראָגרעסיוון, מער באַוואוסטזיניקן טייל פון דעם אַרבעטער-קלאַס, צו די אַרבעטער וואָס אין זייער אַנטוויקלונג זיינען זיי געשטאַנען אַף דערזעלביקער הויך, ווי די פּראָלעטאַריער, וואָס האָבן אינאיינעם מיט מאַרקסן געגרינדעט דעם „פאַרבאַנד פון קאָמוניסטן“. אין דערזעלביקער צייט איז עס געווען אַן ענטפער אַף אַ רייע דערווידערונגען, וואָס בורזשואַזע געלערנטע האָבן אַרויסגעשטעלט קעגן די קאָמוניסטן. דאָס אַלץ האָט באַשטימט דעם אויפן, ווי אַזוי ער איז אָנגעשריבן, וואָס דאָס מאַכט אים שווערער צו פאַרשטיין פאַר אַ ווייניקער צוגעגרייטן לייענער, דערהויפּט נאָך אַ לייענער פון היינטיקן טאָג, וואָס ווייס ניט פון אַסאַך איינצלהייטן, וואָסערע זיינען געווען גוט באַקאַנט דעם לייענער פון יענער צייט.

קעדיי גרינגער צו מאַכן דאָס שטודירן פון דעם מאַניפעסט, האָב איך צוגעגעבן אַן אַריינפיר, וואו עס ווערט דערציילט די-

געשיכטע פון דעם „פאַרבאַנד פון קאָמוניסטן", און עס ווערט דערקלערט דער באַטייט פון דעם מאַניפעסט גופע. אַכוץ דעם, קומען נאָך דעם מאַניפעסט דערקלערונגען צו איטלעכן קאַפיטל.

די לייענער, וואָס וועלן פרואוון צו באַקענען זיך מיטן מאַניפעסט אָן דער הילף פון אַן אָנפירער, וואָלט איך געאייצעט דורכלייענען אַפריער דעם אַרייננפיר, נאָכדעם דעם מאַניפעסט גופע און ערשט דערנאָך די דערקלערונגען צו אים. נאָך דעם, קעדיי בעסער צו באַנעמען זיין אינהאַלט, דורכלייענען ווידעראַמאָל דעם מאַניפעסט, אָבער שוין קאַפּיטלעכווייז, האָבנדיק דערביי אין זינען די דערקלערונגען צו דידאָזיקע קאַפּיטלען.

מער גענויע אָנמערקונגען און אויסטייטשונגען צום מאַניפעסט קען מען געפינען אין דער אויסגאַבע, וואָס איז באַשטימט פאַר די לערער פון אונזערע פאַרטיי-שולן און סטודענטן פון די קאָמוניסטישע אוניווערסיטעטן *).

**ד. ריאַזאַנאָוו.**

5-טן פעוורואַל 1923.

# אריינפיר

אונזער פּאַרטיי — די רוסלענדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי (ר. ק. פּ.) — רופט זיך מיט דעמדאָזיקן נאָמען דערפאַר, ווייל די פּראָגראַם, די צילן און די אויפגאַבן אירע איז געגרינדעט אַף דער פּראָגראַם, וואָס איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט".

דערדאָזיקער מאַניפעסט -- אַ פּראָקלאַמירונג פון די צילן און אויפגאַבן — איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער צווייטער העלפט פעברואַל 1848 יאָר אין נאָמען פון דעם „פאַרבאַנד פון קאָמוניסטן", וואָס האָט זיך ניט לאַנג פאַר דעם געגרינדעט. אים קען מען מיט רעכט אָנרופן דאָס וויגעלע פון דער היינטיקער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פון קאָמינטערן. צונויפגעשטעלט דעם מאַניפעסט האָבן צוויי דייטשישע קאָמוניסטן — ק. מאַרקר און פ. ענגעלס.

אַף אַזאַ אויפן, איז די געשיכטע פון דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" און פון דעם „פאַרבאַנד פון קאָמוניסטן" אויך די געשיכטע פון דער פּראָגראַם פון אונזער פּאַרטיי און די געשיכטע פון קאָמינטערן. דעריבער האַלטן מיר, אַז עס איז נויטיק צו באַקענען די כאַוויירים מיט דער געשיכטע פון דעם „פאַרבאַנד פון קאָמוניסטן". לאָמיר זשע זעען, ווי אַזוי איז ער אויפגעקומען, און ווער איז געווען זיין גרינ;ער.

די מערהייט מיטגלידער פון דעם „פאַרבאַנד פון קאָמוניסטן" זיינען געווען דייטשן און אַרבעטער. קומט אונז אויס דעריבער ווענדן זיך צו דייטשלאַנד.

אין דערדאָזיקער מעדינע, וואָס איז געווען צעברעקלט אף עטלעכע צענדליק מלוכעס, און וואָס די גרעסטע צווישן זיי איז געווען פרייסן, האָט ביז דעם יאָר 1830 געוועלטיקט קימאט דורכויס די זעלבסטהערשונג. ווען דאָס לאַנד האָט זיך באַפרייט פון אונטער נאַפאָלעאָנס מאַכט (1815 יאָר), האָבן די דייטשישע מלאָכים, וואָס האָבן געוועזן צוגעזאָגט דעם פאָלק קאָלערליי האַנאָכעס, פאַרגעסן זייער צוזאָג און האָבן אַלץ געלאָזן ווי געווען. דאַן האָבן יונגעלייט סטודענטן אָנגעהויבן שאַפן געהיימע אָרגאַניזאַציעס, האָבן גענומען מאָרדן די פאַרהאַסטע מעשאָרסים פון דער קיניגלעכער מאַכט. די מלאָכים, שטיצנדיק זיך אַף דער הילף פון דעם רוסישן צאַר און פון דעם עסטרייכישן אימפעראַטאָר, האָבן אַף דערדאָזיקער באַוועגונג געענטפערט מיט אומבאַראַכמאָנעסדיקע רעדיפעס. דער גאַנצער קאָפ דערביי איז געווען דער הויפט-מיניסטער מעטערניך.

דאָס האָט זיך זיי איינגעגעבן נאָך גרינגער דערפאַר, וואָס בישכיינעס, אין פראַנקרייך, וואָס האָט מיט איר רעוואָלוציע סאָף 18-טן יאָרהונדערט דערלאַנגט אַ טויט-קלאַפ דער אַלטער אָרדענונג, איז דאַן, ווי עס האָט אויסגעוויזן, געווען דערשטיקט יעדע פרייע באַוועגונג. נאָכדעם ווי מע האָט אַראָפגעוואָרפן נאַפאָלעאָנען, האָט מען צוריק דערהויבן די אַלטע בורבאָנען, וואָס האָבן קיין זאַך ניט פאַרגעסן און האָבן זיך גאָרנישט ניט אויסגעלערנט. זייער הערשאַפט האָט אָנגעהאַלטן פון דעם יאָר 1815 ביז 1830. די דאָזיקע צייט רופט מען געוויינלעך די עפאָכע פון רעסטאַווראַציע, ד. ה. פון ווידעראויפשטעלן די אַלטע פאַראָנדקעס, די אַלטע קיניגלעכע דינאַסטיע.

אומקערנדיק זיך צוריק מיטן קיניג, האָבן די עמיגראַנטן טאַקע געפרואווט צוריק אויפשטעלן די אַלטע אָרדענונג. דאָס האָט

זיך זיי אָבער ניט אינגאַנצן איינגעגעבן. זיי האָבן אָפּגענומען די פּאָליטישע רעכט ניט נאָר באַ די אַרבעטער, נאָר אַפילע באַ דער גרעסטער מערהייט בורזשואַזיע, זיי האָבן געצוואונגען, די מלוכע זאָל זיי באַצאָלן אַ געוואַלדיקע סומע פאַר דער ערד, וואָס זיי האָבן ניט געקענט קריגן צוריק.

דאַן האָבן זיך אַלע קעגנער פון די בורבאָנען דערנענטערט צווישנאַנאַנד. די פרייהייט-ליבנדיקע בורזשואַזיע האָט געמאַכט יאַד-אַכעס מיט די אַרבעטער און האָט זיי צוגעזאָגט גילדערנע בערג, אויב מע וועט נאָר מענאַצייעך זיין. אַזוי איז אין יולי 1830 יאָר אַרויסגעשפרונגען אַ נייע רעוואָלוציע (די יולי-רעוואָלוציע), וואו די פאַריזער אַרבעטער האָבן געקעמפט אַף די באַריקאַדעס, ווי די לייבן, און איניינעם מיט זיי אויך די סטודענטן. מע האָט אָבער די אַרבעטער אָפּגענאַרט. אנשטאט אַ רעפובליק איז פאַר-בליבן די מאָנאַרכיע, מע האָט נאָר פאַרביטן די דינאַסטיע פון די בורבאָנען, וואָס האָט צוגעבאַמקעט אויסשליסלעך נאָר די ערד-אייגנטימער, אַף דער דינאַסטיע פון די אָרלעאַנער, וואָס איז גע-וואָרן דער שומער פון דער אינדוסטריעלער און געלט-בורזשואַזיע. די עפּאָכע פון דער יולי-מאָנאַרכיע איז געווען אַ צייט, ווען עס האָבן געוועלטיקט אויסשליסלעך די באַנקירן און קאַפּיטאַליסטן.

די יולי-רעוואָלוציע האָט אויפגעטרייסלט גאַנץ אייראָפּע. אין ענגלאַנד האָט דער אַדל פון אַלטן איכעס, די אַריסטאָקראַטיע, געמוזט שטאַרק נאָכגעבן דער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע (אין 1832 יאָר) און אָפּגעבן איר אַ היפּשע צאָל ערטער אין פּאַרלאַ-מענט. אויך דאָ זיינען די אַרבעטער, וואָס האָבן געשטיצט די בור-זשואַזיע אין איר קאַמף מיט דער אוריסטאָקראַטיע, געבליבן די נאַראָנים. ערשט נאָך דעם האָבן זיי אָנגעהויבן זייער קאַמף, אָבער שוין קעגן דער בורזשואַזיע מיט דער אַריסטאָקראַטיע, אָס זיינען שוין איצטער געווען דורכגעקומען צווישן זיך.

בישכיינעס, אין בעלגיע, האָט אויך אויפגעפלאַקערט אַן אויפ-שטאַנד, און זי האָט זיך אָפּגעטיילט פון האָלאַנד, מיט וואָסערער

זי איז פריער געווען פאַרייניקט אין איין מלוכע. פונקט אַזוי ווי אין פראנקרייך, איז אויך דאָרט איינגעשטעלט געוואָרן אַ קאָנסטיטוציאָנעלע רעגירונג, ד. ה. אַנדערש גערעדט, עס איז פאַרבליבן אַ מאָנאַרכיע, נאָר אַ באַגרענעצטע דורך אַ פאַרטרעטערשאַפט פון די פאַרמעגלעכע קלאַסן, וואָס האָבן אין פאַרלאַמענט אַכטונג געגעבן, אַז די קיניגלעכע מאַכט זאָל אָפּהיטן זייערע אינטערעסן.

אין דייטשלאנד זיינען אין אַ רייע קליינע מלוכעס פאָרגעקומען אויפשטאַנדן. די איבערגעשראָקענע מלאָכים האָבן מאַסקים געווען צו „געבן" אַ קאָנסטיטוציע אָדער זיי האָבן אָפּגעשוואַכט אַף דער ערשטער צייט דעם דרוק. אַף אַזאַ אויפן איז פאָרגעקומען, אַז נאָכדעם ווי דער רוסישער צאַר ניקאָלאַי האָט מיט גרויס מי דערשטיקט דעם פוילישן אויפשטאנד, וואָס איז אויך געווען אַן אָפּקלאַנג פון דער יולי=רעוואָלוציע, האָט מען די אַנטלאָפענע פוילישע רעבעלן דורכגעלאָזן דורך דייטשלאנד, וואו די באַפעלקערונג האָט זיי אויפגענומען מיט גרויס ענטוזיאַזם.

גראָד אין אָנהויב פון די 30=ער יאָרן טרעפן מיר אין דייטשלאַנד די ערשטע שפּורן פון דייטשישע אַרבעטער און באַלמעלאָכעס, וואָס באַטייליקן זיך אין רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען. בעשאַס די דייטשישע דעמאָקראַטן האָבן אין 1832 יאָר איינגעאָרדנט אין האַמבאַך אַ דעמאָנסטראַציע (די אַזוי גערופענע האַמבאַכער פייערלעכקייט), האָבן אַרבעטער זיך באַטייליקט אין דער ארגאַניזאַציע פון דעם, און איינער פון זיי, יאָהאַן פיליפּ בעקער, אַ יונגער בערשטער, האָט אין זיין רעדע געטאַינעט, אַז אַנטקעגן דער געוואַלט פון דער רעגירונג מוז מען אַרויסשטעלן קראַפט *). צווישן די דייטשישע סטודענטן האָט זיך

*) פון דאַן אָן טרעפן מיר אים אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער-באַוועגונג ביז דעם יאָר 1886, ווען ער איז געשטאָרבן אין טיפן עלטער. דריי יאָר פאַר זיין טויט האָט ער הייס באַגריסט די גרינדונג פון דער גרופּע „באַפרייאונג פון אַרבעט" („Освобождение труда"), וואָס איז, בעראָש מיט פּלעכאַנאָוון, געווען די ערשטע מאַרקסיסטישע אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד.

אנגעהויבן אַנטוויקלען אַ נייע באַוועגונג. אייניקע פון זיי האבן געזוכט צו דערנעענטערן זיך צו די באַלמעלאכעס און ארבעטער, און האבן אַפילו געפּרואווט, ווי, לעמאשל שוסטער שאַפּער, ביוכנער, צו ארגאַניזירן צווישן זיי אַ רעגולערע אַרבעט. איינגיכן זיינען זיי געווען געצוואונגען צו פאַרלאזן דייטשלאַנד און באַהאַלטן זיך אין אויסלאַנד. ביוכנער איז אנטלאפן קיין שווייץ, וואו ער האט זיך אפגעגעבן מיט וויסנשאַפט און שרייבן, ער איז אבער זייער גיך געשטארבן נאך גאר אַ יונגער מאַן*). וואס איז שאַיעך שוסטערן און שאַפּערן, זיינען זיי ביידע געלאפן קיין פראנקרייך און האבן זיך באַזעצט אין פאַריז.

אין פראַנקרייך האט זיך שוין דאַן געהאט אנגעהויבן אן ארבעטער-באוועגונג. א באזונדער שטארקן רוישעם האט געמאכט דער אויפשטאנד פון די זייד-וועבער אין ליאָן אין 1831 יאר זיי האבן ניט געהאט קיין שום באשטימטן ציל, נאר, ארויסגעפירט פון געדולד דורך דער נויט אָן אן אויסוועג און דער אומפארשעמטער עקספּלואטאציע, האבן זיי געמאכט אן אופשטאנד פאַשעט דערפאר, ווייל זיי האבן געהאלטן, אז ס'איז בעסער צו „שטארבן אין קאמף", איידער ווייטער צו לעבן אין הונגער, אָן געזיכערטער ארבעט. „לעבן ארבעטנדיק, אדער שטארבן אין שלאכט" האבן זיי אנגעשריבן אף זייער שווארצער פאן. עטלעכע טעג האבן זיי געהאלטן די שטאט אין זייערע הענט. די רעגירונג האט אבער ארויסגעשיקט קעגן זיי א גאנצע אַרמיי און האט דעם אויפשטאנד דערשטיקט.

דער ליאנער אויפשטאנד האט איצטער אוועקגעשטעלט אפן טאג-סיידער די ארבעטער-פראגע. דער אויפשטאנד האט באוויזן, אז אויך בא א קאנסטיטוציאנעלער ארדענונג בלייבן, די ארבעטער רעכטלאזיקע קארבאנעס אין די הענט פון אלערליי קאפיטאליס-

*) נאָך איצטער שטעלט מען אין די דייטשישע טעאַטערס און אויך באַ אונז אין רוסלאַנד זיין באַרימטע דראַמע פון דער געשיכטע פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציע — „דאַנטאָנס טויט"

טישע רויב=כאַיעס. ער האט אבער אויך געצוואונגען צו פאַר־טראַכטן זיך די רעוואָלוציאָנערע יוגנט, וואָס האָט בעעמעס גע=וואונטשן גוטס פאַר דעם גאַנצן אַרבעטנדיקן פאָלק. דידאָזיקע רעוואָלוציאָנערן פון דעם סטודענטישן אוילעם זיינען געקומען צום אויספיר, אַז מע מוז אַריינציען אין די געהיימע געזעלשאַפטן אויך די אַרבעטער, מאַכן זיי פאַר באַוואוסטזיניקע ר'עוואָלוציאָנערן. זיי זיינען געווען באַ זיך זיכער, אַז אַ קליין הייפל גוט אָרגאַניזירטע מענטשן קענען, אויסקלייבנדיק אַ פּאַסיקן מאָמענט, פאַרכאַפּן די מאַכט אין די אייגענע הענט, און מיט דער הילף פון אַ גאַנצער רייע באַפעלן, דעקרעטן, לעטויוועס די אַרבעטלייט, צוציען צו זיך דאָס פאָלק און אַף אַזאַ אויפן מאַכן אַ רעוואָלוציע. בעראָש פון דידאָזיקע רעוואָלוציאָנערן איז געשטאַנען אָגיוסט בלאַנקי, וואָס האָט, ניט מיד ווערנדיק און ניט ניספּאָעל ווערנדיק פאַר קיינע דורכפאַלן, געהאַלטן אין איין שאַפן אַלץ נייע געהיימע געזעל־שאַפטן.

די רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון דייטשלאַנד, האָבן איינגיכן גענומען אויך אַזוי טאָן און האָבן געגרינדעט אַן אייגענע געזעלשאַפט. אַרויסגעהאָלפן זיי דערביי האָט נאָך אָט וואָס: באַ די דייטשישע באַלמעלאָכעס און געזעלן, דעריקער באַ די שניידערס און סטאָליערס, איז געווען איינגעפירט אַרומצוּרייזן אין די לער־יאָרן, „זעען אַ וועלט“, לערנען זיך די מעלאָכע און אַ לעבטאָן אין עפּעס אַ גרויסער אינדוסטריעלער שטאָט. אַסאַך פון זיי פלעגן זיך לאָזן אין דער שווייץ און ענגלאַנד, די מערהייט אָבער פלעגט בעסער פאָרן אין דעם רעוואָלוציאָנערן פּאַריז. אין די דרייסיקער און פערציקער יאָרן האָט זיך דאָרטן אָנגעקליבן עטלעכע צענדליק טויזנט אַזעלכע אָנגעפאָרענע דייטשישע אַר־בעטער

איז אָט זיינען שוסטער און שאַפּער, וואָס האָבן לע=כאַטכילע אין 1834 יאָר געגרינדעט די „געזעלשאַפט פון געראוידעפטע אָדער פאַרוואָגלטע“, איינגיכן פאַנאַנדער־

געגאַנגען זיך מיט דעם מער מעסיקן טייל, וועלכער האָט זיך באַגרענעצט נאָר מיט פּאָליטישער אַרבעט אַליין און ניט געוואָלט אויפהויבן די פראַגע וועגן רייכע און אָרימע.

אין 1836 יאָר האָט שאַפּער מיט זיינע כאַווייריים געגרינדעט אַ געזעלשאַפט „פאַרבאַנד פון גערעכטיקע", וואָס האָט זיך ענג פאַרבונדן מיט דער „געזעלשאַפט פון די צייטן פון יאָר", וואו די אָנפירער זיינען געווען בלאַנקי און באַרבעס. די מערהייט מיטגלידער פון דעם „פאַרבאַנד פון גערעכטיקע" זיינען געווען אַרבעטער. שאַפּער איז געוואָרן אַ זעצער, און איינעם מיט באַוערן, אַ שוסטער, האָט ער ניט מיד ווערנדיק געאַרבעט צווישן די דייטשישע אַרבעטער. אינגיכן איז צו זיי צוגעשטאַנען דער שניידער ווילהעלם ווייטלינג, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט פון שאַפּערן מיט באַוערן נאָך דערמיט, וואָס ער איז געווען זייער א פעאיקער שרייבער. אין 1838 יאָר האָט ער ארויסגעלאָזן א ווערק „די מענטשהייט, ווי זי איז און ווי זי דארף זיין". דאָס איז געווען דאָס ערשטע ווערק, וואו די דייטשישע ארבעטער האָבן זיך דערקלערט פאר קאָמוניסטן. ווייטלינג האָט זיך שארף ארויסגעזאָגט פאַר אָפּשאפן פריוואט-אייגנטום, ער האָט אָבער נאָך אלץ געזועען צו באגרינדן זיין לערע, צעגויפבינדנדיק עס מיטן אלטן קריסטנטום. ער האָט געהאָפט צו מאכן אף אזא אויפן דעם קאָמוניזם פארשטענדלעכער און נעענטער פאר די ארבעטער, ווען ער וועט אלץ דערוויזן מיט שטיקים פון עוואנגעליע. קריסטוס איז בא אים א נאָווי פון פרייהייט און ליבע. ער האָט געהאלטן פאר נויטיק אויסצוארבעטן גאָר א גענויען פלאַן פון דער צוקונפטיקער קאָמוניסטישער געזעלשאפט, וואָס בעראָש פון איר וועט שטיין א ראט פון כאכאָמים. ער איז שוין אָבער אונטערגעפאלן אונטער דער ווירקונג פון די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערן און האָט פארשטאנען, אז אזא מין קאָמוניסטישע געזעלשאפט וועט מען אף א פרידלעכן וועג ניט קענען פארווירקלעכן. „אלע פלענער, וואָס זיינען ביז איצט אָנגעשריבן

געוואָרן וועגן איבערבויען די געזעלשאפט, זיינען א באווייז, אז דאָס איז נויטיק און מעגלעך,—זאָגט ער,—און וואָס מער עס וועט זיין אזעלכע פלענער, אלץ מער ראיעס וועט דאָס פאָלק האָבן פאר דעם. נאר דעם בעסטן פלאן וועלן מיר פונדעסטוועגן מוזן אָנשרייבן מיט אונזער בלוט".

ער איז אויסגעוואַקסן פון אן ארבעטער-סוויווע, האָט אף זיך גופא אויסגעפּרואווט דעם טאם פון טיפסטער אָרימקייט, דאָך אָבער האָט ער ניט פארשטאנען דעם באטייט, וואָס עס האט דער פּראָלעטאריאט, ווי דער הויפּט-טוער, ווען עס איז באשערט צו פארוואנדלען די קאפּיטאליסטישע געזעלשאפט אין א קאָמוניסטישער. ארבעטער זיינען בא אים געווען „מענטשן פון האָרעוואניע און זאָרג", וואס אָפט ליידן זיי פון נויט מער, איידער אנדערע פאָרשטייער פון די ארבעטנדיקע. דאָס דערוועקט אין זיי א גרעסערן קאעס קעגן די עקספּלואטאטאָרן, און דידאָזיקע פארביסנקייט מאכט זיי מער פעאיק צו רעוואלוציאנערן קאמף. פון דעם האט ער געדרונגען, אז די פאסיקסטע פאר דעמדאזיקן קאמף זיינען יענע מענטשן פון הארעוואניע און זארג, וואס האבן אינגאנצן צעריסן מיט דער היינטיקער געזעלשאפט, ווי, לעמאשל, גאזלאנים און באנדיטן.

דעם 12-טן מאי 1839 יאר האט בלאנקי מיט זיינע כאוויירים באשלאסן צו מאכן אין פאריז אן אויפשטאנד. דערדאזיקער פּרואוו צו פארכאפּן די מאכט האט זיך געענדיקט מיט א מאפּאלע. די מיטגלידער פון דעם „פארבאנד פון גערעכטיקע" האבן זיך באטייליקט אין דעם קאמף און זיינען איינעם מיט זייערע פראנצויזישע כאוויירים אויסגעשטאנען אלע רעזולטאטן פון דעם דורכפאל.

נאך עטלעכע כאדאשים טפיסע האט מען שאפּערן און באַוערן פארטריבן פון פראנקרייך, און זיי האבן זיך אוועקגעלאזט קיין לאנדאן. אַנדערע מיטגלידער פון דעם „פארבאנד פון גערעכטיקע", ווי ווייטלינג, האבן זיך געלאָזט קיין שווייץ.

דער פאַרבאַנד, ווי א גאַנצער, האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן; נאר איינציקע מיטגלידער זיינע האָבן ניט אויפגעהערט צו אַרבעטן.

שאפּער און באַואוער זיינען אריינגעפאַלן אין לאָנדאָן גאָר אין אַן אנדער סוויווע, איינער זייערע כאַווירים, וואס זיינען אָנגעקומען קיין שווייץ. אין ענגלאַנד האָט זיך דאַן שוין אָנגעהויבן אַ ברייטע ארבעטער-באַוועגונג. אָפּגענאַרט דורך דער בורזשואזיע אין 1832 יאר, האָבן זיי שוין אין 1836 יאר געגרינדעט די לאָנדאָנער אַרבעטער-געזעלשאפט, וואס האָט אנגעהויבן א העפטיקן קאַמף פאַר אלגעמיינעם וואלרעכט. צום יאר 1840 איז די דאָזיקע באוועגונג, די ט ש א ר ט י ס ט י ש ע, שוין געווען א גרויסע קראַפט. ווען די טשארטיסטן האבן אין 1842 יאר דערלאנגט א פּ ע ט י צ י ע מיט דער פאדערונג פון אלגעמיינעם וואלרעכט, זיינען אַף איר געווען דריי מיליאן כסימעס.

שאַפּער און באאוער האָבן זיך גיך פארבונדן מיט די דייטשישע אַרבעטער, וואס האָבן זיך געפונען אין א גרויסער צאָל אין דער לאָנדאָנער שניידערשער און בוי-אינדוסטריע, און האָבן געגרינדעט אין פעוורואל 1840 יאר א זעלבסטבילדונג-געזעלשאפט פאַר דייטשישע ארבעטער. א חוץ זיי, האבן זיך איצט ארויסגערוקט דער מאַלער פענדער, דער זייגערמאַיסטער מ אָ ל, דער שניידער ע ק אַ ר י א ו ס.

אין דער געזעלשאַפט פלעגט מען לייענען פאָרטראָגן און פירן היציקע דיסקוסיעס וועגן דעם „לויפנדיקן מאָמענט”. שאַפּער און זיינע כאַווירים האָבן אין דערזעלביקער צייט אָנגעהאַלטן נאָענטע באַציאונגען מיט די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן אויסגעקליבן לאָנדאָן פאַר זייער וואוין-אָרט, און מיט די ענגלישע טשאַרטיסטן. זומער 1844-טן יאָר איז אין לאָנדאָן געקומען צו פאָרן ווייטלינג, וועמען מע האָט נאָך פאַרשיידענע מאַטערנישן געהאַט אַרויסגעשיקט פאַר קאמוניסטישער פראָפּאַגאַנדע פון דער שווייץ. מע האָט אים זייער הייס און איינהאַרציק אויפ-

געקומען אין לאָנדאָן. מע האָט לעקאָווער אים געמאַכט אַ מיטינג. דאָס איז געווען די ערשטע גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג אין לאָנדאָן, וואו עס האָבן זיך באַטייליקט ענגלענדער, דייטשן, פראַנצויזן און פּוילן.

שוין אין אָקטיאַבר 1844 איז, לויט שאַפּערס אויפטו, געגרינדעט געוואָרן אַ אינטערנאַציאָנאַלע געזעלשאַפט אונטערן נאָמען „דעמאָקראַטישע פריינט פון אַלע פעלקער", וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל — אַ דערנעענטערונג צווישן די רעוואָלוציאָנערן פון פאַרשיידענע לענדער, פאַרשטאַרקן די ברידערלעכקייט צווישן אַלע פעלקער, אויסקעמפן פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע רעכט.

וויטלינג האָט געפונען אין זיינע כאַווירים אַ גרויסע ענדערונג. אין דער צייט, וואָס ער אין דער שווייץ האָט זיך געדרייט נאָר צווישן בירגער און באַלמעלאָכעס, האָבן זיינע כאַווירים אין לאָנדאָן גאָר ענג פאַרבונדן זיך מיט די ענגלישע פּראָלעטאַריער און האָבן זיך באַטייליקט דירעקט אין זייער קאַמף. זיי האָבן שוין געמאַכט זייערע אויספירן פון דעם ניט-געלונגענעם פרואוו דעם 12-טן מאַי 1839 יאָר, און, האָבנדיק אָנערקענט, אַז אַזעלכע בונטאַרישע פרואוון זיינען ניט צוועקמעסיק, האָבן זיי איצטער געהאַלטן, אַז עס איז נויטיק צו פירן אַן אויפקלערונג-אַרבעט צווישן די פּראָלעטאַריער קעדיי בעסער צוגרייטן זיי פאַר דער אויפגאַבע, וואָס עס שטייט זיי פאָר.

דידאָזיקע כאַלוקע-דייעס זיינען נאָך מער פאַרשאַרפט געוואָרן נאָך דעם, ווי שאַפּער און זיינע פריינט האָבן זיך באַקענט זומער 1845 יאָר מיט צוויי דייטשישע קאָמוניסטן — מ א ר ק ס און ע נ ג ע ל ס.

זיי ביידע האָבן געשטאַמט פון אַ בירזשואַזער סוויווע. מ אַ ר ק ס (געבאָרן דעם 5-טן מאַי 1818 יאָר) איז געווען אַן אַדוואָקאַטס אַ זון, ע נ ג ע ל ס (געבאָרן דעם 28-טן נאָיאַבר 1820 יאָר) איז געווען אַ זון פון אַ טעקסטיל-פאַבריקאַנט. ביידע האָבן פון

די יונגע יאָרן אָן אַקטיוו באַטייליקט זיך אין דעם קאַמף, וואָס די דייטשישע „אינטעליגענציע" האָט דאַן געפירט קעגן דעם דרוק פון דער מאָנאַרכיע, פון דעם אַדל און פון די באַאַמטע. אָבער שוין גאָר גיך זיינען זיי ביידע געקומען צום שלוס, אַז די ריינע דעמאָקראַטיע (פאָלקסהערשאַפט) איז ניט דער עמ סער אויסוועג, אַז זי לאָזט אומבאַרירט די הויפט-יעסוידעס פון דער היינטיקער געזעלשאַפט, דאָס, וואָס זי איז איינגעטיילט אַף רייכע און אָרימע. ביידע זיינען געוואָרן קאָמוניסטן, זיי האָבן אָבער ניט געקענט צעפּרידן בלייבן — דעריקער, מאַרקס — מיט דער לערע, וואָס איז דאַן אַמערסטן געווען פאַרשפּרייט צווישן די קאָמוניסטן.

מאַרקס איז שוין אין 1844 געקומען צום שלוס, אַז די „אינטעליגענציע" אַליין איז אָנמעכטיק אין קאַמף מיט דער בורזשואזער געזעלשאַפט, אַז זי קען נאָר פאַנאַנדעראַרבעטן די וויסנשאַפט וועגן איבערבויען די געזעלשאַפט, אָבער ניט מיט דער הילף פון פּראָפּאַגאַנדע, ניט מיט דער הילף פון אַן אויפשטאַנד, צוגעגרייט דורך אַ קליין הייפל, מעג זיך זיין אפילע זייער אַנטשלאָסענע מעגטשן, וועט זי ניט קענען דערשלאָגן זיך צו אַ גרונטלעכער איבערקערעניש אין אַלע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. דאָס קאָן טאָן נאָר אַזאַ געזעלשאַפטלעכער קלאַס, ד. ה. אַ גראַד מענטשן, וואָס זיינען אין דער באַטרעפנדיקער געזעלשאַפט פאַרבונדן צווישנאַנאַנד דורך דערזעלביקער לאַגע, דורך דיזעלביקע אינטערעסן, וואָס איז געצוואונגען — מעג ער זיך יאָ וועלן, ניט וועלן — צו פירן אַ קאַמף מיט דערדאָזיקער געזעלשאַפט, אויב ער וויל פּאָטער ווערן פון דרוק און עקספּלואַטאַציע. אַזאַ קלאַס האט, לויט זיין מיינונג, געקענט זיין נאָר דער פּראָלעטאַריאַט. אין דער צייט, וואָס אַנדערע קלאַסן זיינען אַזוי אָדער אַנדערש פאַרינטערעסירט אויפצוהאַלטן די עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפט, וואָס איר יעסאָד איז פּריוואַט-אייגנטום אַף די פּראָדוציר-מיטלען, איז דער פּראָלעטאַריאַט דער איינציקער

קלאַס, וועלכער צייכנט זיך טאַקע דערמיט אויס, וואָס ער האָט ניט דאָסדאָזיקע פּריוואַט-אייגנטום. דערפאַר גראָד איז ער עס געצוואונגען צו פאַרקויפן זיין ארבעט-קראַפט, ווי א סכוירע, מאַס-קים זיין מע זאָל אים עקספּלואטירן. באַפרייען זיך פון דערדאָ-זיקער שאָפּעלער לאַגע קען ער נאָר דאַן, ווען עס וועט איבער-געאַנדערשט ווערן די גאנצע געזעלשאַפט, ווען עס וועט באַטל ווערן דאָס פּריוואַט-אייגנטום אף פּראָדוציר-מיטלען, ווען עס וועט איינגעשטעלט ווערן א געזעלשאפטלעך אייגנטום, און אף אזא אופן וועט פארשווינדן יעטווידע עקספּלואטאציע פון איין מענטשן דורך דעם אַנדערן. דער פּראָלעטאריאט דארף דערקענען זיינע געמיינשאַפטלעכע קלאַסן-אינטערעסן, דארף זיך צואייגענען די וויסנשאפט און מאַכן א רעוואלוציע. דער פארבאנד צווישן דער וויסנשאַפט און דעם פּראלעטאריאט וועט זיי מאַכן פאַר אום-באַזיגבאַר.

אָט די גרונט-מיינונג האָט געקראָגן אויך ענגעלס, וואָס האָט דאַן געאַרבעט איבער א בוך וועגן „דער לאַגע פון דעם ארבעטער-קלאַס אין ענגלאַנד". צוזאַמען האבן זיי פאָרגעזעצט צו פאָרשן די נאַטור פון פּראלעטאַרישן קאמף, די טנאָאים, בא וואָסערע ער קומט אויף און אנטוויקלט זיך, די צוועקן, וואָס דערגייען פון אים ארויס. ווינטער פון דעם יאָר 1845—1846 האָבן זיי איסגעארבעט די הויפּט-יעסוידעס פון זייער לערע.

עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז דער פּראָלעטארישער קאַמף איז ניט קיין צופעליקע דערשיינונג, אז ער האָט זיך אָנגעהויבן, ווי אַן אומפארמיידלעכער רעזולטאט פון די נייע געזעלשאפטלע-כע פארהעלטענישן, אז מע קען אים ניט באזייטיקן, קאָלזמאַן זיין ציל וועט ניט דערגרייכט ווערן. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז די עקאָנאָמישע, ווירטשאפטלעכע פארהעלטענישן, וואָס די פּרי-וואַטיקע קאַמוניסטן פלעגן דעם ניט צוגעבן קיין שום באטייט, ווייזן, פארקערט גאָר, דער יעסאָד, אף וואָסערן עס וואַקסן אויס יעדעס מאָל נייע געזעלשאפטלעכע פאָרמען, אף וועלכן עס קו-

מען אויף אלע מאָל נייע קלאסן-סטירעס, נייע קלאסן, וואָס באַשטימען מיט זייער קאמף דאס לעבן פון דער געזעלשאפט. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז די אנטוויקלונג פון פראלעטאריאט איז פונקט אזוי אומפארמיידלעך, ווי די אנטוויקלונג פון דער בורזשואזיע. און דערפון איז געדרונגען, אז דער פראלעטאריאט האט געדארפט נאָכטאָן דעם ביישפיל פון דער בורזשואזיע אין די פאָרגעשריטענע לענדער, האט געדארפט באנעמען זיינע צוועקן און אויפגאבן, ארגאניזירן זיך אין א באזונדערער פארטיי און איבעראנדערשן די גאנצע געזעלשאפט לויט אט די צוועקן זיינע.

מאַרקס און ענגעלס, וואָס זיינען געוועזן ניט נאר געלערנטע, בוך-מענטשן, האבן איצטער אנטוויקלט א ברייטע אגיטאציע פאר זייער לערע. ברויסעל, וואו זיי האבן דאן געוואוינט, איז, מאכמעס דער נאענטקייט צום דייטשישן גרענעץ, געווען זייער אַ באקוועם אָרט פאר פאַרבינדונגען מיט די דייטשישע ארבעטער, וואָס פיל פון זיי פלעגן אהין פארפאָרן. מארקס און ענגעלס האבן זיך איינגיכן געשטעלט אין צענטר פון דער גאנצער דאמאָלסדיקער ארבעט צווישן די דייטשישע ארבעטער. קעדיי צוצוגרייטן א מער ברייטע ארגאניזאציע, האבן זיי פארגעלייגט זייערע כאַווייריִם צו ארגאניזירן אין די פארשיידענע שטעט צווישן די אַרבעטער-געזעלשאַפטן, וואָס זיינען דאָרט דאַן געווען, ספּעציעלע קעמערלעך, וואָס מע האָט אַ נאָמען געגעבן קאָמיטעטן פאַר פאַרבינדונגען. איטלעכס פון זיי האָט געדאַרפט זיין פארבונדן מיטן ברויסעלער קאָמיטעט. אזעלכע קעמערלעך זיינען געשאפן געוואָרן אין לאנדאָן, — דאָרט זיינען אַהין אריינגעטראטן שאַפּער, מאָל און זייערע פריינט, — און אויך אין פּאַריז, וואו עס האָט געאַרבעט, דערהויפּט, ענגעלס, וועלכער איז אריבערגעפאָרן אהין. אומעטום איז פאָרגעקומען א היציקער קאַמף, אומעטום האָט זיך געפירט זייער א לעבעדיקע דיסקוסיע. מיט ווייטלינגען זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען ניט נאר מאַרקס און ענגעלס, נאָר אויך זיינע אַלטע לאָנדאָנער פריינט. צוזאַמען מיט איינעם א סטודענט —

קריגע, וואָס האָט געפּריידיקט א באַזונדער מין קאָמוניזם, אפן יעסאָד פון „ליבע”, און האָט געווייכט פון קלאַסנקאַמף, איז ער אינגיכן אַוועקגעפאָרן קיין אמעריקע.

נאָך אן אומגעלונגענעם פּרואוו צענויפצורופן אַ צוזאמענפאָר -ין אלע קאָמוניסטישע קעמערלעך אין בעלגיע, אין דער שטאָט ווערוויע, האַרט באַם גרענעץ פון דייטשלאַנד, האָט מען צענויפגערופן א צוזאַמענפאָר אין לאָנדאָן זומער 1847 יאָר. קוידעמקאָל איז געשאַפן געוואָרן אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פון אָנהויב אָן געקראָגן א אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער. פאַרן צוועק פון דעם פאַרבאַנד האָט מען אַוועקגעשטעלט — אַראָפּוואַרפן די בורזשואזיע, די הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט, באַטל מאכן די אַלטע בורזשואזע געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אף קלאַסנקאַמף, גרינדן א נייע געזעלשאַפט אָן קלאַסן און אָן פּריוואַט-אייגנטום.

דער סטאַטוט פון דעם פאַרבאַנד איז געווען געבויט אף די יעסוידעס פון דעמאָקראַטישן צענטראליזם. די קאָמיטעטן — אָרטיקע, געגנטלעכע, דער צענטראלער — זיינען געווען געוויילט און האָבן געקענט אומגעביטן ווערן. דער העכסטער אָרגאַן איז געווען דער צוזאמענפאָר פון פאַרבאַנד. דער אָנגענומענער סטאַטוט האָט נאָך געדאַרפט באַטראַכט ווערן דורך די אָרטיקע קאָמיטעטן און ווידעראַמאָל באַהאַנדלט ווערן אפן צווייטן צוזאַמענפאָר.

מע האָט באַשלאָסן ארויסצוגעבן אן אייגענעם זשורנאַל. דער פּראָבע-נומער איז ארויס אין סענטיאבער 1847 יאָר. אפן ערשטן זייטל טרעפן מיר דאָרט דעם נייעם לאָזונג, וואָס דער פאַרבאַנד האָט אָנגענומען: „פּראָלעטאַריער פון אלע לענדער פאַראייניקט זיך!”

אָט דעם קלאסן-לאָזונג, וואָס שטרייכט אונטער שאַרף דעם קלאַסנכאַראַקטער פון דעם נייעם פאַרבאַנד, האָט פאָרגעלייגט

מאַרקס אָנשטאָט דעם אלטן אומבאַשטימטן לאָזונג: „אלע מענטשן זיינען ברידער!“

דער צווייטער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין נאָיאבר — דעקאַבר 1847 יאָר. נאָך לאַנגע וויקוכים האָט מען אָנגענומען דעם נייעם סטאַטוט און די גרונט-האַנאָכעס פון דער נייער פראָגראַם. צענויפשטעלן זי אין דער פארם פון א ספעציעלן מאַניפעסט האָט מען איבערגעגעבן מאַרקסן, וואָס האָט צו זיין ארבעט אויסגענוצט אויך דעם פראָיעקט, וואָס ענגעלס האט צענויפגעשטעלט.

מאַרקס האָט זיך גענומען פאר דער ארבעט. פארשטייענדיק, אז אף אים ליגט א גרויסע אכראיעס, אז א פראָגראַם, וואס דאַרף צום ערשטן מאָל ארויסשטעלן פאר דער גאַנצער וועלט די צילן און די אויפגאבן פון דעם פראלעטאַריאַט, קען מען ניט אָנשרייבן היציקערהייט, געאיילטערהייט, — האט ער זי לאַנג געהאלטן אין באַארבעטן.

דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דעם פאַרבאַנד — פאר זיין רעזידענציע האָט מען אויסגעקליבן לאָנדאָן — האָט סאָפקאָלסאָף פארלאָרן די געדולד און האָט דעם 26 יאַנוואר 1848 יאָר אוועקגעשיקט, מיט די אונטערשריפטן פון שאפער, מאָל און באַאוער, א שטרענגן בריוו צו מאַרקסן, אז אויב ער וועט ניט צושטעלן דעם מאַניפעסט צום 1-טן פעוורואַל, מוז ער אומקערן צוריק אלע דאָקומענטן, וואָס מע האָט אים געגעבן.

מאַרקס האָט אָפגעשיקט דעם מאַניפעסט אין פעוורואל, און מע האָט אים טייקעף אָפגעדרוקט. דאָס האָט געמוזט זיין ניט פריער פון דער דריטער וואָך אין פעווראל. דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט ניט אומזיסט צוגעטריבן מארקסן. אין יאנוואר האבן זיך שוין אָנגעהויבן שטאַרקע אומרוען אין איטאליע, און דעם 24-טן פעווראל האָט אויסגעבראָכן א רעוואָלוציע אין פאריז (די פעוראל-רעוואלוציע), און דערנאָך א רעוואָלוציע אין ווין און בערלין (די מאַרט-רעוואָלוציע).

נאָר אויב דער מאַניפעסט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן צו שפּעט, אַז ער זאָל קענען האָבן א ווירקונג אף דער צוגרייטונג פון דער רעוואָלוציע אין 1848 יאָר, איז ער דאָך געוואָרן די פּראָגראַם פון דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער-באַוועגונג. אף וואָסערע 23 זײַטלעך — אזוי פיל איז געווען אין דער ערשטער אויפלאַגע, געדרוקט אין אַן אַרבעטער-דרוקעריי, — האָט דער מאַניפעסט געגעבן דעם קאָמפּנדיקן פּראָלעטאַריאַט א ריכטיק און פּינקטלעך בילד פון דער הײַנטיקער בורזשואזער געזעלשאַפט און פון דעם קלאַסנקאַמף, וואָס מוז זיך אין איר אומפאַרמײַדלעך צעוויקלען. ער האָט באַוויזן, ווי אומפאַרמײַדלעך עס האָט זיך אַנטוויקלט די בורזשואַזיע, ווי עס האָבן זיך געענדערט די באַדינגונגען פון איר עקזיסטענץ מאַכמעס די ענדערונגען פון די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן, מאַכמעס דעם בײַט פון פאַרשיידענע פאָרמען פון אינדוסטריע, ווי אַזוי זי איז געווען געצוואונגען אַרײַנצולאָזן זיך אין א קאַמף מיט דער אַלטער אדל-געזעלשאַפט. פּונקט אזוי קלאָר און בולעט זײַנען נאָכגעשפּירט אַלע שטופעס אין דער אַנטוויקלונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס גייט נאָך פּיס-טריט נאָך דער בורזשואַזיע. דער מאַניפעסט האָט באַוויזן, אַז דער קאַמף פון די אַרבעטער קומט אויף ניט אונטער דער ווירקונג פון אַגיטאַטאָרס, קאָלערליי פאַרברעכערישע אײַנריידערס, ווי עס האָט געמיינט די בורזשואַזיע, די פּאָליציי און זשאַנדאַרמען, אַז אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אַנטוויקלט ער זיך אומפאַרמײַדלעך, אַז דער פּראָלעטאַרישער קאַמף גייט דורך פון שטאַפּל צו שטאַפּל, אָנהויבנדיק פון אײַנצלנע צוזאַמענשטויסן ביז צו א גענעראַלן שלאַכט מיט דער בורזשואַזער געזעלשאַפט.

דער מאַניפעסט האָט אין צענויפגעפּרעסטע, אויסגעטאָקטע האַנאָכעס אויסגעשטעלט די הויפּטפאָדערונגען פון די קאָמוניסטן און האָט צעקריטיקירט אף אַש די דערווידערונגען פון די בורזשואַזע געלערנטע.

דער מאַניפעסט האָט פאַנאַנדערגעקליבן אַלע פארשיידנאַרטיקע שטרעמונגען, וואָס זייַנען דאַן געווען צווישן די סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן. ער האָט קעגן זיי אַלעמען אַרויסגעשטעלט די רעוואָלוציאָנערע פּראָגראַם פון דעם נייעם פּראָלעטאַרישן, וויסנשאַפטלעכן קאָמוניזם.

דער מאַניפעסט האָט דייטלעך און פעסט אָנגעצייכנט די גרונטליניעס, ווי אַזוי קאָמוניסטן דאַרפן זיך פירן בעת א רעוואָלוציע.

דער מאַניפעסט האָט געגעבן דעם פּראָלעטאַריאַט א שליסל אַף צו פאַרשטיין דעם אַמאָל און דעם הייַנט. ער האָט אים אויסגעלערנט פאַנאַנדערצוקלייבן זיך אין די מאַטעריעלע פאַרהעלטענישן, אין די באַדינגונגען פון פּראָדוקציע און פאַנאַנדערטיילונג, וואָס דורך זיי ווערן באַשטימט אַלע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פאַרהעלטענישן. ער האָט אים געגעבן אין די הענט אַזאַ מעכטיק געווער, ווי דאָס מאַטעריאַליסטישע פאַרשטייַן פון געשיכטע. ער האָט אים געגעבן אַזאַ מעגלעכקייט פאָרויסצוזען די צוקונפט, וואָס קיין קלאַס אין דער געשיכטע, וועלכער האָט ווען עס איז געקעמפט פאַר זייַן באַפרייאונג, האָט עס ניט פאַרמאָגט.

פאַר די 75 יאָר, וואָס זייַנען פאַריבער, זינט אַט דאָס קלייַנע ביכעלע איז אַרויס, זייַנען אַף דער וועלט פאָרגעקומען די טיפסטע ענדערונגען. אָבער אין דעם ווירבל-ווינט פון געשעענישן איז דער מאַניפעסט געבליבן שטיין פעסט, ווי א הויכער לייַכטטורעם, וואָס איז אויסגעבויט אַף א פעסטן גראַניט, און זייַן ליכט דינט נאָך אויך איצטער ווי אַ וועגווייַזנדיקער שטערן דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט.

ניט אַזוי פעסט האָט זיך אַרויסגעוויזן דער ערשט געגרינדעטער פאַרבאַנד פון קאָמוניסטן. בעת דער רעוואָלוציע האָט ער, אינגאַנצן גענומען, געשפּילט א גאַנץ קנאַפּע ראָלע. מערניט איינצלנע מיטגלידער זייַנע, אי דאָס ניט ווי פאַר-

שטייער פון אַן ארגאניזאציע, נאר ווי יעכידים, האבן זיך באטייליקט אין דער רעוואלוציע און אַלץ מיט מער פרוכטבארקייט, וואס בעסער זיי האבן באנומען די גרונט-געדאנקען פון דעם מאניפעסט.

נאָך דער מאַפּאָלע פון דער רעוואָלוציע האָבן זיך אסאַך מיטגלידער פון דעם פאַרבאַנד ווידער צענויפגעקליבן אין לאָנדאָן. מע האָט געמאַכט אַ פּרואוו אויפצושטעלן אים פון דאָסניי, אָבער די כאלוקעדייעס האָבן גיך געבראכט צו אַ שפּאַלטונג. די מינדערהייט, ניט רעכענענדיק זיך מיט די באַדינגונגען פון דער ווירקלעכקייט, האָט געוואָלט ניט אַנדערש ווי טייקעף מאַכן אַ נייע רעוואָלוציע. די מערהייט, בעראָש מיט מאַרקסן און ענגעלסן, האָט דערוויזן, אז מע מוז פריער פארשטארקן די אָרגאניזאַציע און אויסווארטן אף אַ גינסטיקערער צייט. זיי האָבן געפּרואווט באנייען די פארבינדונג מיט דייטשלאנד, דאָס האָט זיך זיי אָבער ניט איינגעגעבן. די וויכטיקסטע מיטגלידער האָט מען אויסגעשפירט און פארזעצט. נאָך אָנדערהאלבן יאָר זיצן האָט מען זיי אין 1852 יאָר געמישפּעט אין קעלן און פארמישפּעט צו טפיסע פון דריי ביז זעקס יאָר. דער „פארבאנד פון קאָמוניסטן“ אין לאָנדאָן האָט אזוי אָנגעוואָרן יעטווידן צוזאמענבונד מיט דייטשלאנד, און האָט זיך דערקלערט פאר פאנאנדערגעלאָזן.

צוועלף יאָר איז אריבער, ביז וואַנען די אייראָפּעאישע אַרבעטער-באַוועגונג איז אף אזוי פיל געקומען צו זיך, אז מע האָט ווידער געקענט אָנהויבן טראכטן וועגן באשאַפן אַ נייע אינטערנאציאָנאלע אָרגאניזאַציע. היינטיקס מאָל האָט דער אויפטו געשטאמט פון די פראנצויזישע און ענגלישע אַרבעטער, אָבער צענויפשטעלן די פּראָגראַם און דעם סטאַטוט פון דער אינטערנאציאָנאלער ארבעטער-אסאָציאציע (כעוורע), וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין לאָנדאָן דעם 28-טן סענטיאבר 1864 יאָר, איז אויסגעפאלן אף מאַרקסן. נייען יאָר האָט אָט דער נייער אינטערנאציאָנאַל—מע ופט אים דער ערשטער אינטער-

נאציאָנאַל — אָנגעפירט די גאנצע אייראָפּעאישע און אמעריקאַנער ארבעטער-באוועגונג.

די מאפּאָלע פון דער קאָמונע, אָט דעם ערשטן פּרואוו פון דעם אַרבעטער-קלאַס צו באהערשן די פּאָליטישע מאַכט, האָט דערלאַנגט דעם וויכטיקסטן קלאַפּ דעם ערשטן אינטערנאציאָנאַל. דערצו איז נאָך צוגעקומען דער קאַמף פון די אנארכיסטן קעגן דעם גענעראַלן ראט. אין זעם יאָר 1876 האָט דער ערשטער אינטערנאציאָנאַל אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

פון זיינע ברוכשטיילן זיינען אין פארשיידענע לענדער געשאפן געוואָרן פּארטייען פון דעם ארבעטער-קלאַס. אין 1889 יאָר האָבן זיי זיך צענויפגעקליבן אף אַ צווישנפעלקערלעכן קאָנגרעס אין פאריז און האָבן געגרינדעט דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט אין 25 יאָר ארום אזוי שענדלעך אונטערגעגעבן זיך אפן כעסעד פון דער בורזשואזער וועלט אין אווגוסט 1914 יאָר.

אָנשטאָט צו פאריניקן זיך קעגן דער בורזשואזיע, האָבן די ארבעטער-פּארטייען פון דעם 2-טן אינטערנאציאָנאַל אין נאָמען פון דעם בורזשואזן פאָטערלאנד, וואָס מע דארף קלוימערשט ראַטעווען, און אונטער דער פירערשאפט פון דער אייגענער בורזשואַזיע, גאָר גענומען זיך צו פארטיליקן איינע די אנדערע.

נאָר דער רוסישער פּראָלעטאריאט אליין האָט געמאכט אַ העלדישן פּרואוו ארויסצורייסן זיך פון אָט דער אלוועלטלעכער שכיטע. אים האָט זיך איינגעגעבן מאכן א טאָלק מיט זיין בורזשואַזיע און, שטיצנדיק זיך אף דער פּויערשאפט, פארכאפּן די פּאָליטישע מאכט דעם 25-טן אָקטיאבר (7-טן נאָיאבר) 1917 יאָר. און אין 1918 יאָר האָט אונזער פּארטיי באשלאָסן אָפּצוזאָגן זיך פון דעם פריערדיקן נאָמען (סאָציאל-דעמאָקראטישע), וואָס איז איצטער באשמוצט געוואָרן דורך די פּשאָרעמאכערס, און אָנעמען דעם „אלטן נאָמען קאָמוניסטן. זי האָט געדארפט איצטער אויסקלייבן, פּונקט אזוי ווי אַמאָל דער „פּארבאנד פון קאָמוניסטן":

„סאָציאַליזם האָט באַטייט אין 1847 יאָר אַ בורזשואזע באַ־וועגונג, קאָמוניזם—אַן אַרבעטער־באַוועגונג. פאַר דעם סאָציאַליזם זיינען, לעפּאָכעס אפן קאָנטינענט, געווען אָפּן די טירן פון די סאַלאָנען, פאַרן קאָמוניזם זיינען זיי געווען פעסט פאַרשפּאַרט. און אַזוי ווי מיר זיינען שוין דאַן געווען פעסט איבערגעצייגט, אַז „די באַפרייאונג פון די אַרבעטער דאַרף זיין אַ זאַך פון דעם אַרבעטער־קלאַס גופע", האָט בא אונז אף קיין איין מינוט ניט געקענט זיין קיין ספּעק, וואָסערן פון די צוויי נעמען מיר דאַרפן אויסקלייבן, און שפּעטער איז אונז אויך קיינמאָל אפן זינען ניט אַרויף אָפּצוזאָגן זיך פון אים".

אַזוי שרייבט ענגעלס. איצטער באַטייט אויך סאָציאַלדע־מאָקראַטיע אין דער אָדער יענער מאָס — פּשאָרע־מאַכעריי און שאָלעם מיט דער בורזשואזיע, קאָמוניזם—אומבעשאָלעמדיקן קלאַ־סנקאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

דעריבער האָט אויך דער נייער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין מאָסקווע אין 1919 יאָר, צום אָפּשייד פון דעם באַנקראָטירטן 2-טן אינטערנאַציאָנאַל, אָנגענומען דעם נאָמען ק אָ־מ ו נ י ס ט י ש ע ר א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ א ל, אויפהאַלטנדיק אף אַזאַ אויפן די גערימטע געבאָטן פון דעם ק אָ מ ו נ י ס ט י ש מ א נ י פ ע ס ט.

# קאמוניסטישער מאניפעסט

א שרעקבילד גייט אום איבער אייראפע — דאָס שרעקבילד פון קאמוניזם. אלע קויכעס פון דער אלטער אייראפע האָבן זיך פאראייניקט צוליב דער הייליקער זאך פון העצן און רוידעפן דעם־דאזיקן רועך,—דער פויפסט און דער צאַר, מעטערניך און גיזאָ, פראנצויזישע ראַדיקאלן און דייטשישע פאליציילייט.

וואו איז דאָ אזא אָפאזיציאנעלע פאַרטיי, וואס די רעגירנדיקע קעגנער אירע זאלן זי ניט האָבן פארשריען אלס א קאמוניסטישע, וואו איז דא אזא אָפאזיציאנעלע פארטיי, וואס זאל ניט האבן צוריקגעשליידערט דעם שטעמפלענדיקן פארוואורף אין קאמוניזם צו די מער פארגעשריטענע פארשטייער פון דער אפאזיציע אדער צו אירע רעאקציאנערע קעגנער?

צוויי זאכן דרינגען ארויס פון דעמדאזיקן פאקט.

דער קאמוניזם ווערט שוין פון אלע אייראפעאישע הערשאפטן אנערקענט פאר א קראפט.

עס איז שוין די העכסטע צייט, אז די קאמוניסטן זאלן אָפן פאר דער גאַנצער וועלט דערציילן וועגן זייער וועלטאנשויאונג, וועגן זייערע צילן, זייערע שטרעבונגען, און קעגן דער באָבע־מאיסע וועגן א שרעקבילד פון קאמוניזם ארויסשטעלן א מאני־פעסט פון דער פארטיי גופא.

צוליב אט דעם צוועק האבן זיך קאמוניסטן פון די פאר־שיידנסטע נאציאָנאליטעטן צענויפגעקליבן אין לאנדאן און האבן צענויפגעשטעלט דעמדאזיקן מאניפעסט אף צו פארעפנטלעכן אים אין ענגליש, דייטש, איטאליעניש, פלעמיש און דעניש

1.

# בורזשוא און פראלעטאריער.

די געשיכטע פון דער גאנצער ביז-איצטיקער געזעלשאפט *) איז די געשיכטע פון קלאסנקאמפן.

פרייער און שקלאף, פאטריציער און פלעביי, באראן און לייב-אייגענער, צעך-מאיסטער און געזעל, מיט איין ווארט, אונטערדריקער און אונטערגעדריקטע זיינען שטענדיק-געוועזן אין א סטירע צווישנאנאנד, האבן געפירט אן אומויפהערלעכן, אמאל א באהאלטענעם, אמאל אן אפענעם קאמף, א קאמף, וואס האט זיך איטלעכס מאל געענדיקט מיט א רעוואלוציאנערער איבערבויאונג פון דער גאנצער געזעלשאפט אדער מיטן געמיינזאמען אונטערגאנג פון קעמפנדיקע קלאסן.

אין די פריערדיקע עפאכעס פון דער געשיכטע געפינען מיר קימאט אומעטום א פולשטענדיקע צעגלידערונג פון דער געזעלשאפט אף פארשיידענע שטאנדן, א פארשיידנארטיקן לייטער

---

*) דאס הייסט, פינקטלעך גערעדט, די געשיכטע, וועגן וואסערע עס זיינען א שריפטלעכע דאקומענטן. אין 1847-טן יאר איז נאך די פארגעשיכטע פון דער געזעלשאפט, די געזעלשאפטלעכע ארגאניזאציע, וואס איז געוועזן פריער פאר יעסווידער געשריבענער געשיכטע, געוועזן קימאט אינגאנצן אומבאקאנט. זינט דאן האט האקסטהאַוזען אנטדעקט אין רוסלאנד דאס געמיינדע-אייגנטום אף ערד, מאורער אט דערוויזן, אז דאס איז דער געזעלשאפטלעכער יעסאד, פון וואנען אלע ד יי ט ש י ש ע שוואטים האבן אנגעהויבן זייער געשיכטלעכע אנטוויקלונג, און ביסלעכווייז האט מען אויסגעפונען, אז דארף-געמיינדעס מיט געמיינזאמען ערד-באזיץ איז געווען די אור-פארם פון דער געזעלשאפט אומעטום, פון אינדיע ביז אירלאנד. לעסאף, איז די אינערלעכע ארגאניזאציע פון אט דער אור-ערשטער קאמוניסטישער געזעלשאפט אין איר טיפישער פארם אויפגעדעקט געווארן דורך מארגאנען, וועלכער האט קלאר געמאכט די ריכטיקע נאטור פון דעם שטאם (גענט) און זיין ארט אין דעם שיווּעט. מיט דער צעפאלונג פון אט דער אור-ערשטער געמיינדע הויבט זיך אן די שפאלטונג פון דער געזעלשאפט אף באזונדערע, און דערנאך קעגנגעשטעלטע קלאסן. (אנמערקונג פון ענגעלסן צו דער לעצטער אויסגאבע פון דעם „מאניפעסט”).

פון-געזעלשאפטלעכע מאדרייגעס. אין דעם אלטן רוים האָבן מיר פאַטריציער, רייטער, פלעביייען, שקלאפן; אין מיטלאלטער—פעאָדאלן, וואַסאַלן, צעך-מאיסטערס, געזעלן, לייב-אייגענע און דערצו נאָך קימאט אין יעדערן פון די דאזיקע קלאסן ווידער באזונדערע מאדרייגעס.

די הייַנטיקע בורזשואזע געזעלשאפט, וואס איז אויפגעקומען אף די כורוועס פון דער פעאָדאַלער געזעלשאפט, האט די קלאסנסטירעס ניט אָפגעשאפט, זי האט נאר אנשטאט די אלטע אוועקגעשטעלט נייע קלאסן, נייע טנאָאים פון אונטערדריקונג, נייע אויפאנים פון קאמף.

אונזער עפּאָכע, די עפּאכע פון דער בורזשואזיע, צייכנט זיך אָבער אויס דערמיט, וואס זי האט די קלאסנסטירעס פארייַנפאכט. די גאנצע געזעלשאפט שפּאלט זיך אלץ מער און מער אף צוויי גרויסע פייַנטלעכע לאגערן, אף צוויי גרויסע קלאסן, וואס שטייען דירעקט איינער קעגן דעם אנדערן: בורזשואזיע און פּראָלעטאריאט.

פון די לייב-אייגענע אין מיטלאלטער זייַנען ארויסגעגאנגען די בירגערלעכע פון די ערשטע שטעט; פון אט דער בירגערלעכער באפעלקערונג האבן זיך אַנטוויקלט די ערשטע עלעמענטן פון דער בורזשואזיע.

די אנטדעקונג פון אמעריקע און פון דעם יאַמוועג ארום אַפריקע האט געשאַפן פאר דער אויפקומענדיקער בורזשואזיע א נייעם באָדן. דער אָסט-אינדישער און כינעזישער מארק, די קאָלאניזירונג פון אמעריקע, דער מיסכער מיט די קאלאָניעס, די פארמערונג פון די אויסטויש-מיטלען און פון סכוירעס ביכלאל,—דאס אַלץ האט געבראכט דעם האנדל, דער יאַמפּאַרעריי, דער אינדוסטריע אַן אומגעהערטן אויפשטייג און דערמיט באטייטנדיק פארגיכערט די אַנטוויקלונג פון דעם רעוואלוציאָנערן עלעמענט אין דער צעפאלנדיקער פעאָדאַלער געזעלשאפט.

דער ביזאהעריקער פעאָדאַלער אדער צעכנדיקער אויפן פון

פראדוקציע אין דער אינדוסטריע האָט שוין מער ניט געקאנט באַפרידיקן דעם באַדאַרף, וואס איז אנגעוואַקסן מיט די נייע מערק. אנשטאָט אים איז געקימען די מאַנופאַקטור. די צעך-מאַיסטערס זיינען ארויסגעשטויסן געווארן דורך דעם אינדוסטריעלן מיטלשטאַנד, די אַרבעט-צעטיילונג צווישן די פארשיידענע קאָר-פּאָראציעס איז פארשוואונדן געווארן לעגאַבע דער ארבעט-צעטיי-לונג אין דעם איינצלנעם ווארשטאט גופע.

דער מאַרק אבער איז קעסיידער געוואקסן, דער באַדאַרף איז אלץ גרעסער געווארן. די מאנופאקטור האט שוין אויך מער ניט געקלעקט. דאן האט דאַמף און מאַשינע געמאַכט א רעווא-לוציע אין דער אינדוסטריעלער פראדוקציע. אָנשטאָט דער מא-נופאַקטור איז געקומען די היינטיקע גרויס-אינדוסטריע, אנשטאט דעם אינדוסטריעלן מיטלשטאַנד זיינען בעראָש פון גאַנצע אינ-דוסטריעלע אַרמייען געקומען די אינדוסטריעלע מיליאָנערן, די מאָדערנע בורזשואַ.

די גרויס-אינדוסטריע האט געשאפן - דעם וועלטמארק, וואס די אנטדעקונג פון אַמעריקע האָט אים צוגעגרייט. דער וועלטמארק האָט געבראַכט דעם האַנדל, דער יאַמפּאָרעריי, דעם פאַרקער אף דער יאַבאָשע אַ קאָלאָסאלע אנטוויקלונג. דאָס האט געווירקט צוריק אף דער אויסשפרייטונג פון דער אינדוסטריע, און אף וויפל עס האט זיך אויסגעשפרייט די אינדוסטריע, דער האַנדל, די יאַמפּאָרעריי, אייזנבאַנען, אין דערזעלביקער מאָס האט זיך אנט-וויקלט די בורזשואַזיע, האָבן זיך געמערט אירע קאפּיטאַלן, האט זי אָפּגעשטויסן צום הינטערגרונט די אלע קלאַסן, וואס זיינען פארבליבן פון דעם מיטלאלטער.

אזוי זעען מיר, אז די מאדערנע בורזשואזיע גופע איז א פראדוקט פון א לאַנגן אנטוויקלונגס-גאנג, פון א רייע איבערקע-רענישן אין דעם אויפן פון פראָדוקציע און פאַרקער.

איטלעכן שטאפּל אין אט דער אַנטוויקלונג פון דער בור-זשואזיע האָט באַלייט אן אַנטשפּרעכיקע פּאָליטישע דערגרייכונג.

אָט אַן אונטערגעדריקטער שטאַנד אונטער דער הערשאַפט פון ד פעאָדאַלן, אַט אַ באַוואַפנטע אַסאָציאַציע מיט זעלבסטפארוואַלטונג אין דער קאָמונע*), דאָ אַן אומאָפהענגיקע שטאַטישע רעפובליק, דאָרט אַ דריטער שטייער-צאָלנדיקער שטאַנד אין דער מאָנאַרכיע, דערנאָך, צו דער צייט פון דער מאַנופאַקטור, אַ קעגנגעוויכט צום אַדל אין דער אַבסאָלוטער אָדער שטאַנדן-מאָנאַרכיע, בכלל דער הויפּטיעסאָד פון די גרויסע מאָנאַרכיעס,—האָט די בורזשואַזיע סאָפסקאָלסאָף, מיטן אויפקומען פון דער גרויס-אינדוסטריע און פון דעם וועלטמאַרק, אויסגעקעמפט זיך אין דער מאָדערנער קאָנסטיטוציאָנעלער מלוכע די אויסשליסלעכע פּאָליטישע הערשאַפט.

די הייַנטיקע מלוכע-מאַכט איז ניט מער ווי אַ קאָמיטעט, וואָס פאַרוואַלט מיט די געמיינשאַפטלעכע ענינים פון דעם גאַנצן בורזשואַזן קלאַס.

די בורזשואַזיע האָט געשפּילט אין דער געשיכטע אַ העכסט רעוואָלוציאָנערע ראָלע.

וואו זי איז נאָר געקומען צו הערשאַפט, האָט די בורזשואַזיע צעשטערט אַלע פעאָדאַלע, פּאַטריאַרכאַלישע, אידילישע פאַרהעלטענישן. זי האָט אָן ראַכמאָנעס צעריסן די בונטפאַרביקע פעאָדאַלע בענדער, וואָס האָבן צענויפגעבונדן דעם מענטשן מיט זיינע הערשער בעיערושע, און האָט ניט איבערגעלאָזן קיין אַנדער צוזאַמענבונד צווישן מענטש און מענטש, אַכוץ דעם נאַקעטן אינטערעס, דעם האַרצלאָזיקן „מעזומען". דעם הייליקן ציטער פון פרומער טרוימעריי, פון ריטערלעכער באַגייסטערונג, פון באַלעבאַטישער סאַנטימענטאַלקייט האָט זי דערטרונקען אין דעם אייזקאַלטן וואַסער פון עגאָאיסטישער אויסרעכענונג. פערזענלעכע ווירדע האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַן אויסבייט-ווערט, און אַנשטאַט

*) אַזוי פלעגן די שטאַט-איינוואוינער אין איטאַליע און פראַנקרייך רופן זייער שטאַטישע געמיינדע, נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעקויפט אָדער אויסגעקעמפט בא זייערע פעאָדאַלע סראַרעס די ערשטע רעכט אויף זעלבסטפאַרוואַלטונג.

די אָנצאָליקע פארפאַטענטירטע און וואויל דערוואָרבענע פריי-
הייטן האָט זי איבערגעלאָזן נאָר די איין געוויסנלאָזיקע פריי-
הייט פון האַנדל, מיט איין וואָרט, זי האָט די עקספּלואַ-
טאַציע, וואָס איז געווען פארוויקלט אין רעליגיעזע און פאליטי-
שע אילוזיעס, פארביטן אף אן אָפענער, אומפארשעמ-
טער, דירעקטער טרוקענער עקספּלואַטאַציע.

די בורזשואַזיע האט אַראָפּגעריסן די שיין פון הייליקייט
בא די אַלע מינים בעקאוועדיקע טעטיקייטן, אף וואָסערע מע האט
ביז אהער געקוקט מיט א פרומען אָפּשיי. זי האט דעם דאָקטער
דעם יוריסט, דעם גאַלעך, דעם פּאָעט, דעם מאַן פון וויסנשאפט
פארוואַנדלט אין אירע באַצאָלטע לוינאַרבעטער.

די בורזשואַזיע האט אראָפּגעריסן דעם רירנדיק סאַנטימענ-
טאַלן שלייער פון די פאמיליען-פארהעלטענישן און האָט עס גע-
מאכט צו א פּאָשעטן געלט-געשעפט.

די בורזשואַזיע האט אויפגעדעקט, ווי אזוי די אַכזאָריעס-
דיקע קראפט, וואָס די רעאקציע באַוואונדערט אזוי אין דעם
מיטלאַלטער, האט געהאט אַ פּאַסנדיקע דערגאַנצונג אין דער
סאַמע פוילער ליידיקגייעריי. ערשט זי האט באַוויזן, וואָס דעם
מענטשנס טעטיקייט קען אויפטאָן. זי האט געשאַפן גאָר אַן אנדער
מין וואונדערווערק, איידער די עגיפּטישע פּיראַמידעס, רוימישע
וואסערלייטונגען און גאָטישע קאטעדראַלן, זי האָט גאָר אַן אַנדער
מין וואנדערונגען דורכגעפירט, איידער די פעלקער-וואַנדערונגען
און קרייצפאָרן.

די בורזשואַזיע קאָן ניט עקזיסטירן, ניט רעוואָלוציאָניזירנ-
דיק די פּראָדוציר-געצייג און, הייסט עס, אויך די פּראָדוציר-פאר-
העלטענישן און, בעכיין, אויך אלע געזעלשאַפטלעכע פארהעל-
טענישן. אויפהיטן אומפארענדערט די אלטע אויפאַנים פון פּראָ-
דוקציע איז, פארקערט, געווען דער ערשטער טנאַי פאר דער
עקזיסטענץ פון די פריערדיקע אינדוסטריעלע קלאַסן. קעסיידער-
דיקע איבערקערענישן אין דער פּראָדוקציע, אומויפהערלעכע צע-

טרייסלונגען פון אלע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, אייביקע אומזיכערקייט און באַוועגינג צייכנט אויס די בורזשואַזע עפּאָכע פון אלע אנדערע. אלע פעסטע, פאַרזשאַווערטע פאַרהעלטענישן מיט די אלט בעקאוועדיקע פאָרשטעלונגען און אנשויאונגען, וואָס באַלייטן זיי, ווערן צעשטערט די נייע ווערן פאַרעלטערט איידער נאָך זיי קאנען פאַרהאַרטעוועט ווערן. אַלץ, וואָס איז שטאַנדיש און שטייענדיק, ווערט אויסגעוועפּט, אלץ, וואָס איז הייליק, ווערט פאַרשוועכט, און מענטשן ווערן ענדלעך געצוואונגען צו באַטראַכטן מיט ניכטערע אויגן זייער שטעלונג אין לעבנס-מאַצעוו, זייערע קעגנזייטיקע פאַרהעלטענישן.

דאס באַדערפעניש אין א שטענדיק וואקסנדיקן אפזעץ פאַר אירע פּראָדוקטן יאָגט די בורזשואַזיע איבער דעם גאַנצן ערדקוגל. אומעטום מוז זי זיך איינעסטעווען, אומעטום איינוואָרצלען, אומעטום שאַפן פאַרבינדונגען.

די בורזשואַזיע האט דורך איר עקספּלואַטאציע פון דעם וועלטמארק צוגעגעבן א קאָסמאָפּאָליטישן געשטאלט דער פּראָדוקציע און דעם פאַרברויך פון אלע לענדער. זי האט, צום גרויסן אגמעסנעפּעש פון די רעאַקציאָנערן, אַרויסגעצויגן באַ דער אינדוסטריע דעם נאַציאָנאלן באָדן פון אונטער די פיס. די אוראלטע נאציאנאלע אינדוסטריעס זיינען פאַרניכט געוואָרן און ווערן נאך פון טאג צו טאָג פאַרניכט. זיי ווערן ארויסגעשטויסן דורך נייע אינדוסטריעס, וואָס איינצופירן זיי איז א לעבנספראגע פאַר אלע ציוויליזירטע פעלקער, דורך אינדוסטריעס, וואָס באַאַרבעטן ניט מער די היימישע רוישטאפן, נאָר רוישטאפן, וואס קומען פון די ווייטסטע קאנטן, און וואָס די פאבריקאטן זייערע ווערן פאַרנוצט ניט נאָר דא אין לאַנד גופא, נאר גלייכצייטיק אין אַלע טיילן פון דער וועלט. אנשטאט די אלע באַדערפענישן, וואס פלעגן באַפרידיקט ווערן דורך אָרטיקע פּראָדוקטן, קומען נייע, וואָס פאָדערן די פּראָדוקטן פון די ווייטסטע לענדער און קלימאַטן, כדי באַפרידיקט צו ווערן. אנשטאָט דער אַלטער אָרטיקער און

נאַציאָנאלער זעלבסטבאַנוגנטקייט און איינגעשלאָסנקייט, קומט אַן אַלזייטיקער פאַרקער, אַן אַלזייטיקע אָפּהענגיקייט פון די נאַציעס צווישנאַנאַנד. און פונקט ווי אין דער מאַטעריעלער פּראָדוקציע, אַזוי איז עס אויך אין דער גייסטיקער. די גייסטיקע פּראָדוקטן פון איינצלנע נאַציעס ווערן אַלעמענס גיטער. נאַציאָנאלע איינזייטיקייט און באַגרענעצטקייט ווערט אַלץ מער און מער אוממעגלעך, און פון די פילע נאַציאָנאלע און לאָקאלע ליטעראַטורן ווערט געשאַפן איין וועלט-ליטעראַטור.

דורך דער שנעלער פאַרבעסערונג פון אַלע פּראָדוציר-געצייג, דורך די אָן אַ שיר פאַרגרינגערטע מיטלען פון קאָמוניקאַציע שטויסט די בורזשואַזיע אַלע, אפילו די באַרבאַרישע פעלקער, צו ציוויליזאַציע. די וואָלוועלע פּרייזן פון אירע סכוירעס איז די שווערע אַרטילעריע, מיט וואָסערער זי צעשיסט אַלע כינעזישע ווענט און צווינגט צו קאַפּיטולירן דעם האַרטנעקיקסטן האַס פון די באַרבאַרן צו פרעמדע. זי צווינגט אַלע פעלקער אַנצונעמען די פּראָדוציר-אויפנאַנים פון דער בורזשואַזיע, אויב זיי ווילן נאָר אינגאַנצן ניט אונטערגיין; זי צווינגט זיי איינצופירן בא זיך גופא די אַזוי גערופענע ציוויליזאַציע, ד. ה. צו ווערן בורזשוא. מיט איין וואָרט, זי שאַפט זיך אַ וועלט לויט איר אייגענער געשטאַלט.

די בורזשואַזיע האָט אונטערגעוואָרפן דאָס דאָרף אונטער דער הערשאַפט פון שטאָט. זי האָט געשאַפן ריזיקע שטעט, זי האָט אין אַ גרויסער מאָס פאַרמערט די שטאָטישע באַפעלקערונג לעגאַבע דער דאָרפישער, און אַזוי האָט זי אַ באַטייטנדיקן טייל פון דער באַפעלקערונג אַרויסגעריסן פון דעם אידיאָטיזם פון דאָרפישן לעבן. פונקט ווי זי האָט דאָס דאָרף געמאַכט אָפּהענגיק פון שטאָט, אַזוי האָט זי די באַרבאַרישע און האַלב-באַרבאַרישע לענדער געמאַכט אָפּהענגיק פון די ציוויליזירטע, די פּויערים-פעלקער — פון די בורזשואַזע, דעם מיזרעך — פון דעם מאַירעוו.

די בורזשואַזיע באַזייטיקט אַלץ מער און מער די צעברעקלטקייט פון די פּראָדוציר-מיטלען, פון פאַרמעגן און פון דער

באפעלקערונג. די באפעלקערונג האָט זי געמאכט געדיכט, די פּראָדוציר-מיטלען צענטראליזירט און דאס אייגנטום קאָנצענטרירט אין אַ קליינער צאל הענט. דער נויטווענדיקער רעזולטאט פון דעם איז געווען די פּאָליטישע צענטראליזאַציע. פּראָווינציעס אומאָפּהענגיקע, וואָס זיינען געווען קימאט נאָר אין א פאַרבאַנד צווישן זיך, מיט פאַרשיידענע אינטערעסן, געזעצן, רעגירונגען און גרענעץ-טאריפן, זיינען צעזאַמענגעבונדן געוואָרן אין איין נאציע, מיט איין רעגירונג, מיט איין געזעצגעבונג, מיט איין נאציאָנאלן קלאסן-אינטערעס, מיט איין גרענעץ-ליניע.

די בורזשואזיע האָט פאר דער צייט פון איר קוים הונדערט-יאָריקער קלאסנהערשאפט געשאפן מעכטיקערע און קאָלאָסאלערע פּראָדוציר-קויכעס, איידער אלע פריערדיקע דורות צוזאמען גע-נומען. אונטערוואַרפונג פון נאטור-קויכעס, מאַשינעריע, אָנווענדונג פון כעמיע אין אינדוסטריע און ערדארבעט, דאמפשיפערייַ, אייזנ-באנען, עלעקטרישע טעלעגראפן, צעאַקערונג פון גאנצע וועלט-טיילן, צופאסונג פון טייכן צו שיפערייַ, גאנצע באפעלקערונגען ווי פון דער ערד אויסגעוואקסענע—אין וואָס פאר א יאָרהונ-דערט פון די פריערדיקע האָט מען זיך עס גאָר געקענט פאַרשטעלן, אז אזעלכע פּראָדוציר-קרעפטן דרעמלען אין שויס פון געזעל-שאפטלעכער ארבעט?

מיר האָבן, הייסט עס, געזעען: די מיטלען פון פּראָדוקציע און פארקער, וואָס זיינען געווען דער יעסאָד, אף וואָסערן די בורזשואזיע האָט זיך אנטוויקלט, זיינען געשאַפן געוואָרן אין דער פעאָדאלער געזעלשאפט. אף א געוויסער מאדרייגע אין דער אנטוויקלונג פון דידאזיקע מיטלען פון פּראָדוקציע און פארקער האָבן די פארהעלטענישן, אין וואָסערע די פעאָדאלע געזעלשאפט האָט פּראָדוצירט און געפירט דעם אויסטויש, די פעאָדאלע אָר-גאניזאציע פון ערדארבעט און מאנופאקטור, מיט איין וואָרט—די פעאָדאלע אייגנטום-פארהעלטענישן האָבן מער ניט אנטשפּראָכן די שוין אנטוויקלטע פּראָדוציר-קרעפטן. זיי האָבן געשטערט דער

פראָדוקציע און ניט מיטגעהאָלפן איר. זיי האָבן זיך פארוואנדלט אין פונקט אזוי פיל קייטן פאר איר. זיי האָבן געמוזט פלאצן און זיי האָבן געפלאצט.

אף זייער אָרט איז געקומען די פרייע קאָנקורענציע מיט א געזעלשאפטלעכער און פּאָליטישער איינאָרדענונג, אָנגעמאסטן נאך איר נאך, מיט דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער הערשאפט פון דעם בורזשואזן קלאס.

בא אונז אף די אויגן קומט איצט פאָר אן ענלעכע באוועגונג. די בורזשואזע פארהעלטעניש פון פראָדוקציע און פארקער, די בורזשואזע פארהעלטעניש פון אייגנטום; די היינטיקע בורזשואזע געזעלשאפט, וואָס האָט ווי מיט א קישעף ארויסגעבראכט אזעלכע געוואלטיקע מיטלען פון פראָדוקציע און פארקער, איז געגליכן צום קישעפמאכער, וואָס האָט מיט זיינע באשווערונגען ארויסגעבראכט אונטערערדישע קרעפטן און איז ניט בעקויעך צו באהערשן זיי. שוין צענדליקער יאָרן ווי די געשיכטע פון דער אינדוסטריע און האנדל איז די געשיכטע פון דער מערידע פון די היינטיקע פראָדוציר-קרעפטן קעגן די היינטיקע פארהעלטענישן פון פראָדוקציע, קעגן די פארהעלטענישן פון אייגנטום, וואָס זיינען די לעבנס-באדינגונגען פון דער בורזשואזיע און פון איר הערשאפט. עס איז גענוג צו דערמאָנען די האנדל-קריזיסן, וואָס קערן זיך אום פּעריאָדיש און שטעלן דערמיט אלץ מער דראָענדיק אונטער א פראגע-צייכן די עקזיסטענץ פון דער גאנצער בורזשואזער געזעלשאפט. בעאייס די האנדל-קריזיסן ווערט שטענדיק פארניכט א גרויסער טייל ניט נאָר פארטיקע פראָדוקטן, נאָר אפילע פון פריער געשאפענע פראָדוקטיוו-קרעפטן. בעשאס די קריזיסן ברעכט אויס א געזעלשאפטלעכע עפּידעמיע, וואָס אין אלע פריערדיקע עפּאָכעס וואָלט עס אויסגעזעען ווי אן אבסורד— די עפּידעמיע פון איבערפּראָדוקציע. די געזעלשאפט פאלט פּלוצלונג ווידער אריין אף א געוויסער צייט אין א צושטאנד פון בארבאריזם; גלייך ווי הונגער אָדער אן אַלגעמיינע

פארניכטנדיקע מילכאָמע וואָלט זי אָפּגעשניטן פון אַלע לעבנס־מיטל; די אינדוסטריע, דער האנדל ווערן ווי פארניכט,—און פארוואָס? ווייל זי פארמאָגט צופיל ציוויליזאציע, צופיל לעבנס־מיטל, צופיל אינדוסטריע, צופיל האנדל. די פּראָדוציר־קויכעס, וואָס זי האָט אין איר רעשוס, דינען מער ניט אַף צו אנטוויקלען די בורזשואזע פארהעלטענישן פון אייגנטום; פארקערט, זיי זיינען געוואָרן צו געוואַלטיק פאר די־דאָזיקע פארהעלטענישן, זיי ווערן דורך זיי טאָרמאַזירט; און ווי נאָר זיי קומען ביי דידאָזיקע שטערונגען, אַזוי ברענגען זיי די גאנצע בורזשואזע געזעלשאפט אין אומאָרדענונג, שטעלן אין געפאר די עקזיסטענץ פון בורזשואזן אייגנטום. די בורזשואזע פארהעלטענישן זיינען געוואָרן צו ענג אַף אריינצונעמען דאָס אַשירעס, וואָס זיי האָבן געשאַפן.—ווי אַזוי קומט ביי די בורזשואזיע דידאָזיקע קריזיסן? פון איין זייט, דורך דער געצוואונגענער פארניכטונג פון א מאסע פּראָדוציר־קויכעס; פון דער אנדער זייט, דורך דעראָבערן נייע מערק און דורך א מער גרונטלעכער עקספּלואטאציע פון די אַלטע מערק. איז, הייסט עס, ווי אַזוי? דורך דעם, וואָס זי גרייט צו נאָך ברייטערע און געוואַלטיקערע קריזיסן און פארמינערט די מיטלען צו פארהיטן פון די קריזיסן.

די קלייזאיען, מיט וואָסערע די בורזשואזיע האָט דערשלאָגן אַף טויט דעם פעאָדאַליזם, שטעלן זיך איצט קעגן דער בורזשואזיע גופע.

די בורזשואזיע האָט אָבער ניט נאָר געשמידט די קלייזאָיען, וואָס דארפן איר ברענגען דעם טויט; זי האָט אויך געשאפן די מענטשן, וואָס וועלן דידאָזיקע קלייזאיען האלטן אין זייערע הענט—די הייַנטיקע ארבעטער, די פּראָלעטאריער.

אין דערזעלביקער מאָס, אין וואָסערער עס אנטוויקלט זיך די בורזשואַזיע, דאָס הייסט דער קאפּיטאַל, אנטוויקלט זיך אויך דער פּראָלעטאריאַט, דער קלאַס פון די מאָדערנע ארבעטער,

וואָס קענען עקזיסטירן נאָר אף אזוי פיל, אף וויפל זיי קריגן ארבעט, און ארבעט קענען זיי קריגן נאָר אזוי לאנג, אף וויפל זייער ארבעט פארמערט דעם קאפיטאל. אט די ארבעטער, וואָס מוזן זיך פארקויפן אפן שטיק, זיינען א סכוירע, פונקט ווי אלע אנדערע ארטיקלען צום האנדל, און דעריבער מוזן זיי אויך אזוי אויסשטיין אלע צופעליקייטן פון קאָנקורענציע, אלע וואקלונגען פון מארק.

די ארבעט פון די פראָלעטאריער האָט, מאכמעס דער פארשפרייטונג פון מאשינעס און דער צעטיילונג פון דער ארבעט, פארלאָרן אינגאנצן איר זעלבשטענדיקן כאראקטער און דערמיט אויך יעדע צוציעוודיקייט פארן ארבעטער. ער ווערט פאָשעט א צוגאָב צו דער מאשינע, פון וואָסערן מע פארלאנגט נאָר די איינפאכסטע, איינארטיקסטע באוועגונגען, וואָס עס איז אמגרינגסטן אויסצולערנען זיך. די הויצאָעס, וואָס דער ארבעטער פאָדערט, באגרענעצן זיך דעריבער קימאט נאָר מיט די לעבנסמיטל, וואָס ער דארף האָבן, קעדיי אויפצוהאלטן זיין לעבן און פאָרזעצן זיין ראַסע. דער פרייז אבער פון אַ סכוירע, הייסט עס אויך פון ארבעט, איז גלייך צו די קאסטן אף פראָדוצירן זי. דעריבער, איז וואָס מער די אַרבעט פאַרלירט איר צוציעוודיקייט, אלץ מער פאלט דער לוין. נאָכמער, וואס מער עס אנטוויקלט זיך די מאַשינעריע און די צעטיילונג פון דער ארבעט, אלץ מער וואקסט די שווערקייט פון דער אַרבעט, — צי דורך דער פאַרמערונג פון די אַרבעטס-שאָען, צי דורך דער פאַרמערונג פון דעם סכום אַרבעט, וואס מע פאָדערט אין א באַשטימטער צייט, צי דורך דעם פארגיכערטן לויף פון די מאַשינעס א. אז. וו.

די היינטיקע אינדוסטריע האט פאַרוואַנדלט דעם קליינעם וואַרשטאַט פון דעם פאַטריאַרכאַלן מאַיסטער אין דער גרויסער פאַבריק פון דעם אינדוסטריעלן קאַפיטאַליסט. די אַרבעטער-מאַסן, אָנגעפּאַקט אין די פאַבריקן, ווערן אָרגאַניזירט מאַיטע סאָלדאַטן. ווי פּראָסטע סאָלדאַטן פון דער אינדוסטריע, ווערן זיי

געשטעלט אונטער דער אויפזיכט פון אַ גאַנצער יעראַרכיע אונ־טער־אָפיצערן און אָפיצערן. זיי זיינען קנעכט ניט גאָר פון דעם בורזשואַזן קלאַס, פון דער בורזשואַזער מלוכע, זיי זיינען יעד טאָג און יעדע שאָ פארקנעכט צו דער מאַשינע, צו דעם אויפזעער און, קוידעמקאָל, צו דעם איינצלנעם בורזשואַ דעם פאַבריקאַנט. דערדאזיקער דעספּאָטיזם ווערט נאָך קליינלעכער, פאַרהאַסטער, פארביטערנדיקער, וואס אָפענער ער פּראָקלאַמירט פּראָפיט פאר זיין צוועק.

וואס ווייניקער פלינקייט און קויעך עס פאָדערט די האַנט־אַרבעט, ד. ה. וואס מער עס אַנטוויקלט זיך די מאָדערנע אינדוסטריע, אַלץ מער ווערט די אַרבעט פון מאַנסבילן אַרויסגעשטויסן דורך דער אַרבעט פון פרויען און קינדער. אונטערשייד פון געשלעכט און עלטער האבן פאר דעם ארבעטער־קלאַס מער קיין שום געזעלשאַפטלעכן באטרעף ניט. עס זיינען נאָר דאָ אַרבעט־אינסטרומענטן, וואס האבן א פאַרשיידענעם מעקעך לויטן עלטער און געשלעכט.

אַז דער פאבריקאַנט האט שוין אויסגעזויגט דעם ארבעטער ביז גאָר און האט אים אויסגעצאלט זיין ארבעט־לוין, דאַן באפאלן דעם ארבעטער די אַנדערע טיילן פון דער בורזשואַזיע — דער הויזבאלעבאט, דער קרעמער, דער וואָכערער א. אז. וו.

די פריערדיקע נידעריקערע שיכטן פון מיטלשטאנד, די קליינע אינדוסטריעלער, סאָכרים און ראַנטיע, באלמעלאָכעס און פויערים, די אַלע קלאסן זינקען אראָפּ צום פּראָלעטאריאט, טיילווייז דערפאר, וואס זייער קליינער קאפיטאל סטאיעט ניט אָן צו טרייבן גרויס־אינדוסטריע, און ער האלט ניט אויס די קאָנקורענציע פון די גרעסערע קאפיטאליסטן, טיילווייז, ווייל זייער טעכנישע פלינקייט פארלירט דעם ווערט בײַ די נייע אויפאנים פון פּראָדוקציע. אזוי רעקרוטירט זיך דער פּראָלעטאריאט פון אלע קלאסן פון דער באַפעלקערונג.

דער פּראָלעטאריאַט גייט דורך דורך פארשיידענע מאדריי־

געס פון אנטוויקלונג: זיין קאמף קעגן דער בורזשואזיע הויבט זיך אָן גלייך מיט זיין אויפקומען.

פון אָנהויב איז דאָס אַ קאַמף פון איינצלנע ארבעטער, נאכדעם פון די ארבעטער פון א פאַבריק, דערנאָך פון די ארבעטער פון א גאנצן אַרבעט-צווייג אין אַ געוויסן אָרט קעגן דעם איינצלנעם בורזשוא, וואס עקספּלואַטירט זיי דירעקט. זייערע אָנגרייפן מאכן זיי ניט נאר קעגן די בורזשואַזע פארהעלטענישן פון דער פּראָדוקציע, זיי ווענדן זיך אויך קעגן די פּראָדוציר-געצייג; זיי פארניכטן פרעמדע קאָנקורירנדיקע סכוירעס, ברעכן די מאשינעס, צינדן אונטער די פאבריקן. זיי ווילן צוריק אויפשטעלן די אונטערגעגאנגענע לאגע פון דעם מיטלאלטערלעכן אַרבעטער.

אַף דערדאזיקער מאַדרייגע שטעלן די אַרבעטער מיט זיך פאָר א מאַסע, וואס איז צעשפּרייט איבערן גאנצן לאנד און צעברעקלט דורך קאָנקורענציע. ווען די ארבעטער נעמען זיך דאַן צענויף מאַסנווייז, איז עס נאך ניט קיין רעזולטאַט פון זייער אייגענער פאראייניקונג, נאר א רעזולטאט פון דער פאראייניקונג פון דער בורזשואזיע, וואס קעדיי צו דערגרייכן צו אירע אייגענע פּאָליטישע צוועקן, מיז זי ברענגען אין באוועגונג דעם גאַנצן פּראלעטאריאט און האָט נאך דערווייל בעיאַד עס צו טאָן. אַף אָט דער מאדרייגע באַקעמפן, הייסט עס, די פּראָלעטאריער *ניט זייערע סאָנים*, נאָר זייערע סאָנימס סאָנים — די רעשטן פון דער אבסאָלוטער מאָנאַרכיע, די ערד-אייגנטימער, די ניט-אינדוסטריעלע בורזשואַזיע, די קליינע בירגער. די גאנצע געשיכטלעכע באוועגונג איז אַף אַזאַ אויפן קאָנצענטרירט אין די הענט פון דער בורזשואזיע; יעדער זיג, וואס ווערט אזוי דערגרייכט, איז א זיג פון דער בורזשואזיע.

אבער מיט דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע קומט פאר ניט נאָר א פארמערונג פון דעם פּראָלעטאריאט; ער ווערט אָנגעהויפט אלץ אין גרעסערע מאסן, זיין *קראפט* וואַקסט און ער *פילט-זי מער*. די אינטערעסן, דער לעבנס-מאצעוו אי-

נעווייניק אין דעם פראלעטאריאט גלייכן זיך אלץ מער אויס, ווארום די מאשינעס ווישן אלץ מער און מער אפּ די אונטערשיידן אין דער ארבעט און דריקן אַראָפּ דעם לוין קימאט אומעטום אף אַ גלייך נידעריקער הויך. די וואַקסנדיקע קאָנקורענציע פון די בורזשואַ צווישן זיך און די האנדלס-קריזיסן, וואס דאס רופט ארויס, מאכן דעם אַרבעט-לוין אַלץ מער וואקלדיק; די מאשינעריע, וואס אנטוויקלט זיך אלץ שנעלער און שנעלער און ווערט אומויפהערלעך פארבעסערט, מאכט זייער גאנצן מאצעוו אין לעבן אַלץ מער אומזיכער; די צוזאמענשטויסן צווישן דעם איינצלנעם אַרבעטער און דעם איינצלנעם בורזשואַ נעמען אַלץ מער אָן דעם כאַראַקטער פון צוזאמענשטויסן צווישן צוויי קלאַסן. די אַרבעטער הויבן אָן דערמיט, וואס זיי שאַפן קאָאַליציעס קעגן די בורזשואַ; זיי נעמען זיך צענויף, קעדיי איינצושטעלן זיך פאַר זייער ארבעטלוין. זיי האלטן אויף אַפילע דויערנדיקע אַסאָציאַציעס, קעדיי צו באַזאָרגן זיך אין פאלן פון קאַמף-אויסבראכן. ערטערווייז ברעכט אויס דער קאַמף אין אויפשטאנדן.

פון צייט צו צייט זיגן די אַרבעטער, אָבער נאָר אף אַ ווײַלע. דער וויכטיקער רעזולטאַט פון זייערע קאַמפן יז ניט אזוי דער דירעקטער דערפאלג, ווי די פאַרייניקונג פון די אַרבעטער, וואס פארשפרייט זיך אלץ מער. דערבײַ העלפן מיט די וואַקסנדיקע פאַרקער-מיטלען, וואס די גרויסע אינדוסטריע האט געשאפן, און אַרבעטער פון פארשיידענע געגנטן פאַרבינדן זיך צווישנאנאנד. אָבער נאָר אָט די פארבינדונג פאדערט זיך, קעדיי די פיל אָרטיקע קאמפן, וואס טראגן אומעטום דעמזעלביקן כאַראַקטער, צו צענטראליזירן אין איין נאַציאָנאלן קלאַסנקאמף. יעדער קלאסנקאמף איז אָבער אַ פּאָליטישער קאַמף. און די פאַרייניקונג, וואס די בירגער פון מיטלאַלטער מיט זייערע דאָרפישע טראַקטן וואלטן דערצו געדאַרפט האבן יאָרהונדערטער, פירן דורך די היינטיקע פראלעטאַריער, אדאַנק די אייזנבאַנען, אין א קליינער צאל יאָרן.

דידאזיקע אָרגאניזאציע פון די פּראלעטאריער אין אַ קלאס, און דערמיט אויך אין אַ פּאָליטישער פּאַרטיי, פּלאצט איטלעכע ווײַלע מאכמעס דער קאָנקורענציע צווישן די אַרבעטער גופא. זי קומט אָבער אויף ווידעראמאָל און ווידעראַמאָל נאך שטאַרקער, פעסטער, מעכטיקער. זי דערשלאגט זיך צו דער אָנערקענונג פון אייניצלנע אינטערעסן פון די ארבעטער אין דער פאָרם פון געזעצן, אויסנוצנדיק דערביי די שפּאַלטונגען פון דער בורזשואַזיע צווישן זיך. אזוי איז געווען מיטן ביל וועגן צענשאָעיקן אַרבעטס-טאָג אין ענגלאנד.

די צוזאמענשטויסן אין דער אַלטער געזעלשאפט ביכלאל העלפן מיט, אזוי ארער אנדערש, דער אנטוויקלונג פון דעם פּראָלעטאריאַט. די בורזשואַזיע איז שטענדיק אין קאמף: פון אָנהויב — קעגן דער אריסטאקראטיע, שפּעטער — קעגן די טיילן פון דער בורזשואזיע גופא, וואָס זייערע אינטערעסן זיינען סויסער דער אַנטוויקלונג פון דער גרויסער אינדוסטריע, און שטענדיק — קעגן דער בורזשואַזיע פון אלע אנדערע לענדער. אין אָט די אלע קאמפן איז זי געצוואונגען צו אַפּעלירן צום פּראָלעטאריאט, ווענדן זיך נאָך זיין הילף און אף אזאַ אויפן ארייַנציען אים אין דער פּאליטישער באוועגונג. אזוי גיט זי אַליין איבער דעם פּראָלעטאריאט עלעמענטן פון איר אייגענער בילדונג, ד. ה. אַ געווער קעגן זיך אליין.

ווייטער, ווי מיר האבן געזעען, איז דער פאָרשריט פון דער אינדוסטריע גוירעס, אַז גאנצע שיכטן פון דעם הערשנדיקן קלאַס זאלן ארא͏פּגעשליידערט ווערן אין פּראָלעטאריאט אדער, לעכאָלאָפּאָכעס, אז זייערע לעבנס-באַדינגונגען זאלן געשטעלט ווערן אין סאקאנע. אויך זיי ברענגען דעם פּראלעטאַריאַט אַ מאסע בילדונג-עלעמענטן.

ענדלעך, אין צייטן ווען דער קלאַסנקאמף דערנעענטערט זיך צו אַן אַנטשיידונג, דאַן נעמט אָן דער פּראָצעס פון צעפאלונג אינעווייניק אין דעם הערשנדיקן קלאַס,

אינעווייניק אין דער גאנצער אלטער געזעלשאפט אזא העפטיקן, אזא שארפן כאראקטער, אז א קליינער טייל פון דעם הערשנדיקן קלאס זאגט זיך אפ פון אים אפ אינגאנצן און שליסט זיך אן אן דעם רעוואלוציאנערן קלאס, אן דעם קלאס, וואס טראגט אין זיינע הענט די צוקונפט. פונקט ווי פריער אמאל איז א טייל פון דעם אדל אריבערגעגאנגען צו דער בורזשואזיע, אזוי גייט איצטער א טייל פון דער בורזשואזיע אריבער צום פראלעטאריאט, דערהאיפט א טייל פון די בורזשואז-אידעאלאגן, וואס האבן זיך דערהויבן צום טעארעטישן פארשטיין פון דער גאנצער געשיכטלעכער באוועגונג.

פון אלע קלאסן, וואס שטייען באַ היינטיקן טאג קעגן דער בורזשואזיע, איז נאר דער פראלעטאריאט אן עמעס רעוואלוציאנערער קלאס. די איבעריקע קלאסן פאלן און גייען אינטער מיט דער אנטוויקלונג פון דער גרויס-אינדוסטריע, דער פראלעטאריאט אבער איז איר אייגענער פראדוקט.

די מיטלשיכטן, דער קליינער אינדוסטריעלער, דער קליינער סוחר, דער באלמעלאכע, דער פויער, — זיי אלע באקעמפן די בורזשואזיע קעדיי צו זיכערן פון אונטערגאנג זייער עקזיסטענץ ווי מיטלשיכטן. אזוי, זיינען זיי נישט רעוואלוציאנער, נאר קאנסערוואטיוו. נאכמער, זיי זיינען רעאקציאנער, זיי ווילן דרייען אף צוריק די ראד פון דער געשיכטע. זיינען זיי יא רע-וואלוציאנער, איז עס מיטן ארויסבליק אפן אריבערגאנג אין פרא-לעטאריאט, וואס עס שטייט זיי פאר, דאן פארטיידיקן זיי נישט זייערע איצטערדיקע, נאר די צוקונפטיקע אינטערעסן זייערע, אזוי פארלאזן זיי זייער אייגענעם שטאנדפונקט און שטעלן זיך אפן שטאנדפונקט פון דעם פראלעטאריאט.

דער לומפנפראלעטאריאט, אט דער פאסיווער צעפוילונגס-פראדוקט פון די נידעריקסטע שיכטן פון דער אלטער געזעלשאפט, ווערט ערטערווייז אריינגעשלעפט אין באוועגונג דורך דער פרא-לעטארישער רעוואלוציע; זיין גאנצער מאימעד אין לעבן איז

אבער אזאָ, אז ער איז מער געגויגט צו פאַרקופן זיך פאַר רעאַקציאָנערע מאַכינאַציעס.

די לעבנס-באַדינגונגען פון דער אַלטער געזעלשאַפט זיינען שוין פאַרניכט אין די לעבנס-באַדינגונגען פון דעם פּראָלעטאַריאַט. דער פּראָלעטאַריער פאַרמאָגט ניט קיין אייגנטום; זיין פאַרהעלטעניש צו ווייב און קינד האָט שוין מער קיין שום שאַיכעס ניט צו די בורזשואַזע פאַמיליען-פאַרהעלטענישן; די היינטיקע אינדוסטריעלע אַרבעט, די היינטיקע אונטערגעוואָרפנקייט אונטערן קאַפּיטאַל, דיזעלביקע אין ענגלאַנד ווי אין פראַנקרייך, אין אַמעריקע ווי אין דייטשלאַנד, האָט אין אים אָפּגעמעקט יעטווידן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. געזעצן, מאָראַל, רעליגיע זיינען אין זיינע אויגן ניט מער ווי בורזשואַזע פאָרורטיילן, הינטער וואָסערע עס באַהאַלטן זיך פאַרשיידענע בורזשואַזע אינטערעסן.

אַלע פריערדיקע קלאַסן, וואָס האָבן זיך אויסגעקעמפט די הערשאַפט, האָבן געזוכט צו פאַרזיכערן דאָס אָרט אין לעבן, וואָס זיי האָבן שוין געהאַט פאַרנומען, דורכדעם, וואָס זיי האָבן אונטערגעוואָרפן די גאַנצע געזעלשאַפט אונטער די באַדינגונגען פון זייער אויפן צו דערווערבן. די פּראָלעטאַריער קענען זיך אויסקעמפן די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוציר-קוילעס ניט אַנדערש, סאַידן זיי זאָלן אָפּשאַפן זייער אייגענעם ביז איצטיקן אויפן פון דערווערבונג און דערמיט אויך דעם גאַנצן ביז-איצטיקן אויפן פון דערווערבן אייגנטום. די פּראָלעטאַריער האָבן ניט וואָס צו באַזיכערן, פאַרקערט, זיי דאַרפן צעשטערן אַלע ביז איצטיקע פּריוואַטע זיכערקייטן און פּריוואַטע פאַרזיכערונגען.

אַלע ביז-איצטיקע באַוועגונגען זיינען געווען באַוועגונגען פון מינדערהייטן אָדער צוליב די אינטערעסן פון מינדערהייטן. די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג איז די באַוועגונג פון דער געוואַלדיקער מערהייט צוליב די אינטערעסן פון דער געוואַלדיקער מערהייט. דער פּראָלעטאַריאַט, דער אונטערשטער שיכט פון דער איצטיקער געזעלשאַפט, קען ניט

דערהויבן ווערן, ניט אויפגעריכט ווערן, וואו דער גאנצער איבער-
געבוי פון די שיכטן, וואס בילדן די אָפיציעלע געזעלשאפט, זאל
ניט אויפגעריסן ווערן אין דערלופטן.

אויב ניט לויט דעם אינהאלט, איז לויט דער פאָרם נאך
דער קאמף פון דעם פראלעטאריאט קעגן דער בורזשואזיע פריער
פון אלץ א נאציאנאלער, דער פראלעטאריאט פון איטלעכן לאנד
מוז נאטירלעך קודעםקאל פארטיק ווערן מיט זיין
אייגענער בורזשואזיע.

אָנצייכענענדיק אזוי די סאמע אלגעמיינע פאזעס אין דער
אנטוויקלונג פונם פראלעטאריאט, האבן מיר נאכגעשפירט דעם
מער אדער ווייניקער באהאלטענעם בירגערקריג אינעווייניק אין
דער איצטיקער געזעלשאפט ביז צו דעם מאמענט, ווען ער
ברעכט אויס אין אַן אפענער רעוואלוציע, און דער
פראלעטאריאט, אראָפווארפנדיק איבערגעוואַלט די
בורזשואזיע, לייגט דעם פונדאמענט פון זיין הער-
שאפט.

אלע מינים געזעלשאפט ביז איצטער האבן זיך געשטיצט,
ווי מיר האבן שוין געזען, אף דעם קעגנזאץ צווישן אונטערדרי-
קערישע און אונטערגעדריקטע קלאסן. סעדיי אבער צו קענען
אונטערדריקן א קלאס, מוזן פאַרן לעצטן זיין געזיכערט
אזעלכע באדינגונגען, בא וואסערע ער זאל קענען לעפא-
כעס אונטערהאלטן זיין קנעכטישע עקזיסטענץ. דער לייב-
אייגענער האָט זיך באַ דער ארדענונג פון לייבאייגנשאפט
ארויפגעארבעט ביז צו א מיטגליד פון דער קאָמונע, אזוי ווי דער
קליינבירגער האט זיך דערהויבן צו א בורזשוא אונטערן יאָך פון
דעם פעאָדאליסטישן אַבסאָלוטיזם. פארקערט, דער היינטיקער אַר-
בעטער, איז אָנשטאָט צו הויבן זיך איניינעם מיטן פראָגרעס פון
דער אינדוסטריע, זינקט ער אַלץ טיפער און טיפער
אונטער די לעבנס-באדינגונגען פון זיין אייגע-
נעם קלאס. דער אַרבעטער ווערט א פאאופער, און דער פא-

אופעריזם אַנטוויקלט זיך נאך שנעלער איידער די באפעלקערונג און דאָס אשירעס. עס ווערט אלץ מער באשיינפערלעך, אַז די בורזשואַזיע איז אומפעאיק צו בלייבן אף ווייטער דער הערשנדיקער קלאס אין דער געזעלשאפט און ארויפצווינגען אף דער געזעלשאפט די לעבנסבאדינגונגען פון איר קלאס ווי א רעגולירנדיק געזעץ. זי איז אומפעאיק צו הערשן, ווייל זי איז אומפעאיק צו זיכערן פאר איר שקלאף, אין די באדינגונגען פון זיין שקלאפעריי, אפילע די עקזיסטענץ, ווייל זי איז געצוואונגען צו לאזן אים אַראָפּזינקען אין אַזאַ לאַגע, וואו זי מוז אים דערנערן, אַנשטאָט פון אים גענערט צו ווערן. די געזעלשאפט קען אונטער איר הערשאפט מער ניט לעבן, ד. ה. איר לעבן פאָרט זיך ניט מער מיט דער געזעלשאַפט.

דער וויכטיקסטער באדינג פאר דער עקזיסטענץ און פאר דער הערשאפט פון דעם בורזשואזן קלאס איז די אָנזאמלונג פון אַשירעס אין די הענט פון יעכידים, די באשאפונג און פארמערונג פון קאפיטאל; די באדינגונג פאר דער עקזיסטענץ פון קאפיטאל איז לוינארבעט. לוינארבעט שטיצט זיך דורכויס אף דער קאנקורענציע פון די ארבעטער צווישן זיך. דער פראגרעס פון דער אינדוסטריע, וואס די בורזשואזיע איז איר ווילנלאזיקער און פאסיווער טרעגער, ברענגט אַנשטאָט דער איזאלירונג פון די ארבעטער דורך קאנקורענציע א רעוואָלוציאנערע פאראייניקונג פון זיי דורך דער אסאָציאַציע. מיט דער אנטוויקלונג פון דער גרויס-אינדוסטריע ווערט, אף אזא אויפן, ארויסגעריסן בא דער בורזשואזיע פון אונטער די פיס גראָד דער גרונט, אף וואסערן זי פראָדוצירט און אייגנט זיך צו די פראדוקטן. זי פראדוצירט, פריער פון אלץ, איר אייגענעם באגרעבער. איר אונטערגאנג און דער זיג פון דעם פראָלעטאריאַט זיינען גלייך אומפארמיידלעך.

## .2

# פּראָלעטאַריער און קאָמוניסטן.

אין וואָס פאַר א פאַרהעלטעניש שטייען די קאָמוניסטן צו די פּראָלעטאַריער בכלל?

די קאָמוניסטן זיינען ניט קיין באַזונדער פּאַרטיי אנטקעגן אַנדערע ארבעטער-פּאַרטייען.

זיי האָבן ניט קיין שום אינטערעסן, וואָס זאָלן זיין אָפּגעטיילט פון די אינטערעסן פונם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט.

זיי שטעלן ניט ארויס קיין באַזונדערע פּרינציפּן, לויט וואָסערע זיי וואָלטן וועלן פאָרמירן די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג.

די קאָמוניסטן שיידן זיך אונטער פון די איבעריקע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען נאָר דערמיט, וואָס: פון איין זייט, טיילן זיי אויס אין די פאַרשיידענע נאַציאַנאַלע קאַמפן פון די פּראָלעטאַריער די בעשוטפעסע אינטערעסן פון דעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע זיינען ניט אָפּהענגיק פון נאַציאַנאַליטעט, און באַשטייען דערויף; פון דער אנדער זייט—דערמיט, וואָס אין די פאַרשיידענע מאַדרייגעס פון אנטוויקלונג, וועלכע דער קאַמף צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט מיט דער בורזשואַזיע מאַכט דורך, פאַרטרעטן זיי שטענדיק די אינטערעסן פון דער גאַנצער באַוועגונג.

די קאָמוניסטן זיינען, אויף אַזאַ אויפן, אין דער פּראַקטיק דער אנטשיידנדיקסטער טייל פון די ארבעטער-פּאַרטייען אין אַלע לענדער, וואָס שטויסט קעסיידער פאָרויס; טעאָרעטיש האָבן זיי די מאַילע לעגאַבע דער איבעריקער מאַסע פון דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס זיי פאַרשטייען די באַדינגונגען, דעם גאַנג און די אַלגעמיינע רעזולטאַטן פון דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג.

דער נאָענטסטער צוועק פון די קאָמוניסטן איז דערזעלביקער ווי בא אַלע איבעריקע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען: אָרגאַניזירן דעם פּראָלעטאַריאַט ווי א קלאַס, אַראָפּוואַרפן די הערשאַפט פון

דער בורזשואזיע, די דראַבערונג פון דער פּאָליטישער מאכט דורך דעם פּראָלעטאַריאַט.

די טעאָרעטישע האַנאָכעס פון די קאָמוניסטן שטיצן זיך בּעשום אויפן ניט אף אידייען, פּרינציפּן, וואס עפּעס א וועלט־פאַרבעסערער האָט אויסגעפונען אָדער אנטדעקט.

זיי זיינען נאָר אן אלגעמיינער אויסדרוק פון די פאקטישע פארהעלטעניש פון דעם איצט עקזיסטירנדיקן קלאסנקאמף פון א געשיכטלעכער באַוועגונג, וואס קומט פאר פאר אונזערע אויגן. די אָפּשאַפונג פון די אלטע פארהעלטענישן פון אייגנטום איז אן אייגנשאפט ניט דאפקע פון קאָמוניזם.

די פארהעלטענישן פון אייגנטום זיינען אלעמאל געווען אונטערגעוואָרפן אונטער א שטענדיקן געשיכטלעכן בייטן זיך, אונטער א שטענדיקער געשיכטלעכער פארענדערונג.

די פראַנצויזישע רעוואלוציע, לעמאָשל, האט אפּגעשאַפט דאס פעאדאל־אייגנטום לעטויוועס דעם בורזשואזן.

דעם קאמוניזם צייכנט אויס ניט די אפשאפונג פון אייגנ־טום ביכלאל, נאר די אָפּשאפונג פון בורזשואזן אייגנטום.

אָבער דאס מאדערנע בורזשואזע פריוואט־אייגנטום איז דער לעצטער און פולסטער אויסדרוק פון דעם אויפן צו פּראָדוצירן און צואייגענען פּראדוקטן, וואס שטיצט זיך אף קלאסנסטירעס, אף עקספּלואַטאַציע פון איינעם דורך דעם אנדערן.

אין אָט דעם זינען קענען די קאמוניסטן פאָרמולירן זייער טעאָריע אין דעם איין אויסדרוק: אָפּשאפן פּריוואט־אייגנטום.

מע האט אונז, קאָמוניסטן, אויפגעוואָרפן, אַז מיר ווילן אפּ־שאַפן דאָס פערזענלעכע, מיט אייגענער ארבעט דערוואָרבענע אייגנטום, דאָס אייגנטום, וואס איז דער יעסאָד פון יעדער פער־זענלעכער פרייהייט, טעטיקייט און זעלבשטענדיקייט.

אנגעהאָרעוועט, דערוואָרבן, אַליין פארדינט אייגנטום! צי רעדט איר וועגן דעם קליינבירגערלעכן, קליינפויערשן אייגנטום, וואס איז געווען פאר דעם בורזשואזן?

מיר דארפן עס ניט אָפּשאפן: די אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע האָט עס אָפּגעשאפט און שאפט עס אָפּ יעדן טאָג.

אדער עפשער רעדט איר וועגן דעם היינטיקן בורזשואַזן פריוואט-אייגנטום?

נו, און די לוינארבעט, די ארבעט פון דעם פראלעטאריאט שאפט אים עפּעס אייגנטום? בעשום אויפן ניט. זי שאפט קאפּיטאל, ד. ה. אייגנטום, וואס עקספּלואַטירט די לוינארבעט, וואס קען זיך פארמערן נאר מיטן תנאַי, עס זאל שאפן נייע לוינארבעט, קעדיי פונדאסניי צו עקספּלואטירן זי. דאס אייגנטום אין זיין היינטיקער געשטאלט באוועגט זיך אין דעם קעגנזאץ צווישן קאפּיטאל און לוינארבעט. לאָמיר באַטראכטן ביידע זייטן פון דעם דאזיקן קעגנזאץ.

זיין א קאפּיטאליסט הייסט צו פארנעמען ניט נאר א פּערזענלעך, נאר א געזעלשאפטלעך ארט אין דער פּראדוקציע. דער קאפּיטאל איז א געמיינשאפטלעכער פּראדוקט און נאר דורך דער בעשותפעסער טעטיקייט פון אסאך מיטגלידער, אין לעצטן סאַכאקל, דורך דער בעשותפעסער טעטיקייט פון אלע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט קען ער געבראכט ווערן אין באוועגונג.

דער קאפּיטאל איז, בעכיין, ניט קיין פּערזענלעכע, נאר א געזעלשאפטלעכע מאכט.

דעריבער, ווען דער קאפּיטאל ווערט פארוואנדלט אין א געמיינשאפטלעכן אייגנטום, וואס געהערט אלע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט, ווערט דא דערמיט ניט פארוואנדלט קיין פּערזענלעך אייגנטום אין א געזעלשאפטלעכן. עס בייט זיך נאר דער געזעלשאפטלעכער כאראַקטער פון אייגנטום. עס פארלירט זיין קלאסנכאראקטער.

איצט גייען מיר אריבער צו דער לוינארבעט.

דער דורכשניטלעכער פּרייז פון דער לוינארבעט איז דער מינימום פון ארבעטלוין, ד. ה. דער סכום לעבנסמיטל, וואס איז נויטיק קעדיי אויפצוהאלטן דעם ארבעטער, ווי אַן ארבעטער, באם

לעבן. הייסט עס, אלץ, וואס דער לוינארבעטער קריגט דורך זיין טעטיקייט, סטאיעט נאר אף אויפצוהאלטן דאס הוילע לעבן. בעשום אויפן ווילן מיר ניט אפשאפן דאס פערזענלעכע צואייגענען די ארבעט-פראדוקטן, וואָס זיינען נויטיק קעדיי אויפצוהאלטן דירעקט דאָס לעבן, אזאַ צואייגענען, וואס לאזט ניט איבער קיין ריינע האכנאסע, וועלכע זאַל קענען געבן מאכט איבער פרעמדער ארבעט. מיר ווילן נאר אָפשאפן דעם קאבצאנישן כאראקטער פון אט דעם צואייגענען, וואו דער ארבעטער לעבט נאר, קעדיי צו פאַרמערן דעם קאפיטאל, און לעבט נאר אף אזוי פיל, אף וויפל עס פאדערן די אינטערעסן פון די הערשנדיקע קלאסן.

אין דער בורזשואזער געזעלשאפט איז די לעבעדיקע ארבעט נאָר א מיטל צו פארמערן די אנגעזאמלטע ארבעט. אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאפט איז די אָנגעזאמלטע ארבעט ניט מער ווי א מיטל דעם לעבנספראצעס פון די ארבעטער צו פארברייטערן, צו באריייכערן, צו דערהויבן.

אין דער בורזשואזער געזעלשאפט הערשט, אף אזאַ אויפן, די פארגאַנגענהייט איבער דעם הייגט; אין דער קאמוניסטישער — דער הייגט איבער דער פארגאנגענהייט. אין דער בורזשואזער געזעלשאפט איז דער קאפיטאל זעלבשטענדיק און פערזענלעך, בעאייס דער ארבעטנדיקער יאָכיד איז אומזעלבשטענדיק און אומפערזענלעך.

און די אפשאפונג פון אָט די פארהעלטענישן הייסט באַ דער בורזשואַזיע אפשאפן די פערזענלעכקייט און די פרייהייט! זי איז גערעכט. עס האנדלט זיך טאקע וועגן אפשאפן די בורזשואזע פערזענלעכקייט, בורזשואזע זעלבשטענדיקייט, די בורזשואזע פרייהייט.

אונטער פרייהייט פארשטייט מען באַ די איצטיקע בורזשואַזע פראדוציר-פארהעלטענישן דעם פרייען האנדל, דעם פרייען מעקעך-אומעמקער.

אָבער אז אויס שאכעריי, איז נאטירלעך אויס פרייע שא-

כעריי, די ריידערייען מיקויעך פרייען מיסכער, ווי אלע איבערי־קע פרייהייט־בראוואדעס פון אונזער בורזשואזיע האבן ביכלאל א זינען נאר בענויגייע דעם אומפרייען מיסכער, בענויגייע דעם פארשקלאפטן בירגער פון מיטלאלטער, אָבער ניט בענויגייע דער קאמוניסטישער אפשאפונג פון דער גאנצער שאכעריי, פון די בורזשואזע פראדוציר־פארהעלטענישן און מיט דער בורזשואזיע גופע.

איר זייט אויסער זיך, אלעמאַי מיר ווילן באָטל מאכן פרי־וואט־אייגנטום. אָבער אין אייער איצטיקער געזעלשאפט איז דאס פריוואט־אייגנטום פאר נייען צענטל פון אירע מיטגלידער אפגע־שאַפט; עס עקזיסטירט דאך גראָד דורך דעם, וואס פאר נייען צענטל עקזיסטירט עס ניט. איר ווארפט אונז אויף, הייסט עס, וואָס מיר ווילן באזייטיקן אזא מין אייגנטום, וואס קען זיין נאר בא דעם נויטווענדיקן טנאי, אז די אומגעהויערע מער־הייט פון דער געזעלשאפט זאל גאָר קיין אייגנ־טום ניט האבן.

מיט איין ווארט, איר ווארפט אונז אויף, וואָס מיר ווילן אפשאפן אייער אייגנטום. אט דאָס ווילן מיר טאַקע.

פון דעם מאָמענט אָן, וואס ארבעט וועט מער ניט קענען פארוואנדלט ווערן אין קאַפּיטאַל, געלט, ערד־רענטע, קורץ—אין א געזעלשאפטלעכער מאַכט, וואָס קען מאָנאָפּאָליזירט ווערן, ד. ה. פון דעם מאמענט, וואס דאס פערזענלעכע אייגנטום קען מער ניט פארוואנדלט ווערן אין בורזשואזן, פון דעם מאמענט אָן, טאינעט איר, איז אויס מענטשלעכע פערזענלעכקייט.

איר זייט, הייסט עס, מודע, אז אונטער פערזענלעכקייט פארשטייט איר ניט קיין אנדערן, אכוץ דעם בורזשוא, דעם בור־זשואזן אייגנטימער. אָט דידאזיקע פערזענלעכקייט זאָל טאַקע באזייטיקט ווערן.

דער קאמוניזם נעמט בא קיינעם ניט צו די מאכט אף צו־אייגענען זיך געזעלשאפטלעכע פראדוקטן, ער נעמט נאר צו די

מאַכט דורך דעמדאזיקן צואייגענען אונטערוואַרפן אונטער זיך פּרעמדע אַרבעט.

מע האָט איינגעווענדט, אַז מיטן פאַרניכטן פּריוואַט-אייגנטום וועט זיך אָפּשטעלן יעטווידע טעטיקייט, און עס וועט זיך אנהויבן אַן אַלגעמיינע פוילקייט.

אויב אזוי, האט די בורזשואזע געזעלשאפט שוין לאַנג געדאַרפט אונטערגיין מאכמעס אלגעמיינער ליידיקגייעריי; וואָרום די, וואָס אַרבעטן דאָרט, דערווערבן ניט, און די, וואָס דערווערבן, אַרבעטן ניט. די אַלע ספייקעס ווערן צוגעפירט צו דער טאַווטאָלאָגיע, אז וויבאַלד עס וועט ניט זיין קיין קאַפּיטאַל, וועט ניט זיין קיין לוינאַרבעט.

אַלע טענות, וואָס ווערן אַרויסגעשטעלט קעגן דעם קאָמוניסטישן אויפן פון צואייגענען און פּראָדוצירן מאַטעריעלע פּראָדוקטן, האָט מען אויסגעשפרייט אויך אַף דעם צואייגענען און פּראָדוצירן גייסטיקע פּראָדוקטן. פּונקט אַזוי ווי דאָס באָטלווערן פון קלאַסן-אייגנטום הייסט באַם בורזשוא, אַז עס שטעלט זיך אָפּ די פּראָדוקציע גופא, אזוי איז בא אים אויך דאָס אויסהערן פון קלאַסנבילדונג די זעלביקע זאַך, ווי בילדונג ביכלאַל וואָלט אויפגעהערט.

די בילדונג, וואָס ער באַדויערט אַזוי איר אונטערגאַנג, איז פאַר דער געוואַלדיקער מערהייט—דערציאונג צו מאַשינעס.

שטרייט אָבער ניט מיט אונז, אַנמעסטנדיק די אָפּשאַפונג פון בורזשואזן אייגנטום צו אייערע בורזשואזע פאַרשטעלונגען וועגן פרייהייט, בילדונג, רעכט א. אז. וו. אייערע אידייען גופא זיינען א פּראָדוקט פון די בורזשואזע פאַרהעלטענישן פון פּראָדוקציע און אייגנטום, פּונקט ווי אייער רעכט איז נאָר דער ווילן פון אייער קלאַס, וואָס איז דערהויבן צו א געזעץ, א ווילן, וואָס זיין אינהאַלט ווערט באַשטימט דורך די מאַטעריעלע לעבנס-באַדינגונגען פון אייער קלאַס.

די עגאָאיסטישע פאָרשטעלונג, וואו איר פאַרוואַנדלט אײ-

ערע פארהעלטענישן פון פראָדוקציע און אייגנטום, פון פארהעלטענישן געשיכטלעכע, וואָס גייען פארביי מיט דער אנטוויקלונג פון דער פראָדוקציע, אין אייביקע געזעצן פון נאטור און סייכל, אָט דידאָזיקע פאָרשטעלונג טיילט איר מיט אלע אונטערגעגאנגענע הערשנדיקע קלאסן. דאס, וואס אייך איז פארשטענדלעך בענויגייע דעם פעאדאלן אייגנטום, ווילט איר מער ניט באגרייפן, ווען עס האנדלט זיך מיקוייעך דעם בורזשואזן אייגנטום.

אָפּשאפונג פון פאמיליע! די גרעסטע ראדיקאלן אפילע היצן זיך איבער דערדאָזיקער שענדלעכער קאוואנע פון די קאָמוניסטן.

אף וואס האלט זיך די איצטיקע, די בורזשואזע פאַמיליע? אף דעם קאפיטאל, אף פריוואט-דערוועדבונג. פולשטענדיק אנטוויקלט עקזיסטירט זי נאר פאר דער בורזשואזיע; זי געפינט אבער איר דערגאנצונג אין דער געצוואונגענער פאמיליענלאָזיקייט פון די פראלעטאריער און אין דער עפנטלעכער פראָסטיטוציע.

די בורזשואזע פאמיליע פאלט, פארשטייט זיך, איניינעם מיטן פאלן פון אט דער דערגאנצונג אירער, אוןביידע פארשווינדן זיי מיטן פארשווונדן פון קאפיטאל.

צי ווערט איר אונז אויפווארפן, וואס מיר ווילן באזייטיקן די עקספלואטאציע פון קינדער דורך זייערע עלטערן? אין אט דעם כעט איינען מיר זיך מוידע.

אָבער, זאָגט איר, מיר מאכן באָטל די הארציקסטע פארהעלטענישן, ווען מיר שטעלן איין אנשטאָט דער היימישער דערציאונג א געזעלשאפטלעכע.

און אייער דערציאונג ווערט דען ניט אויך באַשטימט דורך דער געזעלשאַפט? דורך די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, אין וואָסערע איר דערציט, דורך דער דירעקטער אָדער אומדירעקטער אַריינמישונג פון דער געזעלשאַפט, מיט דער הילף פון דער שול א. אז. וו.? די קאָמוניסטן האָבן ניט אויסגעטראַכט די איינוויר-

קונג פון דער געזעלשאַפט אַף דער דערציאונג; זיי פאַרענדערן נאָר איר כאַראַקטער, זיי רייסן אַרויס די דערציאונג פון אונטערן איינפלוס פון דעם הערשנדיקן קלאַס.

די בורזשואַזע ריידערייען וועגן פאַמיליע און דערציאונג, וועגן דער אינטימער פאַרהעלטעניש צווישן עלטערן און קינדער ווערן נאָך מער עקלדיק, וואָס מער עס ווערן צעריסן די פאַמיליען-פעדים באַ די פראָלעטאַריער אַדאַנק דער גרויס-אינדוסטריע, און די קינדער ווערן פאַרוואַנדלט אין פּאָשעטע האַנדל-אַרטיקלען און אַרבעט-אינסטרומענטן.

— אָבער איר, קאָמוניסטן, ווילט איינפירן שוטפעס אַף ווייבער,—שרייט צו אונז די גאַנצע בורזשואַזיע אין איין כאָר.

דער בורזשואַ זעט אין זיין פרוי אַ פּאָשעטן פּראָדוציר-אינסטרומענט. ער הערט, אַז די פּראָדוציר-אינסטרומענטן דאַרפן געמיינשאַפטלעך אויסגענוצט ווערן, און קען זיך, נאַטירלעך, אַנדערש ניט פאָרשטעלן, אַז דערזעלביקער גורל פון בעשוטפעסדיקייט וועט טרעפן אויך די ווייבער.

עס פאַלט אים גאָר ניט איין, אַז עס האַנדלט זיך גראָד וועגן אָפּשאַפן די לאַגע פון די פרויען, ווי פון פּאָשעטע פּראָדוציר-געצייג.

איבעריקנס, וואָס קען שוין זיין מער צום געלעכטער, ווי די הויכמאָראַלישע אויפגעבראַכטקייט פון אונזער בורזשואַזיע איבער דער קלוימערשטער אָפיציעלער בעשוטפעסדיקייט אַף פרויען באַ די קאָמוניסטן. די קאָמוניסטן דאַרפן די ווייבער-שוטפעסדיקייט ניט איינפירן, זי האָט קימאַט אַלעמאָל עקזיסטירט.

אונזערע בורזשואַ, ניט באַנוגענענדיק זיך דערמיט, וואָס די ווייבער און טעכטער פון זייערע פּראָלעטאַריער געפינען זיך אין זייער רעשוס, שוין ניט גערעדט גאָר וועגן דער אָפיציעלער פּראָסטיטוציע, געפינען זיי נאָך אַ באַזונדער פאַרגעניגן אין דעם, וואָס זיי פאַרפירן די ווייבער איינער באַ דעם אַנדערן.

די בורזשואַזע הייראַט איז אין דער ווירקלעכקייט אַ בע-

שוטפעסדיקייט אַף די געהייראַטע פּרויען. מע וואָלט העכסטנס געקענט אויפוואַרפן די קאָמוניסטן דאָס, אַז אָנשטאָט דער צוויעסדיק פאַרבאַהאַלטענער בעשוטפעסדיקייט אַף פרויען ווילן זיי איינפירן אַן אָפיציעלע, אָפנהאַרציקע. עס איז אָבער זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מיטן באָטל ווערן פון די איצטיקע פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן, וועט די ווייבער-שוטפעסדיקייט, וואָס שטאַמט פון זיי, ד. ה. די אָפיציעלע און ניט-אָפיציעלע פּראָסטיטוציע, אויך פאַרשווינדן.

ווייטער האָט מען די קאָמוניסטן אויפגעוואָרפן, אַז זיי ווילן קלוימערשט אָפּשאַפן דאָס פאָטערלאַנד, די נאַציאָנאַליטעט.

די אַרבעטער האָבן ניט קיין פאָטערלאַנד. מע קען בא זיי ניט צונעמען דאָס, וואָס זיי האָבן ניט. אַזוי ווי דער פּראָלעטאַריאַט מוז קוידעמקאָל אויסקעמפן זיך די פּאָליטישע הערשאַפט אָרגאַניזירן זיך אין אַ נאַציאָנאַלן קלאַס, קאָנסטיטואירן זיך זעלבסט ווי אַ נאַציע, איז ער נאָך נאַציאָנאַל, האַגאַם גאָר ניט אין דעם זינען, ווי די בורזשואַזיע פאַרשטייט עס.

די נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט און די סטירעס צווישן פעלקער פאַרשווינדן אַלץ מער און מער שוין מיט דער אַנטוויקלונג פון דער בורזשואַזיע, מיט דער פרייהייט פון האַנדל, מיטן וועלטמאַרק, מיט דער איינאַרטיקייט פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע און פון די לעבנס-פאַרהעלטענישן, וואָס אַנטשפּרעכן איר.

די הערשאַפט פון דעם פּראָלעטאַריאַט וועט זיי נאָך מער מאַכן צו פאַרשווינדן. אַ פאַרייניקטע אַקציע, לעפּאָכעס פון די ציוויליזירטע לענדער, איז איינע פון די ערשטע באַדינגונגען פאַר זיין באַפרייאונג.

אין דערזועלביקער מאָס, אַף וויפל עס ווערט אָפּגעשאַפט די עקספּלואַטאַציע פון איין יאָכיד דורך דעם אַנדערן, ווערט אָפּגעשאַפט אויך די עקספּלואַטאַציע פון איין נאַציע דורך דער אַנדערער.

איינעם מיט די סטירעס צווישן די קלאסן אינעווייניק אין דער נאציע, פאלט אויך דאס פיינטלעכע פארהאלטן זיך פון די נאציעס צווישנאנאנד.

די באשולדיקונגען קעגן דעם קאמוניזם, וואס ווערן גע-מאכט פון רעליגיעזן, פילאזאפישן און אידעאלאגישן שטאנד-פונקט איבערהויפט, פארדינען ניט, מע זאל זיי אויספירלעך בא-טראכטן.

צי דארף מען דען האבן אזא טיפע פארשטענדעניש, קעדיי צו באנעמען, אז איינעם מיט די לעבנספארהעלטענישן פון די מענטשן, מיט זייערע געזעלשאפטלעכע באציאונגען, מיט זייער געזעלשאפטלעכן לעבנסשטייגער ענדערן זיך אויך זייערע פאר-שטעלונגען, אנשויאונגען און באגריפן, מיט איין ווארט — זייער גאנצער באוואוסטזיין?

וואס זשע אנדערס באווייזט דען די געשיכטע פון אידייען, ווי דאס, אז די גייסטיקע פראדוקציע ענדערט איר געשטאלט איינעם מיט דער מאטעריעלער? די הערשנדיקע אידייען פון יע-דער צייט זיינען אלעמאל געווען די אידייען פון דעם הערשנדיקן קלאס.

מע רעדט וועגן אידייען, וואס מאכן א איבערקערעניש אין דער גאנצער געזעלשאפט; דערמיט זאגט מען נאר ארויס דעם פאקט, אז אינעווייניק אין דער אלטער געזעלשאפט האבן זיך אויסגעבילדעט עלעמענטן פון א נייער, אז טריט בא טריט מיט דער צעשטערונג פון די אלטע לעבנספארהעלטענישן גייט אויך די צעשטערונג פון די אלטע אידייען.

אז די אלטע וועלט האט געהאלטן באם אונטערגיין, זיינען די אלטע רעליגיעס באזיגט געווארן דורך דעם קריסטלעכן גלויבן. בעת די קריסטלעכע אידייען האבן אין 18-טן יארהונדערט גע-נומען אפטרעטן פאר די אויפקלערונג-אידייען, האט די פעאדאלע געזעלשאפט געפירט איר קאמף אף לעבן און טויט מיט דער דאן רעוואלוציאנערער בורזשואזיע. די אידייען וועגן פרייהייט

פון געוויסן און גלויבן האָבן נאָר אויסגעדריקט די הערשאַפט פון פרייער קאָנקורענציע אַפן געביט פון וויסן.

„אָבער", וועט מען זאָגן, „רעליגיעזע, מאָראַלישע, פילאָזאָפישע, פּאָליטישע, רעכטלעכע אידייען א. אַז. וו. האָבן זיך טאַקע געביטן אין דעם גאַנג פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. אָבער די רעליגיע, מאָראַל, פילאָזאָפיע, פּאָליטיק, רעכט האָבן זיך שטענדיק ויפגעהיט אין דעמדאָזיקן בייט.

„אַכוץ דעם, זיינען נאָך פאַראַן אייביקע עמעסן, ווי פרייהייט, גערעכטיקייט א. אַז. וו., וואָס זיינען געמיינזאַם פאַר אַלע געזעלשאַפטלעכע צושטאַנדן. דער קאָמוניזם אָבער שאַפט אָפ די אייביקע עמעסן, ער שאַפט אָפ די רעליגיע, די מאָראַל, אַנשטאָט צו געבן זיי אַ נייע געשטאַלט, בעכיין איז ער סויסער דער גאַנצער ביז-איצטיקער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג".

וואָס איז דער סאַכאַקל פון דערדאָזיקער באַשולדיקונג? די געשיכטע פון אַלע ביז-איצטיקע געזעלשאַפטן איז דורכגעגאַנגען אין קלאַסנסטירעס, וואָס האָבן אין פאַרשיידענע עפּאָכעס געהאַט פאַרשיידענע געשטאַלטן.

אָבער וואָס פאַר אַ פאָרם זיי האָבן ניט געהאַט אָנגענומען, איז אָבער די עקספּלואַטאַציע פון איין טייל געזעלשאַפט דורך דעם אַנדערן אַ געמיינזאַמער פאַקט פאַר אַלע פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטן. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס דאָס געזעלשאַפטלעכע באַוואוסטזיין האָט זיך אין די אַלע יאָרהונדערטן, ניט געקוקט אַף זייער פילאַרטיקייט און פאַרשיידנקייט, באַוועגט אין געוויסע געמיינזאַמע פאָרמען, אין אַזעלכע פאָרמען פון באַוואוסטזיין. וואָס וועלן איינגאַנצן פאַרגיכט ווערן נאָר, ווען עס וועלן איינגאַנצן פאַרשווינדן די קלאַסנסטירעס.

די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע מאַכט דעם ראַדיקאַלסטן ריס מיט די טראַדיציאָנעלע פאַרהעלטענישן פון אייגנטום; קיין וואונדער ניט. וואָס אין גאַנג פון איר אַנטוויקלונג ווערט געמאַכט דער ראַדיקאַלסטער ריס מיט די טראַדיציאָנעלע אידייען.

אָבער זאָל זיין געגוג מיט די טאַינעס פון דער בורזשואַזיע קעגן · עם קאָמוניזם.

מיר האָבן שוין פריער געזעען, אַז דער ערשטער שריט אין דער אַרבעטער-רעוואָלוציע איז—דערהויבן דעם פּראָלעטאַריאַט צו דער מאַדרייגע פון אַ הערשנדיקן קלאַס, דעראָבערן די דע-מאָקראַטיע.

דער פּראָלעטאַריאַט וועט אויסנוצן זיין פּאָליטישע הער-שאַפט, קעדיי אַלץ מער און מער אוועקצונעמען באַ דער בורזשואַזיע דעם גאַנצן קאַפּיטאַל, קעדיי צו צענטראַליזירן אין די הענט פון דער מלוכע, ד. ה. פון דעם פּראָלעטאַריאַט, אָרגאַניזירט ווי אַ הערשנדיקער קלאַס, די גאַנצע פּראָדוציר-געצייג און ווי מעגלעך שנעל צו פאַרמערן די פּראָדוציר-קרעפטן.

נאַטירלעך, דאָס קען אַפריער געשעען נאָר דורך דעספּאָ-טישן אַריינרייסן זיך אין דאָס רעכט פון אייגנטום און אין די בורזשואַזע פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן, הייסט עס, דורך מיטלען, וואָס עקאָנאָמיש זעען זיי אויס ניט געגוג און ניט לאַנגדויעריק, וואָס אָבער אין גאַנג פון דער באַוועגונג וואַקסן זיי זיך גופא אַריבער און זיינען אומפאַרמיידלעך, ווי מיטלען צום איבעראַנ-דערשן דעם גאַנצן אויפן פון פּראָדוקציע.

דידאָזיקע מיטלען וועלן, פאַרשטייט זיך, אין פאַרשיידענע לענדער זיין פאַרשיידן.

דאָך, פאַר די פאָרגעשריטנסטע לענדער וואָלט מען קימאַט אומעטום געקענט אָנעמען אָט די מיטלען:

1. עקספּראָפּריאַציע פון ערד-אייגנטום און פאַרווענדן די ערד-רענטע אַף מלוכע-הויצאָעס.

2. אַ שטאַרק פּראָגרעסיווער שטייער.

3. אָפּשאַפן דאָס רעכט פון ירושע.

4. קאָנפיסקירן דאָס אייגנטום פון אַלע עמיגראַנטן און בונטע-מאַכערס.

5. צענטראַליזירן דעם קרעדיט אין די הענט פון דער מלוכע דורך אַ נאַציאָנאַלן באַנק מיט מלוכע-קאַפּיטאַל און מיט אַן אויסשליסלעכער מאָנאָפּאָליע.

6. צענטראַליזירן דעם טראַנספּאָרט אין די הענט פון מלוכע.

7. פאַרמערן די צאָל מלוכישע פאַבריקן, פּראָדוציר-אינסטרומענטן, באַאַקערן און פאַרבעסערן די ערד לויט אַן אַלגעמיינעם פּלאַן.

8. גלייכער אַרבעט-צוואַנג פאַר אַלעמען, שאַפן אינדוסטריעלע אַרמייען, דערהויפּט פאַר ערד-אַרבעט.

9. פאַרייניקן די אַרבעט פון לאַנדווירטשאַפט מיט אינדוסטריע, מיטהעלפן צו באַזייטיקן ביסלעכוויז דעם אונטערשייד צווישן שטאָט און דאָרף.

10. געזעלשאַפטלעכע און אומזיסטיקע דערציאונג פאַר אַלע קינדער. אָפּשאַפן די פאַבריק-אַרבעט פון קינדער אין דער היינטיקער פאָרם. פאַרייניקן די דערציאונג מיט דער מאַטעריעלער פּראָדוקציע א. אַז. וו.

ווערן נאָר מיטן גאַנג פון דער אַנטוויקלונג פאַרשוואונדן די קלאַסן-אונטערשיידן, און די גאַנצע פּראָדוקציע איז קאָנצענטרירט אין די הענט פון אַסאָציאירטע יעכידים, אַזוי פאַרלירט די געזעלשאַפטלעכע מאַכט איר פּאָליטישן כאַראַקטער. די פּאָליטישע מאַכט, אין אייגנטלעכן זינען פונם וואָרט, איז די אָרגאַניזירטע געוואלט פון איין קלאס צו אונטערדריקן דעם אנדערן. ווען דער פּראָלעטאריאט, אין זיין קאמף קעגן דער בורזשואזיע, פאַרייניקט זיך נויטווענדיק ווי א קלאס, ווען ער ווערט מיט דער הילף פון א רעוואָלוציע דער הערשנדיקער קלאס און, ווי א הערשנדיקער קלאס, פארניכט ער איבערגעוואלט די אלטע פּראָדוציר-פארהעלטענישן,—אזוי פארניכט ער אינאיינעם מיט דידאָזיקע פּראָדוציר-פארהעלטענישן די טנאָאים פאר דער עקזיסטענץ פון קלאסנסטירעס, פון קלאסן ביכלאל, און דערמיט אויך זיין אייגענע הערשאפט ווי א קלאס.

אָנשטאָט דער אלטער בורזשואזער געזעלשאפט מיט אירע קלאסן און קלאסן-סטירעס קומט די אסאָציאציע, וואו די פרייע אנטוויקלונג פון יעדן איינעם איז די באַדינגונג פאר דער פריי-ער אנטוויקלונג פון אלעמען.

## 3.

# סאציאליסטישע און קאמוניסטישע ליטעראטור.

## 1. דער רעאַקציאָנערער סאָציאַליזם.

### א) דער פעאָדאלער סאָציאליזם.

די פראנצויזישע און די ענגלישע אריסטאָקראטיע זיינען, שוין לויט זייער געשיכטלעכער לאגע גופע, בארופן געווען צו שרייבן פאמפלעטן קעגן דער היינטיקער בורזשואזער געזעלשאפט. אין דער פראנצויזישער יולי-רעוואָלוציע פון 1830, אין דער ענגלישער רעפאָרם-באוועגונג זיינען זיי ווידעראמאָל באזיגט געוואָרן דורך דעם פארהאסטן אויפגעקומענעם העדיעט. וועגן אן ערנסטן פאָליטישן קאמף האָט שוין מער קיין רייד ניט געקאָנט זיין. עס איז זיי נאָר געבליבן דער ליטערארישער קאמף. אָבער אויך אפן געביט פון ליטעראטור איז שוין דער אלטער לאָשן פון דער רעסטאווראציע-צייט געוואָרן אומעגלעך*). קעדיי צו דערוועקן סימפאטיע, האָט די אריסטאָקראטיע געמוזט מאכן דעם אָנשטעל, אז זי מיינט גאָרניט אירע אייגענע אינטערעסן, אז זי פאָרמולירט איר באשולדיקונג-אקט קעגן דער בורזשואזיע נאָר אין די אינטערעסן פון דעם עקספלואטירטן ארבעטער-קלאס. זי האָט זיך געטאָן דעם פארגעניגן צו זינגען שפאָט-לידער וועגן איר נייעם הערשער און אריינרוימען אים אין אויער מער אָדער ווייניקער אומגליק פארשפרעכנדיקע נעוויעס.

---

*) עס רעדט זיך ניט וועגן דער ענגלישער רעסטאווראַציע (1689-1660), נאָר וועגן דער פראַנצויזישער (1831-1814), (באַמערקונג פון ענגעלסן צו דער ענגלישער אויסגאַבע).

אף אזא אופן איז אויפגעקומען דער פעאָדאליסטישער סאָ-ציאליזם,—האלב קלאָגליד, האלב פאסקוויל, האלב ווידערקלאנג פון דער פארגאנגענהייט, האלב דראָאונג דער צוקונפט.—וואָס פון צייט צו צייט טרעפט ער דער בורזשואזיע אין הארצן אריין מיט א ביטערער, שארף-בייסיקער מיינונג, וואס ווירקט אבער שטענ-דיק קאָמיש דורך זיין פולער אומפעאיקייט צו באנעמען דעם גאנג פון דער מאָדערנער געשיכטע.

זיי טרייסלען מיט דעם פראָלעטארישן בעטלער-זאק ווי מיט א פאָן אין האנט, קעדיי הינטער זיך דאָס פאָלק צו פאר-זאמלען. האָט עס אָבער אמאָל געלאָזט זיך נאָך זיי, האט עס אפן רוקן בא זיי גלייך דערזעען די אלטע פעאָדאלע הערבן און זיך צעלאָפן מיט א גרויסן גאָר ניט דערכערעצדיקן געלעכטער.

א טייל פון די פראנצויזישע לעגיטימיסטן און „יונג-ענג-לאנד" האָבן דיזאָזיקע קאָמעדיע אָפגעשפילט צום בעסטן.

ווען די פעאָדאלן ווייזן אָן, אז זייער אופן פון עקספלוא-טאציע האָט געהאט אן אנדער געשטאלט, איידער די בורזשואזע עקספלואטאציע, פארגעסן זיי נאָר דערביי, אז זיי האָבן עקספלו-אטירט בא גאנץ אנדערע און איצט שוין אָפגעלעבטע אומשטאנדן און באדינגונגען. ווען זיי ווייזן אָן, אז אונטער זייער הערשאפט איז קיין מאָדערנער פראָלעטאריאט ניט געווען, דאן פארגעסן זיי, אז גראָד די מאָדערנע בורזשואזיע איז געווען א נויטווענדיק שפּראָצל פון זייער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג.

איבעריקנס, זיי באהאלטן אזוי ווייניק דעם רעאקציאָנערן כאראקטער פון זייער קריטיק, אז זייער הויפטבאשולדיקונג קעגן דער בורזשואזיע באשטייט גראָד אין דעם, וואָס אונטער איר רעזשים אנטוויקלט זיך א קלאס, וואָס וועט די גאנצע אלטע גע-זעלשאפטלעכע אָרדענונג אויפרייסן אין דער לופטן.

זיי ווארפן אויף דער בורזשואזיע אסאך מער דאָס, וואָס זי האָט באשאפן א רעוואָלוציאָנערן פראָלעטאריאט, איי-דער א פראָלעטאריאט ביכלאל.

אין דער פּאָליטישער פּראַקטיק האָבן זיי זיך דעריבער באַ־טייליקט אין אַלע געוואַלט־מיטלען, וואָס מע נעמט אָן קעגן דעם אַרבעטער־קלאַס, און אין געוויינלעכן לעבן האַלטן זיי פּאַר גאַנץ באַקוועם אונטערצוקלייבן זי גאָלדענע עפּל, ניט געקוקט אַף די אַלע אויפגעבלאָזענע דראָשעס וועגן „טרייהייט", „ליבע", „ערע" פאַרהאַנדלען זיי אַף שאָפּן־וואָל, בורעקעס און בראַנפן *).

ווי דער גאַלעך פלעגט אַלעמאָל גיין האַנט באַ האַנט מיטן פעאָדאַל, אַזוי גייט אויך דער גאַלאַכישער סאָציאַליזם מיטן פעאָדאַליסטישן.

וואָס קען זיין גרינגער, ווי צוגעבן דעם קריסטלעכן אַס־קעטיזם אַ סאָציאַליסטישע באַפאַרבונג. האָט דען אויך דאָס קריס־טנטום ניט געקעמפט קעגן פּריוואַט־אייגנטום, הייראַט, מלוכע? האָט עס דען ניט געפּריידיקט צדאָקע און בעטלעריי, פּרישעס און סיגופים, אָפּגעזונדערט לעבן און די קירך? דער קריסטלעכער סאָציאַליזם איז נאָר דאָס הייליקע וואַסער, מיט וואָס דער גאַלעך באַשפּריצט דאָס ערגערן זיך פון דעם אַריס־טאָקראַט.

## ב) דער קליינבירגערלעכער סאָציאַליזם.

די פעאָדאַלע אַריסטאָקראַטיע איז ניט דער איינציקער קלאַס, וואָס די בורזשואַזיע האָט אַראָפּגעוואָרפן, וועמעס לעבנס־באַדינ־גונגען עס ווערן פאַרדאַרט און שטאַרבן אָפּ אין דער היינטיקער

*) דאָס איז שאַיעך דעריקער צו דייטשלאַנד, וואו די ערד־אַריסטאָקראַטיע און די יונקערס באַאַרבעטן מיט דער הילף פון פאַרוואַלטערס דעם גרעסטן טייל פון זיי־ערע מאַיאָנטקעס אַפן אייגענעם כעשבן און זיינען נאָך דערצו גרויסע פּראָדוצירער פון בורעקעס און בראַנפן. די רייכערע ענגלישע אַריסטאָקראַטיע שטייט העכער דערפון, אָבער אויך זי ווייס אויסגעצייכנט ווי אַזוי צו קאָמפּענסירן זיך פאַרן פאַלן פון דער רענטע, געבנדיק איר נאָמען אַף צו פאַרדעקן די לינקע אַסאָקים פון מער אָדער ווייניקער כאָשעריקע אַקציאָנערע קאָמפּאַניעס (ענגעלס).

בורזשואַזער געזעלשאַפט. די מיטלאַלטערלעכע שטאָט־בירגער און דער שטאַנד פון קליינע פויערים זיינען געווען די פאָרלויפער פון דער היינטיקער בורזשואַזיע. אין די לענדער, וואָס זיינען אינדוסטריעל און קאָמערציעל ווייניקער אַנטוויקלט, לעבט זיך נאָך דורך דער דאָזיקער קלאַס זייט בײַ זייט מיט דער אויפקומענדיקער בורזשואַזיע.

אין די לענדער, וואו די מאָדערנע ציוויליזאַציע האָט זיך אַנטוויקלט, האָט זיך געשאַפן אַ נייע קליינבירגערשאַפט, וואָס שוועבט צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע, און ווערט נאָך שטענדיק פונדאָסניי געשאַפן, ווי אַ דערגאַנצנדיקער טייל פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. די מיטגלידער פון אָט דעם קלאַס ווערן אָבער דורך דער קאָנקורענציע קעסיידער אַראָפּגעשליידערט צום פּראָלעטאַריאַט, און זיי הויבן שוין אָן אײַנצוזען, ווי מיט דער אַנטוויקלונג פון דער גרויס־אינדוסטריע דערנעענטערט זיך דער מאָמענט, ווען זיי וועלן אינגאַנצן פאַרשווינדן ווי אַ זעלבשטענדיקער טייל פון דער היינטיקער געזעלשאַפט און וועלן פאַרביטן ווערן אין האַנדל, אין דער מאַנופאַקטור, אין לאַנדווירטשאַפט דורך ארבעט־אויפזעערס און הויז־דינערשאַפט.

אין לענדער ווי פראנקרייך, וואו דער פויערים־קלאַס מאכט אויס די גרעסטע העלפט פון דער באַפעלקערונג, איז געווען נאַטירלעך, אז שרייבער, וואָס זיינען ארויסגעטראָטן פארן פּראָלעטאריאט קעגן דער בורזשואזיע, האָבן אָנגעמאָסטן זייער קריטיק פון דעם בורזשואזן רעזשים מיט אַ קליינבירגערלעכער און קליינפויערישער מאָס, און די פּארטיי פון די ארבעטער האָבן זיי באַנומען פון דעם שטאַנדפונקט פון קליינבירגערטום. אזוי איז געשאפן געוואָרן דער קליינבירגערלעכער סאָציאַליזם. סיסמאַנדי שטייט בעראָש פון אָט דער ליטעראַטור ניט בלויז אין פראנקרייך, נאָר אויך אין ענגלאַנד.

דער דאָזיקער סאָציאַליזם האָט העכסט שאַרפזיניק צעגלידערט די סטירעס פון די היינטיקע פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן. ער

האָט אויפגעדעקט די צוויעסדיקע באפוצונגען פון די עקאָנאָמיסטן. ער האט אומדערווידערלעך אויפגעוויזן די צעשטערנדיקע ווירקונגען פון די מאַשינעס און פון דער ארבעט-צעטיילונג, די קאָנצענטראציע פון קאפיטאלן און ערד-אייגנטום, די איבערפּראָדוקציע, די קריזיסן, דעם נויטווענדיקן אונטערגאנג פון די קליינבירגער און פויערים, דעם דאלעס פון דעם פּראָלעטאריאט, די אנארכיע אין דער פּראָדוקציע, די שרייענדיק אומגערעכטע פאנאנדערטיילונג פון דער רייכקייט, דעם אינדוסטריעלן פארניכטונגס-קריג פון די פעלקער צווישנאנאנד, די צעפאלונג פון די אלטע מידעס, פון די אלטע פאמיליען-פארהעלטענישן, פון די אלטע נאציאָנאליטעטן.

לויט זיין פּאָזיטיוון אינהאלט נאָך, וויל אָט דער סאָציאַליזם אָדער צוריק אויפשטעלן די אלטע פארהעלטענישן פון פּראָדוקציע און פארקער און איניינעם דערמיט אויך די אלטע פארהעלטענישן פון אייגנטום און די אלטע געזעלשאפט, אדער ער וויל די היינטיקע מיטלען פון פּראָדוקציע און פארקער איבערגעוואלט ווידער איינשפארן אין די ראמען פון די אלטע אייגנטום-פארהעלטענישן, וואָס זיינען דורך זיי צעריסן געוואָרן און האָבן געמוזט צעריסן ווערן. אזוי צי אזוי—איז ער אי רעאקציאָנער אי אוטאָפּיש.

צעכן אין דער מאנופאקטור און פאטריארכאלישע ווירטשאפט אין ערדארבעט—דאָס איז זיין לעצט וואָרט.

אין איר ווייטערדיקער אנטוויקלונג האָט זיך דידאָזיקע ריכטונג פארוואנדלט איז א פאכדאָנעסדיקן קאצניאָמער.

### ג) דער דייטשישער אָדער דער „עמעסער" סאָציאַליזם.

די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע ליטעראטור פון פראנקרייך, וואָס איז אויפגעקומען אונטערן דרוק פון א הערשנדיקער בורזשואזיע און איז דער ליטערארישער אויסדרוק פון דעם קאמף

קעגן דערדאָזיקער הערשאַפט, איז אריינגעפירט געוואָרן קיין דייטשלאנד אין א צייט, ווען די בורזשואזיע האָט ערשט אנגע-הויבן דעם קאמף קעגן דעם פעאָדאלן אבסאָלוטיזם.

דייטשישע פילאָזאָפן, האלב-פילאָזאָפן און עסטעטן האָבן זיך מיט א זשעדנעקייט ארויפגעוואָרפן אף דערדאָזיקער ליטערא-טור. זיי האָבן נאָר פארגעסן, אז מיט דער איינוואנדערונג פון אָט די שריפטן פון פראנקרייך האָבן איינענעם מיט דעם די פראנצויזישע לעבנס-פארהעלטענישן קיין דייטשלאנד ניט אריינ-געוואנדערט. אין די דייטשישע פארהעלטענישן האָט די פראנצוי-זישע ליטעראטור אנגעווארן יעטווידן אומיטלבאר-פראקטישן בא-טייט און האט באקומען א ריין-ליטעראריש אויסזעען. זי האט גע-מוזט דערשיינען ווי א פוסטע כקירע וועגן דער פארווירקלעכונג פון דעם מענטשלעכן מעהוס. אזוי האבן די פאדערונגען פון דער ערשטער פראנצויזישער רעוואלוציע געהאט פאר די דייטשישע פילאזאפן פון 18-טן יארהונדערט נאר דעם זינען ווי פאדערונגען פון „פראקטישן סייכל“ ביכלאל, און די ווילן-אנטפלעקונגען פון דער רעוואלוציאנערער פראנצוזישער בורזשואזיע האבן אין זייערע אויגן אויסגעזעען ווי געזעצן פון דעם ריינעם ווילן, פון דעם ווילן, ווי ער דארף זיין, פון דעם עמעסן מענטשלעכן ווילן.

די אויסשליסלעכע ארבעט פון די דייטשישע ליטעראטן איז באשטאנען אין ברענגען צו א העסקעם די נייע פראנצויזישע אידייען מיט זייער אלטן פילאזאפישן געוויסן אדער, גיכער, אין אויפנעמען די פראנצויזישע אידייען, ארויסגייענדיק פון דעם איי-גענעם פילאזאפישן שטאנדפונקט.

דאסדאזיקע אויפנעמען איז פארגעקומען אפן זעלביקן שטייגער, ווי מע נעמט אויף ביכלאל א פרעמדן לאשן, דורך אי-בערזעצונג.

עס איז באוואוסט, ווי די מאנאכן פלעגן אף מאנוסקריפטן, וואו עס זיינען געווען געשריבן די קלאסישע ווערק פון דער אל-טער געצנדינערישער צייט, אויפשרייבן נארישע געשיכטעס וועגן

קאטוילישע היילקע. די דייטשישע ליטעראטן זיינען זיך באגאנגען מיט דער וועלטלעכער פראנצויזישער ליטעראטור פארקערט. זיי האָבן זייערע פילאָזאָפישע נארישקייטן אונטערגעשריבן אונטער דעם פראנצויזישן אָריגינאל. לעמאשל, אונטער דער פראנצויזישער קריטיק פון די געלט-פארהעלטענישן האָבן זיי געשריבן „די אָפּפרעמדונג פון דעם מענטשלעכן מעהוס", אונטער דער פראנצויזישער קריטיק פון דער בורזשואזער מלוכע האָבן זיי געשריבן „די פארניכטונג פון דער הערשאפט פון דעם אבסטראקט אלגעמיינעם" א. אַז. וו.

אָט דאָס אונטערוקן פון פילאזאפישע פלוידערייען אָנשטאט די פראנצויזישע אויספירן האבן זיי א נאמען געגעבן „פילאזאפיע פון מאיסים", „עמעסער סאָציאליזם", „דייטשישע וויסנשאפט פון סאָציאליזם", „פילאזאפישע באגרינדונג פון סאָציאליזם" א. אַז. וו.

די פראנצויזישע סאציאליסטיש-קאמוניסטישע ליטעראטור האט מען אזוי בעפויעל-מאמעש מעסארעס געווען. און אזוי ווי זי האט בא די דייטשן אונטער די הענט אויפגעהערט אויסצודריקן דעם קאמף פון איין קלאס קעגן דעם אנדערן, האט דער דייטש אנגעהויבן צו מיינען, אז ער האט בייגעקומען די „פראנצויזישע איינזייטיקייט", אז ער דארף פארטרעטן, אנשטאט די עמעסע באדערפענישן, די באדערפעניש אין עמעס, אנשטאט די אינטערעסן פון דעם פּ. אלעטאריאט—די אינטערעסן פון דעם מענטשלעכן מעהוס, פון דעם מענטשן ביכלאל, פון דעם מענטשן וואס געהערט ניט צו קיין קלאס, וואס איז ביכלאל ניטא אין דערווירקלעכקייט, נאר אין דעם פארנעפלטן הימל פון דער פילאזאפישער פאנטאזיע.

אָט דער דייטשישער סאציאליזם, וואס האט אזוי ערנסט און פייערלעך געקוקט אף זיינע אומבאהאלפענע שול-איבונגען און האט עס אזוי מארק-שרייענדיק אויסגעפויקט, האט ביינע-לעביינע ביסלעכווייז פארלארן זיין פעדאנטישע אומשולד

דער קאמף פון דער דייטשישער, דעריקער פון דער פריי-

סישער, בורזשואזיע קעגן די פעאָדאלן און דעם אבסאלוטן קיניגטום, מיט איין ווארט, די ליבעראלע באוועגונג איז געווארן ערנסטער.

דער „עמעסער" סאציאליזם. האט דא געקראגן די אזוי געגארטע געלעגנהייט ארויסצושטעלן קעגן דער פאליטישער באַוועגונג די סאציאליסטישע פאדערונגען, צו שליידערן די טראדיציאנעלע כראמעס קעגן דעם ליבעראליזם, קעגן דער רעפרעזענטאטיווער מלוכה קעגן דער בורזשואזער קאנקורענציע, בורזשואזער פרייהייט פון פרעסע, בורזשואזן רעכט, בורזשואזער פרייהייט און גלייכהייט און פריידיקן פאר דער פאלקס-מאסע, אז אין דערדאזיקער בורזשואזער באוועגונג וועלן זיי גארנישט ניט געווינען, נאר גיכער אלץ פארשפילן. דער דייטשישער סאציאליזם האט גראד אין דער צייט פארגעסן, אז די פראנצויזישע קריטיק, וואס ער איז געווען איר ניט קלוגער ווידערקאל, האט געהאט די פאר-האנאכע פון א מאָדערנער בורזשואזער געזעלשאפט מיט די אנטשפרעכנדיקע מאטעריעלע באדינגונגען און מיט א געהעריקער פאליטישער קאנסטיטוציע, גראד די פאר-האנאכע, וואס אין דייטשלאנד האט זיך ערשט געהאנדלט וועגן אויסקעמפן זי.

ער האט געדינט די דייטשישע אבסאלוטע רעגירונגען מיט זייער קנופיע פון גאלאכים, שול-לערערס, קרויט-יונקערס און ביוראקראטן פאר א געוואונטשענע סטראשידלע קעגן דער בורזשואזיע, וואס האט זיך דראענדיק א לאז געטאן.

ער איז געווען די זיסלעכע דערגאנצונג צו די ביטערע בייטשן-קלעפ און ביקסן-קוילן, מיט וואָסערע דידאָזיקע רעגירונגען האָבן באַארבעט די דייטשישע ארבעטערשע אויפשטאנדן.

אויב דער עמעסער" סאציאליזם איז אף אַזאַ אויפן געווארן אין די הענט פון די רעגירונגען א קלייזאַיען קעגן דער דייטשישער בורזשואזיע, האָט ער אבער דירעקט אויך פארטראטן א רעאקציאנערן אינטערעס, דעם אינטערעס פון דער דייטשישער קלייןבירגערשאפט. אין דייטשלאנד איז דאס קלייןבירגערטום, ווא[illegible] עקומען נאך פון 16-טן יארהונדערט אן און זינט דאן

שווימט עס שטענדיק ארויס פונדאסניי אין פארשיידענע פארמען, שטענדיק געווען דער אייגנטלעכער פונדאמענט פון דער עקזיסטירנדיקער ארדענונג.

דערהאלטן דאס קליינבירגערטום הייסט דערהאלטן די עקזיסטירנדיקע ארדענונג אין דייטשלאנד. פאר דער אינדוסטריעלער און פאליטישער הערשאפט פון דער בורזשואזיע האבן זיי געציטערט ווי פארן זיכערן טויט,—פון איין זייט, ווי א רעזולטאט פון דער קאנצענטראציע פון קאפיטאל, פון דער אנדער זייט, דורך דעם אויפקומען פון א רעוואלוציאנערן פראלעטאריאט. דער „עמעסער" סאציאליזם, האט זיך זיי געדוכט, דערהארגעט ביידע פליגן מיט איין קלאפ, און ער האט זיך פארשפרייט ווי אן עפידעמיע.

דער שלייער, אויסגעוועבט פון כקירעדיקן שפינוועבס, אויסגעהאפטן מיט בלומען פון שייגייסטיקע רייד, באנעצט מיטן טוי פון א געמיט, צעקראכן פון ליבע, אָט דער סאנטימענטאלער שלייער, אין וואָסערן די דייטשישע סאציאליסטן האבן איינגעוויקלט זייערע פאר אויסגעדארטע „אייביקע עמעסן", האט נאר מיטגעהאלפן אפצוזעצן זייער סכוירע בא דעמדאזיקן אוילעם.

פון זיין זייט, האָט דער דייטשישער סאציאליזם אלץ מער אנערקענט זיין בארוף צו זיין דער הויך-קלינגענדיקער פארטרעטער פון אט דער קליינבירגערשאפט.

ער האט פראקלאמירט די דייטשישע נאציע פאר דער נארמאלער נאציע און דעם דייטשישן פיליסטער פאר דעם נארמאלן מענטשן. אין יעדער נידערטרעכטיקייט פון דעם פיליסטער האט ער ארייגעטאן א פארבארגענעם, העכערן, סאציאליסטישן מיין אזוי אז זי האט שוין באטייט פונקט דעם היפּעך. ער האט געמאכט זיין לעצטן אויספיר, ווען ער איז ארויסגעטראטן דירעקט קעגן דער „גראב צעשטערנדיקער" ריכטונג פון דעם קאמוניזם, און האט הויך פראקלאמירט זיין אייגענע אומפארטייאישע דערהויבנקייט איבער יעטווידן קלאסנקאמף. מיט זייער ווייניק אויס-

נאמען, איז קימאט אלץ, וואס עס צירקולירט אין דייטשלאנד אונטערן נאמען פון סאציאליסטישע און קאמוניסטישע שריפטן, שאיעך צו אט דער שמוציקער צעשרויפנדיקער ליטעראטור *).

## 2. דער קאנסערוואטיווער אדער בורזשואזער סאָציאליזם.

אַ טייל פון דער בורזשואזיע וואָלט וועלן באַזייטיקן די סאָציאלע צאָרעס, קעדיי צו זיכערן די עקזיסטענץ פון דער בורזשואזער געזעלשאַפט.

אהער זיינען שאַיעך: עקאָנאָמיסטן, פילאַנטראָפּן, הומאַניטאַרע מענטשן, רעפּאָרמאטאָרן, וואָס שטרעבן צו פאַרבעסערן די לאגע פון די ארבעטנדיקע קלאַסן, צדאָקע-אָרגאניזאטארס, צאַר-באלעכאיעמניקעס, גרינדער פון געזעלשאפטן פאר ניכטערקייט, ווינקל-רעפארמאטארס פון קאָלאַמינים. דערדאָזיקער בורזשואזער סאָציאליזם האָט אפילע געשאפן גאנצע סיסטעמען.

פאַר אביישפּיל ווייזן מיר אָן אף פּרודאָנס „Philosophie de la misère„ („פילאזאפיע פון ארימקייט").

די סאָציאליסטישע בורזשוא ווילן האָבן די לעבנסבאדינגונגען פון דער היינטיקער געזעלשאפט, נאָר אָן די קאמפן און געפארן, וואס שטאמען פון זיי אומפארמיידלעך ארויס. זיי ווילן די עקזיסטירנדיקע געזעלשאפט אָן די עלעמענטן, וואָס רעוואָלוציאָניזירן און צעשטערן זי. זיי ווילן די בורזשואזיע אָן דעם פּראָלעטאריאט. די בורזשואזיע שטעלט זיך, נאטירלעך, פאר די וועלט, וואו זי הערשט, ווי די בעסטע וועלט. דער בורזשואזער סאָציאַליזם ארבעט אויס פון דערדאָזיקער טרייסטלעכער פארשטעלונג אַ האַלבע אדער א גאנצע סיסטעם. ווען ער פאָדערט אויף דעם

*) דער רעוואָלוציאָנערער שטורעם פון 1848 האָט אָט די קרעציקע ריכטונג אינגאנצן אויסגעקערט און האָט אָפּגענומען באַ אירע טרעגער דעם כיישעק נאָך ווייטער צו פארנעמען זיך מיט סאָציאַליזם. דער הויפּט-פארטרעטער און קלאַסישער טיפּ פון דערדאָזיקער ריכטונג איז דער הער קאַרל גרין.

פראָלעטאריאט צו פאַרווירקלעכן זיין סיסטעם און אריינטרעטן אין אם דעם ניי-יערושאלאַיעם, איז וויל ער, אין טאָך, אז דער פראָלעטאַריאַט זאל בלייבן אין דער איצטיקער געזעלשאפט, נאר זיין האַס צו איר ·אָל ער אוועקוואַרפן.

א צווייטע, וויינִיקער סיסטעמאטישע, נאָר מער פראַקטישע פאָרם פון דעמדאָזיקן סאציאליזם זעט אפצושלאגן באַם ארבעטערקלאס דעם כיישעק צו יעטווידער רעוואָלוציאנערער באוועגונג, טאינענדיק, אז ניט עפעס א פּאָליטישע פארענדערונג, נאר א פאַרענדערונג פון די מאטעריעלע לעבנס-פארהעלטענישן, פון די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן קען אים ברענגען נוצן. אונטער פאַרענדערונגען פון די מאטעריעלע לעבנס-פארהעלטענישן פארשטייט דערדאָזיקער סאָציאַליזם בעשום אויפן ניט קיין אָפשאַפונג פון די בורזשואזע פראָדוציר-פארהעלטענישן, א זאַך, וואס איז מעגלעך נאָר אפן רעוואָלוציאנערן וועג, נאר אדמיניסטראטיווע פארבעסערונגען, וואָס קומען פאר אפן באדן טאקע פון דיזעלביקע פארהעלטענישן, הייסט עס — אין די פארהעלטענישן פון קאפיטאל און לוינארבעט *גארנישט ניט ענדערן*, נאר אין בעסטן פאל *פארקלענערן* דער בורזשואזיע די הויצאָעס פון איר הערשאפט און פארייגפאַכן איר מלוכע-באלעבאטישקייט.

זיין געהעריקן אויסדרוק קריגט דער בורזשואזער סאָציאַליזם ערשט דאן, ווען ער ווערט א הוילע ריטאָרישע פיגור.

פרייער האַנדל צוליב די אינטערעסן פון דעם ארבעטנדיקן קלאס! שוץ-טאַריפן צוליב די אינטערעסן פון דעם ארבעטנדיקן קלאס! איינצל-קאַמערן אין טפיסע צוליב די אינטערעסן פון דעם ארבעטנדיקן קלאס! דאָס איז דאָס לעצטע, איינציק ערנסט געמיינטע וואָרט פון דעם בורזשואזן סאָציאַליזם.

דער סאָציאַליזם פון דער בורזשואזיע באַשטייט אין דער באהויפטונג, אז די בורזשואַ זיינען בורזשואַ נאר צוליב די אינטערעסן פון דעם ארבעטנדיקן קלאס.

## 3. דער קריטיש־אוטאפיסטישער סאציאליזם און קאמוניזם.

מיר ריידן דא ניט וועגן דער ליטעראַטור, וואס האט אין אלע גרויסע רעוואָלוציעס פון דער נייער צייט אויסגעדריקט די פאדערונגען פון דעם פראלעטאריאט (די שריפטן פון באבעף א. אז. וו.).

די ערשטע פרואוון פון דעם פראָלעטאַריאַט דורכצוזעצן דירעקט זיינע אייגענע קלאסן-אינטערעסן אין א צייט פון אלגעמיינער אויפגערודערטקייט, אין דעם פעריאָד, ווען מע האָט געהאַלטן בא אומוואַרפן די פעאָדאלע געזעלשאפט, האָבן געמוזט דורכפאַלן מאכמעס דער אומאנטוויקלטער געשטאַלט פון דעם פראָלעטאריאט גופע און אויך מאכמעס עס האָבן געפעלט די מאטעריעלע באַדינגונגען פאר זיין באַפרייאונג, די באַדינגונגען, וואָס זיינען ערשט א פראָדוקט פון דער בורזשואזער עפאָכע. די רעוואלוציאָנערע ליטעראטור, וואָס באַלייט דידאָזיקע ערשטע באוועגונגען פון דעם פראָלעטאריאט, איז לויט איר אינהאַלט נאך נויטווענדיק *רעאקציאנער*; זי פריידיקט אן אלגעמיינעם אסקעטיזם און מעגושעמדיקע גלייכמאכעריי.

די אייגנטלעך סאָציאליסטישע און קאָמוניסטישע סיסטעמען, די סיסטעם פון סען-סימאָן, פוריע, אָועןא, אז. וו. שווימען ארויס אין דעם ערשטן, נאך ניט-אנטוויקלטן פעריאָד פון קאַמף צווישן דעם פראָלעטאריאט און דער בורזשואזיע, וואס מיר האָבן פריער געשילדערט (זע דעם קאפיטל „בורזשואזיע און פראָלעטאריאט”).

די שעפער פון וידאזיקע סיסטעמען זעען אפילע דעם קעגנזאץ פון די קלאסן, און אויך די ווירקונג פון די צעשטערנדיקע עלעמענטן אין דער הערשנדיקער געזעלשאפט גופע. זיי זעען אבער ניט אפן צאד פון דעם פראלעטאריאט *קיין געשיכטלעכע זעלבסטעטיקייט*, קיין שום פאָליטישע באוועגונג, וואָס זאָל אים זיין אייגנטימלעך.

אזוי ווי די אנטוויקלונג פון די קלאסנסטירעס גייט שריט נאך שריט מיט דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, איז געפינען זיי ניט קיין מאטעריעלע באדינגונגען פאר דער באפרייאונג פון דעם פראָלעטאריאט און זוכן א סאָציאלע וויסנשאפט, סאָציאלע געזעצן, קעדיי דידאזיקע באדינגונגען צו שאפן.

אָנשטאָט געזעלשאפטלעכער טעטיקייט מוז קומען זייער פערזענלעכע שעפערישע טעטיקייט, אָנשטאָט געשיכטלעכע באדינגונגען פאר דער באַפרייאונג—פאנטאסטישע, אָנשטאָט דער ארגאניזירונג פון דעם פראָלעטאריאט אין א קלאָס, וואס קומט בעהאדראגע פאר,—אן אייגן-אויסגעטראכטע ארגאניזאציע פון דער געזעלשאפט. די קומענדיקע וועלטגעשיכטע באשטייט פאר זיי אין דער פראָפּאַגאַנדע און דער פראקטישער אויספירונג פון זייערע סאָציאלע פלענער.

זיי פארשטייען אפילע, אז אין זייערע פלענער פארטרעטן זיי דעריקער די אינטערעסן פון דעם ארבעטנדיקן קלאס, ווי פון דעם קלאס, וואָס ליידט מער פון אלעמען. נאר פון אט דעם שטאנדפונקט פון דעם סאַמע ליידנדיקן קלאַס עקזיסטירט פאר זיי דער פראָלעטאריאַט.

די אומאנטוויקלטע פאָרם פון דעם קלאסנקאמף, און אויך זייער אייגענע לאגע אין לעבן, איז אבער גורעם, זיי זאָלן האלטן אז זיי שטייען פיל העכער פון די קלאסנסטירעס. זיי ווילן פאר בעסערן די לאגע פון אלע מיטגלידער אין דער געזעלשאפט, אַפילע פון די, וואס זיינען אמבעסטן אוועקגעשטעלט. דעריבער אפעלירן זיי אלעמאָל צו דער גאנצער געזעלשאפט אן אונטערשייד, און אפילע גיכער צום הערשנדיקן קלאס. מע דארף דאך נאר פארשטיין זייער סיסטעם, קעדיי צו אנערקענען זי פאר דעם בעסט מעגלעכן פלאן פון דער בעסט מעגלעכער געזעלשאפט.

זיי ווארפן אפ דעריבער יעדע פאָליטישע, דעריקער יעדע רעוואלוציאנערע אקציע, זיי ווילן דערגרייכן צו זייער ציל

אפן פרידלעכן וועג. זיי פּרוּאוּון דורך קליינע עקספּערימענטן וואס פאלן נאטירלעך דורך אלעמאָל,—דורך דער קראַפט פון ביי־שפּיל דורכברעכן א וועג פאר דער נייער געזעלשאפטלעכער עוואנגעליע.

די פאנטאסטישע שילדערונג פון דער צוקונפטיקער געזעל־שאַפט באווייזט זיך אין אזא צייט, ווען דער פּראָלעטאריאַט איז נאך גאָר ניט אנטוויקלט, אזוי אז ער אליין באנעמט נאך פאַנ־טאסטיש זיין אייגענע לאגע, זיינע ערשטע דראַנגען, וואָס זיינען פול מיט פאָרגעפילן וועגן אן אלגעמיינער איבערבויאונג פון דער געזעלשאַפט.

אין די סאָציאליסטישע און קאמוניסטישע שריפטן זיינען אָבער פאַראַן אויך קריטישע עלעמענטן. זיי בארירן אלע יעסוי־דעס פון דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאפט. זיי האבן דעריבער געגעבן א העכסט ווערטפולן מאטעריאל פאר דער אויפקלערונג פון דעם ארבעטער. זייערע פאזיטיווע האנאכעס וועגן דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט, צום ביישפּיל, די אפשאפונג פון דעם קעגנזאץ צווישן שטאָט און דאָרף, פון דער פאמיליע, פון פּריוואט=אייגנטום, פון לוינארבעט, די פּראקלא־מירונג פון געזעלשאפטלעכער הארמאָניע, די פארוואנדלונג פון דער מלוכע אין א פּאָשעטער פארוואלטונג פון דער פּראָדוקציע— די אלע האנאָכעס זייערע דריקן נאר אויס דאס באזייטיקן פון די קלאסנסטירעס, וואס האָבן דאן ערשט אנגעהויבן צו אנטוויקלען זיך, און זיינען זיי געווען באקאנט נאר אין זייער ערשטער געשטאלטלאזיקער אומבאשטימטקייט. דידאָזיקע האַנאָכעס האבן נאָך דעריבער אריין אוטאָפּיסטישן זינען.

דער באטייט פון דעם קריטיש־אוטאָפּיסטישן סאָציאליזם און קאמוניזם געפינט זיך אין אן אומגעקערטער פארהעלטעניש צו דער געשיכטלעכער אנטוויקלונג. וואָס מער דער קלאסנקאמף אנטוויקלט זיך און פארמירט זיך אויס, אלץ מער פארלירט דאס־דאזיקע פאַנטאסטישע דערהויבן זיך איבער דעם קלאסנקאמף, דאָס

פאנטאסטישע באקעמפן אים יעטווידן פראקטישן ווערט, יעטווידע טעארעטישע בארעכטיקונג דעריבער, איז האגאם די גרינדער פון דיראזיקע סיסטעמען זיינען געווען אין אסאך זאכן רעוואלוציאנער, דאך בילדן זייערע טאלמידים אלעמאל רעאקציאנערע סעקטעס. זיי האלטן זיך פעסט אן די אלטע מיינונגען פון זייערע לערער קעגן דער ווייטערדיקער געשיכטלעכער אנטוויקלונג פון דעם פראלעטאריאט. זיי זעען דעריבער קעסיידער אפצוטעמפן דעם קלאסנקאמף און ברענגען די סטירעס צו א פשארע. זיי טרוימען נאך אלץ וועגן פארווירקלעכן עקספערימענטאל זייערע סאציאלע אוטאפיעס, וועגן שטיצן איינצלנע פאלאנסטערן, וועגן גרינדן היים-קאלאניעס, אויפבויען א קליינע איקאריע*),—א קעשענע-אויסגאבע פון דעם ניי-ירושאלאיעם— און קעדיי אויפצובויען די אלע לופט-שלעסער, אפעלירן זיי צו דער פילאנטראפיע פון די בורזשואזע הערצער און געלטזעק. ביסלעכווייז פאלן זיי אראפ צו דער קאטעגאריע פון די פריער געשילדערטע רעאקציאנערע אדער קאנסערוואטיווע סאציאליסטן און שיידן זיך אונטער פון זיי נאר מיט נאך א מער סיסטעמאטישער פעדאנטישקייט, מיט זייער פאנאטישן אבערגלויבן אין דער וואונדערלעכער ווירקונג פון זייער סאציאלער וויסנשאפט.

דעריבער טרעטן זיי ארויס מיט פארביטערונג קעגן יעדער פאליטישער באוועגונג פון די ארבעטער, וואס קען זיך נעמען, לויט זייער מיינונג, נאר פון דעם בלינדן ניט-גלויבן אין דער נייער טוירע.

די אוועניסטן אין ענגלאנד טרעטן ארויס קעגן די טשארטיסטן, די פוריעריסטן—אין פראנקרייך — קעגן די רעפארמיסטן.

---

*) Home colonies (היימישע קאלאניעס)—אזוי רופט אוען זיינע קאמוניסטישע מוסטער-געזעלשאפטן. פאלאנסטערן האט פוריע גערופן די געזעלשאפטלעכע פאלאצן, וואס ער האט געפלאנעוועט. איקאריע הייסט דאס אוטאפיסטישע טרוימלאנד, וואס קאבע האט געשילדערט דעם קאמוניסטישן פיידער דארט.

## 4.

# די באַציאונגען פון די קאָמוניסטן צו די פאַרשיידענע אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען.

לויט דעם קאַפּיטל 2, קען מען שוין פאַרשטיין, ווי אַזוי די קאָמוניסטן פאַרהאַלטן זיך צו די טשאַרטיסטן אין ענגלאַנד און צו די אַגראַר-רעפאָרמיסטן אין צאָפן-אַמעריקע.

זיי קעמפן פאַר דער דערגרייכונג פון די צוועקן און אינטערעסן פון דעם אַרבעטער-קלאַס, וואָס שטייען דירעקט פאַר זיי, אָבער אין דער באַוועגונג פון היינט פאַרטרעטן זיי אין דערזעלביקער צייט די צוקונפט פון דער באַוועגונג. אין פראַנקרייך שליסן זיך אָן די קאָמוניסטן צו דער סאָציאַליסטיש-דעמאָקראַטישער*) פּאַרטיי קעגן דער קאָנסערוואַטיווער און ראַדיקאַלער בורזשואַזיע; זיי זאָגן זיך אָבער ניט אָפּ פון דעם רעכט צו פאַרהאַלטן זיך קריטיש צו די פראַזן און אילוזיעס, וואָס שטאַמען פון דער רעוואָלוציאָנערער טראַדיציע.

אין דער שווייץ שטיצן זיי די ראַדיקאַלן, ניט פאַרגעסנדיק דערביי, אַז די דאָזיקע פּאַרטיי באַשטייט פון סויסערדיקע עלעמענטן, טיילווייז פון דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן אין פראַנצויזישן זינען, טיילווייז פון ראַדיקאַלע בורזשואַ.

צווישן די פּאָליאַקן שטיצן די קאָמוניסטן די פּאַרטיי, וואָס שטעלט אַרויס אַן אַגראַרע רעוואָלוציע ווי אַ באַדינג פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, די זעלביקע פּאַרטיי, וואָס האָט אַרויסגערופן דעם קראָקער אויפשטאַנד אין יאָר 1846.

אין דייטשלאַנד קעמפט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אינאיינעם מיט דער בורזשואַזיע, ווי נאָר זי טרעט אַרויס רעוואָלוציאָנערי

*) די פּאַרטיי, וואָס האָט זיך דאַן גערופן [illegible] פראַנקרייך סאָציאַליסטיש-דעמאָקראַטישע, איז געווען פאַרטראָטן פּאָליטיש דורך לעדריו-ראָלען און ליטעראַריש דורך לואי בלאַן; זי איז, הייסט עס, געווען הימל-ווייט פאַרשיידן פון דער היינטיקער דייטשישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

קעגן דער אבסאלוטער מאנארכיע, פעאדאלן ערד-אייגנטום און קליינבירגערשאפט.

זי לאזט אבער ניט אויס קיין מאמענט אף אויסצואַרבעטן בא די ארבעטער א מעגלעך קלארן באוואוסטזיין וועגן דעם פיינטלעכן קעגנזאץ צווישן בורזשואזיע און פראלעטאריאט, קעדיי די דייטשישע ארבעטער זאלן די געזעלשאפטלעכע און פאליטישע באדינגונגען, וואס די הערשאפט פון דער בורזשואזיע מוז ברענגען, קענען טייקעף אנווענדן ווי א קלייזאיען קעגן דער בורזשואזיע, אז נאכדעם ווי ס'וועט פאלן דער רעאקציאנערער קלאס אין דייטשלאנד, זאל זיך טייקעף אנהויבן דער קאמף קעגן דער בורזשואזיע גופע.

אף דייטשלאנד ווענדן די קאמוניסטן די הויפט-אויפמערקזאמקייט, ווייל דייטשלאנד שטייט ערעוו א בורזשואזער רעוואלוציע, און ווייל דידאזיקע איבערקערעניש וועט זי מאכן בא מער פראגרעסיווע באדינגונגען פון דער אייראפעאישער ציוויליזאציע בכלל און מיט א פיל מער אנטוויקלטן פראלעטאריאט, איידער ענגלאנד אין זיבעצנטן און פראנקרייך אין אכצנטן יארהונדערט די דייטשישע בורזשואזע רעוואלוציע קען, הייסט עס, זיין נאר דער דירעקטער פארשפיל פון א פראלעטארישער רעוואלוציע.

מיט איין ווארט, די קאמוניסטן שטיצן אומעטום איטלעכע רעוואלוציאנערע באוועגונג קעגן די עקזיסטירנדיקע געזעלשאפטלעכע און פאליטישע צושטאנדן.

אין די אלע באוועגונגען הויבן זיי אויף די פראגע וועגן אייגנטום, און רוקן זי ארויס פאר דער גרונט-פראגע פון דער באוועגונג, אלציינס צי האט זי דארט אנגענומען א מער אדער א ווייניקער אנטוויקלטע פארם.

ענדלעך, ארבעטן די קאמוניסטן אומעטום פאר דער פארבינדונג און פארשטענדיקונג פון די דעמאקראטישע פארטייען אין אלע לענדער.

די קאמוניסטן האלטן פאר איבעריק צו באהאלטן זייערע מיינונגען און קאוואנעס, זיי דערקלערן אָפן, אז זייער ציל קען דערגרייכט ווערן נאר ווען עס וועט איבערגעוואַלט אראָפּגעוואָרפן ווערן די גאנצע ביזאיצטיקע געזעלשאפטלעכע ארדענונג. זאלן די הערשנדיקע קלאסן ציטערן פאר אַ קאָמוניסטישע רעוואלוציע. די פּראָלעטאריער האָבן דערביי גארנישט צו פארלירן, אכוץ זייערע קייטן. געווינען אבער וועלן זיי א גאנצע וועלט.

**פּראָלעטאריער פון אַלע לענדער, פאראייניקט זיך!**

---

# דערקלערונגען

# אײַנלייטונג

אויב מע זאָל ניט רעכענען די שוואַכע עמבריאָנען פון דער אַרבעטער-באַוועגונג אין די צאָפן-אַמעריקאַנישע פאַרייניקטע שטאַטן, האָט דאָן די אַרבעטער-באַוועגונג, און אײַנעם דערמיט אויך דער קאָמוניזם, געהאַט אַנטוויקלט זיך נאָר אין אייראָפּע. מאַרקס און ענגעלס האַלטן פאַר פאַרשטייער פון דער אַלטער אייראָפּע, וועלכע האָט זיך גלייך אַנגעשפּיצט, ווען זי האָט דערזען אָט דעם רויך, אַלע קעגנער פון דעם קאָמוניזם, אַלע הויפּט-קרעפטן פון דער אַלטער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, אָנגעהויבן פון דעם אָדל און ביז די אינדוסטריעלער מיט די סאָכרים. באַזונדער ווערן אָנגערופן יענע קעגנער פון קאָמוניזם, וואָס האָבן דאָן געשפּילט די אָנפירנדיקע ראָלע אין קאַמף מיט אים.

דער פּויפּסט פּי (דער 9-טער), וואָס איז אַרויף אויפן פּויפּסטלעכן טראָן אין 1846 יאָר, האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די קאָמוניסטן, ווי אויף סאָנים פון דער רעליגיע און פון גייסטיקן פאַרשיקערן דאָס פאָלק.

דער צאַר ניקאָלאַי דער 1-טער (1825—1855) דער אַליינהערשער פון רוסלאַנד, וואָס איז נאָך דאָן געווען אַ לאַנד

פון לייב-קנעכטשאפט, האָט אַף זיך פרייוויליק גענומען די אואוו דע פון איידראפעס א זשאנדאר, וואס זוכט אומעטום בונטן.

מעטערניך (1773—1852) איז דעמאלט געווען דער הויפט-מיניסטער פון דער עסטרייכישער אימפעריע, דער שטיקער פון אַלע שטרעבונגען צו פרייהייט און דער לעשער פון יעטווידער אויפקלערונג. אים איז געווען קאַרג, וואָס ער האט פאַרהאלטן די אנטוויקלונג בא זיך אין לאנד. ער האָט שטענדיק אונטערגעהעצט די שכייניסדיקע מלוכעס צו שטיין אַף דער וואך פון אַרדענונג. זיין אויפטו איז עס געווען, און ער האָט דורכגעפירט אין לעבן דעם „הייליקן בונד" פון דעם פרייסישן קיניג מיט די אימפעראטארן פון עסטרייך און רוסלאנד, קעדיי צו קעמפן מיט די סאנים פון טראָן און רעליגיע. זיין נאמען איז געוואָרן א שעם-דאווער (אל פי נוסעך מעטערניך) פאר אן אָרדענונג, וואו עס הערשט אַ שטיל-שטייעניש, וואו יעדער שריט פאָראויס ווערט פאַרהאַלטן, מיט איין וואָרט—וואו עס הערשט רעאַקציע.

גיזאָ (1787—1874) איז דאן געווען דער הויפט-מיניסטער פון פראנקרייך, אַליין אַ געבילדעטער מאן און אן אויסגעצייכנטער געלערנטער, האט ער אַלע זיינע קרעפטן אפגעגעבן אין דינסט דער בורזשואזיע, די רייכע. פאַר זיין הויפט-אויפגאבע האָט ער געהאלטן דעם קאמף מיט די סאָציאליסטן און קאָמוניסטן, וואָס האָבן געשטערט דער בורזשואזיע נאך מער רייך צו ווערן. דעריבער האָט מען געדאַרפט האַלטן די אַרבעטער אין אונטערטעניקייט און אין פינסטערניש, ניט געבן זיי קיין שום פּאָליטישע רעכט. ער פלעגט גערן טאן א טויווע מעטערניכן און דעם פרייסישן קיניג, ווען עס האט זיך נאר געהאנדלט וועגן רודפן רעוואלוציאנערן, וואס האבן געזוכט אין פאריז אן ארט צו באהאלטן זיך. לויט א באקאָשע פון דער פרייסישער רעגירונג האַט ער פאַרטריבן מארקסן פון פראַנקרייך.

די פראנצויזישע ראדיקאלן זיינען, עמעס, גע-

ווען קעגנער פון גיזאָ און זיינען געשטאנען פאר אויסברייטערן דאס וואלרעכט, זיי האבן אבער מיט ניט ווייניקער פייער פארטיידיקט דאס רעכט פון פריוואט-אייגנטום און האבן געשאטן פעך און שוועבל אף די קאמוניסטן, ווי אף סאנים פון יעטווידער געזעלשאפטלעכער ארדענונג. געוויינלעך רופט מען ראדיקאלן אזעלכע מענטשן, וואָס שטייען פאַר א גרונטלעכער איבערענדערונג פון דעם פאליטישן סיידער אין דער מלוכע, וואָס ווילן אָבער גארניט ניט הערן וועגן אן ענדערונג פון דער געזעלשאפטלעכער, סאציאלער ארדענונג.

די דייטשישע פאָליציי האָט זיך געיאגט נאך די קאָמוניסטן אי אין פראנקרייך, אי אין בעלגיע, אי אין דער שווייץ און אפילע אין ענגלאנד. זי האָט זיך דערשלאגן, מע זאל דעם קאמוניסט ווייטלינג ארויסטרייבן פון דער שווייץ און מארקסן פון פראנקרייך.

פארטיי — א גרופע, א געזעלשאַפט פון פערזאָנען, פאראייניקט דורך בעשטימטע צילן און אויפגאבן, וואָס ווילן זיך דערשלאגן דורך א פעסטער אייניקייט, דורך ארגאַניזאציע, צו ענדערונגען אין דער געזעלשאפטלעכער אדער מלוכישער אָרדענונג. אין אזא פארטיי טרעטן געוויינלעך אריין פערזאָנען, וואָס זיינען פארבונדן דורך א געמיינזאמער לאגע אין דער געזעלשאפטלעכער פראדוקציע, וואָס האבן געמיינזאמע אינטערעסן און בילדן אין דער געגעבענער געזעלשאפט א באַזונדער קלאס.

זיין אין אָפּאָזיציע הייסט זיין ניט צופרידן מיט דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאפטלעכער אדער מלוכישער אָרדענונג, שטעלן זיך אנטקעגן איר, ארויסטרעטן קעגן איר. אן אָפּאָזיציאנעלע פארטיי קעמפט קעגן דער הערשנדיקער פארטיי. אן אָפּאָזיציע קען ארומנעמען פארשיידענע אפאזיציאָנעלע פארטייען. אזוי זיינען די פראנצויזישע ראדיקאָלן און די פראַנצויזישע קאמוניסטן ביידע באגלייך געווען אפאזיציאנעלע פארטייען בעצוגייע דער הערשנדיקער פארטיי בעצוגייע גיזאָ. אין דער-

זעלביקער צייט האָבן זיי געקעמפט אויך צווישן זיך. אין ענג־לאנד, וואו עס איז א לאנגע צייט געווען נאָר צוויי פּאַרטייען, פלעגט אפט טרעפן אז דיזעלביקע פּארטיי, וואָס איז נעכטן געווען די הערשנדיקע, די רעגירונג־פּארטיי, איז היינט געווארן די אפּאָזיציאָנעלע, און פארקערט.

רעאקציאנערע קעגנער — פאָרשטייער פון דער רע־אקציע, פון רעאקציאנערע פּארטייען, וואָס ווילן א דריי טאָן דאָס רעדל אף צוריק, אומקערן די אלטע פּאָראנדקעס

# ערשטער קאפיטל.

געשיכטע איז די וויסנשאַפט וועגן דעם, ווי אזוי די געזעלשאַפט, יאין וואָסערער מיר לעבן, האָט זיך אַנטוויקלט און אויסגעפאָרמירט אין אַ מעשעך פון הונדערטער יארן. פאר די הערשנדיקע קלאסן האָט געשיכטע געשפּילט א ראָלע נאָר אף אזוי פיל, אַף וויפל זי פלעגט דערציילן וועגן די העלדישע מאַיסים פון גרויסע מענטשן, וועגן מילכאָמעס, וואָס פאַרשיידענע פעלקער פלעגן פירן צווישנאַנאַנד, וועגן איין קייסער, וואס פלעגט פאַרבייטן דעם אנדערן און איז געווען פונקט אַזאַ כאַ־כעם און אַזאַ גיבער, אדער עפּשער נאָך אַ גרעסערער, ווי דער פריערדיקער. די העלדן פלעגן זיך שלאָגן, פלעגן פארלירן אָדער געווינען לענדער, און די פעלקער פלעגן געהאָרכזאַם גיין מילכאָמע האַלטן היינט קעגן איינע, מאָרגן קעגן אנדערע, ווי דער קייסער צי דער העלד פלעגט באַפוילן. און דאָך, ניט געקוקט אף די אַלע מילכאָמעס און געשלעגן, פלעגט אלץ בלייבן ווי געווען.

די שטאַרקע, די איידלגעבאָרענע, די רייכע פלעגן זיך אַנלעבן אַשירעס און האָבן געבליט, די אָרימע פלעגן פאַרגיסן זייער בלוט, פלעגן זיך איינרייסן די קויכעס אין שווערער האָרעוואַניע און פלעגן דאָך בלייבן קאַבצאָנים. געשיכטע איז קלוימערשט געווען, וואָרום דוירעס פלעגן קומען און דוירעס פלעגן אַוועקגיין, אבער איגדערעמעסן פלעגט אלץ בלייבן ווי געווען.

„אזוי איז געווען פון אייביקע יאָרן, אַזוי וועט עס אויך בלייבן". און דאָ קומען נאָך די קלייקוידעש מיט זייערע דראָשעס. אזוי האָט דער ריבוינעשעלוילעם איינגעשטעלט די וועלט. און דער סיידער פון דער וועלט, וואס איז נוציק פאַר אַ קליינעם הייפעלע מענטשן, ווערט פאַרהייליקט, מע טאָר זיך דערצו כאַסוועשאָלעם ניט צורירן ווי צו אַ הייליקער זאַך, ס'איז א כילעלהאַשעם.

בעשאַס די וויסנשאַפט איז נאָך געווען דורכויס אין דינסט באַ די יאַכסאָנים און גווירים, פלעגט זי אינגיינעם מיט די קלייקוידעש אומעטום זוכן און אומעטום געפינען דיזעלביקע אָרדענונג, ווי די, וואָס האָט געהערשט אויך אין איר צייט. א הייפל גווירים מיט א קייסער, אַן אייגענעם מענטשן, פון אויבן, א מאַסע אָרימעלייט, וואָס האָרעווען קעדיי אויסצוהאַלטן דידאָזיקע אומזיסט-פרעסער, — אָט ווי אזוי זיי האָבן זיך געמאָלט דאָס בילד פון דעם, וואָס איז געווען. אז אין מאירעוו-אייראפּע האָבן די אָרימעלייט סאָפּקאָלסאָף אויפגעהויבן די קעפּ, און האָבן מיט א רייע אויפשטאַנדן, איבערקערענישן, רעוואלוציעס באַוויזן, אַז די עקזיסטירנדיקע ארדענונג איז גאָר ניט אַזוי אומפאַרענדערלעך, ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן די געלערנטע, דאַן האָבן זיך אין דער וויסנשאַפט אנגעהויבן הערן אנדערע דיבורים. מע האָט געמוזט רעווידירן אַסאַך פאָרורטיילן, וואס מע האָט געיאַרשנט פון דער צייט, ווען די וויסנשאַפט איז נאָך געווען פארשקלאַפט באַ די מאַכטהאָבערס.

דאַן האָט זיך ארויסגעוויזן, אז עס איז קיינמאָל ניט געווען אַזאַ צייט, ווען מענטשן זאָלן האָבן געלעבט אייניקוויין אדער פאָרוויין, אז מענטשן שטאַמען פון אַזעלכע באַשעפעניש, וואָס האָבן שוין געלעבט טשערעדעסוויז. ווייטער האָט זיך ארויסגעוויזן, אז עס איז געווען א צייט, ווען מענטשן האָבן ניט געוואוסט ניט פון קיין קנעכטשאַפט און ניט פון קיין אונטערדריקונג. זיי האָבן געלעבט אין קליינע געזעלשאַפטן,

שטאַמען, וואו אַלץ פלעגט מען פראָדוצירן בעשוטפעס, וואו עס איז ניט געווען קיין אָרימע און קיין רייכע. אָט די שטאַמען פלעגן זיך פאַרייניקן אין שוואַטים, און שוין דערנאָך פלעגן פון דידאָזיקע שוואָטים אויסבילדן זיך קליינע פעלקערלעך.

אָט די אור-אַלטע גלייכהייט איז שפּעטער פאַרשוואונדן. דיזעלביקע שוואָטים, וואָס אליין האָבן זיי זיך ניט געטיילט אף אָרימע און רייכע, האָבן געפירט א פאַראַקשנטן קאַמף מיט אַנדערע שוואָטים, קעדיי צו פאַרכאַפּן פאַר זיך ערד, גיטער, פראָדוקטן. די געזעלשאפט איז זיך צעפאַלן אף אונטעריאָכער און אונטערגעיאָכטע, און דערזעלביקער קאַמף, וואס האָט זיך פריער געפירט צווישן באַזונדערע שטאַמען און שוואָטים, האָט אָנגעהויבן צו צעפלאַקערן זיך אינעווייניק אין דער געזעלשאַפט גופע. און געקעמפט האָבן איצטער אייבער קעגן דעם אַנדערן ניט איינצלנע פערזאנען, נאר קלאסן, ד. ה. פערזאָנען, פאַרייניקט דורך שוטפעסע מאטעריעלע אינטערעסן. פון דאַן אָן און ביז היינטיקן טאָג איז די גאַנצע געשיכטע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט אַ געשיכטע פון קאמף פון קלאסן.

די געשיכטע טיילט מען געוויינלעך אף אלטערטום, מיטלאלטער און נייע צייט. איז אָט אפילע אין דער אַלטער צייט, נאָכדעם ווי עס האָט זיך געענדיקט דער פאָרהיסטארישער פעריאָד, טרעפן מיר אומעטום- קלאסנקאמף.

בא די פארצייטיקע גריכן געפינען מיר שוין רייכע ערד-אייגנטימער, וואס האָבן פארכאַפּט דעם גרעסטן טייל קאהאָלשע ערד, סאָכרים, באלמעלאכעס און שקלאַפן.

אין דעם פאַרצייטיקן רוים האָבן זיך די רייכע מעיוכעסדיקע ערד-אייגנטימער, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט אין זייערע הענט די מאַכט, גערופן פאַטריציער: די קליינע ערד-אייגנטימער, די פויערים אין די דערפער און די פאָשעטע בירגער, מיטגלידער פון שטאָט-געמיינדע, וואָס האָבן שוין פארלארן דאס רעכט אף ערד.

האָבן זיך גערופן פלעבייער. אַחוץ אָט די צוויי קלאַסן, האָט זיך געשאַפן נאָך אַ נייער קלאַס, וואָס האָט געקראָגן דעם נאָמען רייטער: דאָס זיינען געווען הענדלער, כאַלפּאַגים, מאַלווים, גרויסע אַרענדאַטאָרס, פּאַכטערס. מאַכמעס דער גרויסער צאָל מילכאָמעס, וואָס רוים האָט געפירט, קעדיי צו באַזיגן זיינע קאָנקורענטן אין מיסכער, פלעגן די פויערים פאַרלירן זייער פי, די אַרבעט־געצייג, פלעגן אַריינקריכן אין כויוועס און פאַרלירן די ערד. אַזוי פלעגן די פלעבייער אַלץ מער פאַראָרימט ווערן און אָנווערן אַלע פּראָדוקציר־מיטלען. אַזוי האָבן זיך שוין אין רוים געוויזן פּראָלעטאַריער, ד. ה. מענטשן, וואָס פאַרמאָגן גאָרנישט באַ לייב און לעבן, וואָס זייער איינציק אייגנס איז — קינדער. שוין צום סאָף פונם צווייטן יאָרהונדערט פאַר קריסטוסן זיינען די ברידער גראַקך אַרויסגעטראָטן צו פאַרטיידיקן די פאַרוואָרלאָזטע פלעבייער, און האָבן דערפאַר באַצאָלט מיטן לעבן.

די צאָל שקלאַפן אין דעם ערשטן יאָרהונדערט פאַר קריסטוסן האָט דערגרייכט אין רוים צו אַזאַ אומגעהויערע גרייס, אַז זיי זיינען געווען בעקויעך צו מאַכן אַן אויפשטאַנד, אונטער דער פירערשאַפט פון ספּאַרטאַקן, און די רוימישע פּאַטריציער האָט זיך נאָר מיט גרויס מי איינגעגעבן צו דערטרינקען אין טייכן בלוט דעמדאָזיקן אויפשטאַנד.

דער קאַמף פון די קלאַסן אין פאַרצייטיקן רוים פלעגט אָפט אַריבערגיין אין אַן אָפענעם בירגערקריג, ביז וואַנען דידאָזיקע צווישן זיך קעמפנדיקע קלאַסן זיינען אַליין ניט באַצוואונגען געוואָרן דורך די גערמאַנישע שוואָטים, וואָס האָבן זיך אַ לאַז געטאָן פון מיזרעך *). גראָד די געשיכטע פון דעם קאַמף פון די קלאַסן אין פאַרצייטיקן רוים איז אַ ביישפּיל פון אַ קלאַסנקאַמף, וואָס האָט זיך געענדיקט, ווי מאַרקס און ענגעלס זאָגן,

*) דער אַנפאַל פון אָט די גערמאַנישע שוואָטים אויף אייראָפּע איז באַקאַנט אונטערן נאָמען — די גרויסע פעלקער־איבערוואַנדערונג.

מיטן געמיינזאמען אונטערגאנג פון אלע קעמפנ־דיקע קלאסן אינאיינעם.

מיטלאלטער רופט מען געוויינלעך די צייט זינט דעם אונטערגאנג פון דעם פארצייטיקן רוים ביז דער אנטדעקונג פון אמעריקע, ד. ה. פון סאף פינפטן ביזן סאף פופצנטן יארהונ־דערט. די געזעלשאפטלעכע ארדענונג פון יענער צייט רופט זיך די פעאדאלע, אדער, ווי מע זאגט, עס האט דאן געהערשט דער פעאדאליזם.

אין דער ערשטער העלפט פון מיטלאלטער טרעפן מיר א ווירט־שאפט, וואו אלץ וואס מע פראדוצירט, ווערט פארנוצט טאקע דורך דעם פראדוצירער גופא. אזא מין ווירטשאפט, וואו נאר א נישטיקער טייל פון די פראדוקטן גייט אף אויס־בייט און ווערט א סחורה, רופט זיך נאטוראלע ווירטשאפט. אין דארף איז אזא מין קליינער איינצל־פראדוצירער געווען דער פויער, לעכאטשיקע נאך איינגאנצן א פרייער. שפעטער גיט ער שוין אפ א טייל פון זיינע פראדוקטן דעם ערד־אייגנטימער, וואס נעמט אן זיך די היסכאייוועס אנצופירן די מיליטערישע שוץ. דער דאזיקער ערד־אייגנטימער האט זיך גערופן פעאדאל, סע־ניער. די היסכאייוועסן, וואס דער פויער פלעגט אים אויסצאלן, האבן זיך גערופן — פעאדאלע.

די גאר גרויסע ערד־אייגנטימערס פלעגן נאך האבן בא זיך אין דינסט איידלגעבארענע, נאר קלענערע ערד־אייגנטימערס, וואסאלן, וועמען זיי פלעגן אפגעבן אף צו פארוואלטן מער אדער ווייניקער היפשע שטיקער לאנד, וואס האבן זיך גערופן לענס (לען־סיסטעם).

אין די שטעט, וואו די שטאט־איינוואוינער פלעגן זיך פאר־נעמען, ווי נאך גאר גיט לאנג בא אונז אין די פארוואָרפענע שטעט, מיט ערד־ארבעט, האבן זיך אנטוויקלט מעלאכעס און האנדל. אויך דא טרעפן מיר איינצלנע קליינע פראדוצירער, באלמעלאכעס, וואס פלעגן די ערשטע צייטן ארבעטן נאר

אױף באַשטעלונג פֿאַר אַ באַשטימטן געברױכער. בעראָש פֿון אַזאַ קלײנער אונטערנעמונג פֿלעגט שטײן אַ מײַסטער, װאָס האָט געהאַט אײנעם אָדער צװײ געזעלן און אײנעם אָדער עטלעכע לערן־ױנגען. מײַסטערס, װאָס האָבן זיך באַשעפֿטיקט מיט אײן מלאָכע, פֿלעגן זיך פֿאַראײניקן אין צעכן.

אָבער שױן פֿון דער צװײטער העלפֿט מיטלאַלטער האָט די אַלטע נאַטוראַלע װירטשאַפֿט אָנגעהױבן צעפֿאַלן זיך. עס האָט זיך אַלץ מער אַנטװיקלט די פּראָדוקציע פֿאַרן אָפּזאַץ. עס האָט זיך אױסגעאַרבעט אַ באַזונדערער שטאַנד מענטשן, װאָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין דער קונסט צו קױפֿן סחורע דאָרט, װוּ ס'איז װאָלװל און פֿאַרקױפֿן עס דאָרט, װוּ ס'איז װאָס טײַערער. די, װאָס פֿלעגן זיך אָנלעבן, פֿלעגן אײַנקױפֿן רױ־מאַטעריאַל פֿאַר װעלװעלערע פּרײַזן, פֿלעגן זײַן בעקױעך אױסצואױאַרטן און פֿאַרקױפֿן די סחורע פֿאַר גוט געלט. אַזױ רוקט זיך אַלץ מער אַרױס דער סוחר, דער פֿאָרשטײער פֿון האַנדל־קאַפּיטאַל. ער מישט זיך אַרײַן צװישן דעם פּראָדוצירער, דעם צעכן־באַלמעלאָכע, מיטן געברױכער, ער נעמט אױף זיך דעם פֿאַרקױף פֿון זײַנע אױסאַרבעטונגען, און דערנאָך אױך דאָס צושטעלן פֿון רױ־מאַטעריאַל דעם באַלמעלאָכע גופֿא. אַזױ צעפֿאַלט זיך ביסלעכװײַז די אַלטע מלאָכע. די צעכן־מײַסטערס זעען אײַנצוהאַלטן זײער פֿרײַערדיקן װױלשטאַנד און דריקן אָן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער אױף די געזעלן; װי אַ רעזולטאַט דערפֿון, װערט שטאַרקער דער קלאַסנקאַמף אינעװײניק אין דעם קלאַס באַלמעלאָכעס, צװישן די באַזונדערע פֿאַנאַנדערטײלונגען זײַנע, און עס דערגײט אין איטאַליע און דײַטשלאַנד ביז צו בלוטיקע אױפֿשטאַנדן, פֿון רעמדאַזיקן קאַמף געװינט נאָר דער האַנדל־קאַפּיטאַל, װאָס פֿאַרכאַפּט אין זײַנע הענט די באַלמעלאָכישע פּראָדוקציע און פֿאַרװאַנדלט זיך ביסלעכװײַז פֿון אַ פֿאַרמיטלער אין אַן עמעסן אָנפֿירער פֿון דער פּראָדוקציע.

די אַנטװיקלונג פֿון געלט־װירטשאַפֿט, די פֿאַרגרעסערונג פֿון

אַלע אויסאַרבעטונגען פֿון דער קליין-פּראָדוקציע ביסלעכווייז אין
סכוירע, פֿאַרכאַפּט אַלץ מער און מער אויך די דאָרפֿישע באַפֿעל-
קערונג. דער אַלטער פֿ ע א ד אַ ל באַנוגנט זיך שוין מער ניט
מיט נאַטור-היסכאיוועסן, ער פֿאָדערט פֿון דעם פּויער געלט אָדער
ער פֿאַרגרעסערט דידאַזיקע היסכאיוועסן, וואָרום ער האָט איצט
א מעגלעכקייט צו פֿאַרוואַנדלען אַלע פּויערשע אָפּצאָלן און ציגזן
אין געלט. אַנשטאָט דעם פֿעאָדאַל קומט איצטער דער גוט-אייגנ-
טימער, דער לאַנד-האַר. די אונטערדריקונג פֿון די פּויערים
וואַקסט מיט איטלעכן טאָג; די ציגזן ווערן געהעכערט, די פּאַנ-
שטשינע שטייגט, די פֿרייע פּויערים ווערן פֿאַרוואַנדלט אין פֿאַר-
פֿליכטע, אין לייב-אייגענע; מיט קאָלעריי נעגישעס און גוואַלט-
מאַיסים פֿאַרקירצט מען דעם ערד-שעטעך, וואָס געפֿינט זיך אין
רעשוס פֿון די פּויערים. פֿון סאָף 13-טן יאָרהונדערט אָן ווערט
אָט דער פֿאַרבאַרגענער קאַמף צווישן די פּריצים און די פּויערים
פֿאַרוואַנדלט אין אָן אָפֿענעם בירגערקריג. פּויערשע אויפֿשטאַנדן
גייען איינער נאָך דעם אַנדערן. די בונטעווענדיקע פּוי-
ערים שטעלן אָפּט אַרויס, שטיצנדיק זיך אַף די הייליקע שריפֿטן
ניט נאָר אַזעלכע פֿאָדערונגען, ווי פֿאַרקלענערן די ציגזן, לייכ-
טער מאַכן די שטייערן און היסכאיוועסן, נאָר אויך די פֿאָדערונג
צוריק אויפֿשטעלן דאָס געמיינדע-אייגנטום אַף ערד. אין יאָר
1303 ברעכט אויס אַזאַ מין אויפֿשטאַנד אין צפֿון-איטאַליע אונ-
טער דער פֿירערשאַפֿט פֿון דעם מאָנאַך דאָלטשינאָ. אין יאָר
1358 ברעכט אויס דער פּויערים-קריג אין פֿראַנקרייך, וואָס איז
באַקאַנט אונטערן נאָמען זשאַקעריע (פֿון דעם וואָרט זשאַק
אָדער יאַנקעוו-טאַם, ווי מע פֿלעגט רופֿן דעם פֿראַנצויזישן פּויער).
אין 1381 יאָר האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער פּויער-
שער אויפֿשטאַנד אין ענגלאַנד אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון וואָט
טאַילער. בא די פּויערים האָבן זיך שוין דאַן אָנגעהויבן ספּיי-
קעס, צי איז טאַקע אינדערעמעסן אַזוי אייביק דער געזעלשאַפֿט-
לעכער סיידער, וואָס די גאַלאָכים האָבן געמאַכט פֿאַר אַזוי היי-

ליק. זיי פלעגן פרעגן: ווען אָדאָם האָט געאַקערט און כאַווע האָט געשפּינט, ווער איז דאַן געווען דער פּאַריץ? זייערע אַגיטאַטאָרס פלעגן אויפווייזן, אַז לעכאַטכילע זיינען אַלע מענטשן באַשאַפן געוואָרן גלייכע, אַז די פאַרקנעכטונג פון איין מענטשן דורך דעם אַנדערן איז אַ רעזולטאַט פון די אומגערעכטיקע מאַיסים פון פאַרדאָרבענע מענטשן, אַז עס איז שוין צייט צענויפנעמען זיך און מאַכן אַ סאָף מיט די פּריצים און פאַלשע ריכטער.

אַ פּויערים-קריג איז אין גרונט געווען אויך דער בירגערקריג, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט אין אָנהויב 15-טן יאָרהונדערט אין טשעכיע און איז מער באַקאַנט אונטערן נאָמען הוסיטישע מילכאָמעס — אָפּן נאָמען פון יאַן הוס, וואָס איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער אַלטער קאַטוילישער קירך. די פּויערים האָבן אין קאַמף מיט די פּריצים אַרויסגעשטעלט נאָך מער ווייטגייענדיקע פאָדערונגען. זיי האָבן געוואָלט איינשטעלן אַזאַ געזעלשאַפט, וואו עס וועט ניט זיין קיין רייכע און קיין אָרימע, קיין האַרן און קיין קנעכט, וואו אייגנטום וועט זיך רעכענען פאַר אַ האַרבער זינד, וואו ס'וועט ניט זיין קיין צינזן און קיין שטייערן און ניט קיין פּריצים.

אין דייטשלאַנד ווערן די פּויערשע בונטן אַלץ אָפטער, אָנגעהויבן פון דער צווייטער העלפט 15-טן יאָרהונדערט, אויסברעכנדיק אַמאָל אין איין אָרט, אַמאָל אין אַן אַנדערן. אין 1525 יאָר כאַפּט אַרום דער „גרויסער פּויערים-קריג" דעם גרעסטן טייל דייטשלאַנד. איינער פון די הויפּט-אָנפירער אין דער מילכאָמע איז געווען טאָמאַס מינצער.

די אַלע פּויערשע אויפשטאַנדן זיינען דערשטיקט געוואָרן מיט אַ שרעקלעכער אַכזאָריעס. וואָס פאַר אַ ברענענדיקע סינע עס האָט געהערשט אין די באַציאונגען צווישן די פּריצים און די פּויערים, זעט זיך זייער גוט אַרויס פון די לידער, היסטאָרישע געזאַנגען און מאַיסעס פון יענער צייט. פאַר דעם פראַנצויזישן

פאַריך זיינען די פויערים אלעמאָל פאַרזועניש, מיט הויקערס פון פאַרנט און פון הינטן; פאַר דעם דייטשישן — איז דער פויער אלציינס וואס אַן אָקס, נאָר אָן הערנער. בעסער ווי אלץ פילט זיך דער פּאַריץ, ווען דער פויער וויינט, ערגער ווי אַלץ — ווען דער פויער פרייט זיך.

אזוי האָט עס געפלאַקערט דער קאמף פון די קלאסן אין מיטלאַלטער, אין יענער גוטער אלטער צייט, וואס די קליי־קוידעש און די איידלגעבארענע שטעלן אַרויס, ווי אַ צייט פון פרידן און לייטזעליקייט, ווען דער גוטער פּאָריץ האט הארציק געזארגט וועגן זיינע פוידלעכע געהארכזאמע פויערימלעך.

צום אנהויב 16-טן יארהונדערט איז זיך די מיטלאַלטער־לעכע געזעלשאפט איינגאַנצן צעפאלן. די פעאדאלע אר־דענונג, דער פעאָדאליזם, אין דער געשטאלט, וואס ער האט געקראגן אין דער צייט פון זיין אויפבלי — אין 13-טן יארהונדערט — ווערט אינגאנצן פאַנאַנדערגעווארפן. מיט זיין צע־פאַלן ווערן הערט אבער ניט אויף דער קאמף פון די קלאַסן. פאַרקערט. אין דער נייער צייט, וואס קומט נאכן מיטלאַלטער און וואס איר אנהויב רעכנט מען געוויינלעך פון 16-טן יאָרהונדערט אָן, רוקן זיך אַלץ מער ארויס צוויי נייע קלאַסן: בורזשואזיע און פראלעטאריאט. עמעס, זיי האבן זיך שוין אנגעהויבן פארמירן נאך אין דער צווייטער העלפט פון מיטלאַלטער, אבער ערשט פון 16-טן יארהונדערט אָן קריגן זיי א שארף אויסגעשפראכענעם כאַראַקטער.

די אנטוויקלונג פון דידאָזיקע קלאַסן איז פאָרגיכערט גע־ווארן דורך א רייע געשעענישן, וואס זיינען פארגעקומען אין דער צווייטער העלפט 15-טן און אין דער ערשטער העלפט 5 -טן יארהונדערט. אָט די אַלע געשעענישן האבן פארגיכערט די צע־פאַלונג פון דער נאטוראל-ווירטשאַפט און די אַנטוויקלונג פון דער געלט-ווירטשאפט; זיי האבן אויסגעברייטערט דאָס פעלד פון האַנדל און האבן דערמיט געגעבן רעם שטאַרקסטן שטויס פריער

רעם וואוקס פון האנדל-קאפיטאל און דערנאך אויך פון דעם אינ-
דוסטריעלן קאפיטאל.

אין מיטלאַלטער האָט מען געוואוסט נאר פון אייראפע, פון א טייל צאָפן-אַפריקע און דעם מאירעוו-טייל פון אזיע. דער פארקער מיט מיזרעך-אזיע, וועגן וואסערער עס זיינען אומ-געגאַנגען גאַנצענע מאיסעס, איז געווען זייער שווער, מאכמעס דעם שלעכטן צושטאַנד פון די וועגן. דערצו האבן זיך נאך אף די וויכטיקסטע שייד-וועגן דאן געהאַט באַזעצט די טערקן, וואס האָבן אין 15-טן יארהונדערט פארכאַפט אי דעם באלקאנישן האלבאינזל אי דעם גאנצן פאדערשטן טייל פון אזיע. מאכמעס די אלע סי-בעס האבן די אייראָפעאישע סאָכרים, דעריקער פון פארטוגאל און איטאליע, אנגעווענדעט אַלע קרעפטן אף אויסצוגעפינען א וועג אין אזיע איבערן יאם.

שוין אין יאָר 1486 פאָרט ארויס דיאַז פאזע די ברעגן פון אַפריקע צו דארעָם צו און דערגרייכט דעם קאפ „גוטע הא-פענונג". אין 1492 יאר לאזט זיך קאלומבוס אין מאירעוו-זייט, קעדיי צו דערגרייכן צו אזיע און אַנטדעקט אפן וועג גאר א נייעם וועלט-טייל — אַמעריקע. אין 1498 יאר פארט ארויס וואַסקאָ-דע-גאַמאַ אף דעמזעלביקן וועג, וואס דיאַז, רינגלט אַרום אַפריקע און אנטדעקט דעם יאם-וועג קיין אינדיע. אין די יארן 1519—1521 מאכט מאַגעלאַן מיט זיינע מיטפאָרער די ערשטע רייזע אַרום דער ערד.

אַזוי האָט זיך פארן האַנדל-קאַפיטאַל געעפנט א ניי פעלד, אַן אומפאַרגלייכלעך מער ברייטערס. פון דער ווייטער אַזיע און אָסט-אינדיע האָט מען איצט געקענט אַרויספירן קאָלערליי סכוי-רעס. מענטשן מיט איניציאטיוו האבן זיך אין די טויזנטער אַוועקגעלאָזן אין די נייע לענדער, דעריקער קיין אַמעריקע. די אייראפעער האבן דאָרט גענומען שאפן קאלאניעס, אישוא-ווים, וואס זיינען געווען פאַרבונדן מיט היימלאַנד (דער מעטראָ-פאָליע, ד. ה. מוטערלאַנד), און האָבן מיט אלערליי אויפאַנים

געצויגן נוצן פון דער אָרטיקער אלטגעזעסענער באַפעלקערונג דורך דעם, וואָס זיי האָבן מיט זיי פאַרבונדן אַן אויסבייט-מיס־כער אָדער האָבן פּאָשעט געוויסנלאָזיק גערויבעוועט. „די באַרבאַרישקייט און די אומפאַרשעמטע אכזאָריעסן פון די אַזוי גערופענע קריסטלעכע פעלקער, — שרייבט איינער אַ קריסט,—בע־נויגייע צו די אַנדערש גלויבנדיקע און פרעמדע שוואַטים, וואָס עס איז זיי געלונגען צו פאַרשקלאַפן, שטייגן אריבער אַלע שרעקן, וואָס עפּעס אַ פאָלק, אַפילו פון די סאַמע ווילדע און אומוויסנ־דיקע, פון די סאַמע אַכזאָריעסדיקע און אומפאַרשעמטע, האָט ווען באַגאַנגען". די געשיכטע פון דער האָלענדישער קאָלאָניאַלער ווירטשאַפט „וויקלט אויף א מוירעדיק בילד פון פעלשונג און אונטערקויפן, רעציכעס און נידערטרעכטיקייטן".

די אַנטדעקונג פון גאָלדגרובן און, דעריקער, פון זילבער־גרובן אין אַמעריקע האָט פאַרגרעסערט דעם סכום גאָלד און זיל־בער, וואָס ווערט געליוועריט פון דער ערד, ביז צו אַן אומגעהער־טער מאָס. דאָס האָט ווידער געבראַכט צו א פאַרגרעסערונג פון דעם סכום מאַטבייעס, וואָס האָבן געדינט ווי א מיטל פון צירקו־ליאַציע אַפן סכוירע-מאַרק. קעדיי פאַנאַנדערצואַרבעטן די נייע מעטאַלגרובן, האָבן די פרומע אייראָפּעער אָנגעהויבן אַרויספירן פון אַפריקע נעגערס אין די הונדערטער טויזנטער קיין אַמעריקע וואו מע פלעגט זיי מאַטערן מיט דער גרעסטער אַכזאָריעס. און אַלץ צוליב פּראָפיט.

דאָס אַלץ האָט געבראַכט צו אַן עמעסער **ר ע וואָ ל וציע**, צו אַן איבערקערעניש אין געביט פון האַנדל און אינדוסטריע. און דער הויפט-מאכער פון דערדאָזיקער רעוואָלוציע, דער **ר ע־וואָלוציאָנערער עלעמענט** פון דער נייער געזעל־שאַפט איז געווען די בורזשואַזיע.

מיר האָבן שוין געזען, ווי אַזוי גופא אין דער מיטלאַלטער־לעכער געזעלשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן אנטוויקלען א נייער **האַנדל**־שטאַנד, וואָס איז ראַק רייכער געוואָרן און האָט אַנ־

געקליבן קאַפּיטאַלן. די אַנדערע קלאַסן זיינען מיט דער אַנטוויקלונג פון געלט-ווירטשאַפט, פאַרקערט, אָרימער געוואָרן. דער סויכער באַנוגנט זיך שוין ניט מיט דעם, וואָס דער באַלמעלאָכע דער מייסטער איז אינגאַנצן אָפּהענגיק פון אים און איז געצוואונגען, קריגנדיק פון אים אין קרעדיט רוי-מאַטעריאַל, אָפּגעבן אים דערנאָך די גאַנצע אויסאַרבעטונג אַף צו פאַרקויפן.

ער נעמט זיך שוין אַליין פאַר דער פּראָדוקציע. ער נעמט צענויף אונטער זיין קאָמאַנדע אַסאַך באַלמעלאָכעס אין איין אָרט, אָרדנט איין אין אַ באַזונדער דירע אַ גרויסן וואַרשטאַט. אַזאַ וואַרשטאַט, וואָס די ערשטע צייט איז די נאָענטע צווישן אים מיט דעם געוויינלעכן וואַרשטאַט פון דעם פריערדיקן צעכן-מייסטער נאָר אין דעם, וואָס דאָרט פירט זיך די פּראָדוקציע אין אַ גרעסערן פאַרנעם און אַזוי ווערט איינגעשפּאָרט אַסאַך הוצאָעס, האָט זיך גערופן **מאַנופאַקטור**. לעמאָשל, פריער האָבן צוואַנציק שוסטער צי שניידער געאַרבעט אין צוואַנציק וואַרשטאַטן, איצטער אַרבעטן זיי אַלע אין איין וואַרשטאַט. פריער האָבן זיי אַלע געאַרבעט אַף זיך, איצטער אַרבעטן זיי אַפן אונטערנעמער, אַפן קאַפּיטאַליסט.

אינגיכן האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן נאָך אַן אַנדער אונטערשייד, נאָך אַ מער וויכטיקער. ביז דער מאַנופאַקטור איז אויך געווען אַ **צעטיילונג** פון אַרבעט, דאָס איז אָבער געווען אַ צעטיילונג גיכער פון פאַרשיידענע צווייגן פון דער פּראָדוקציע אינעווייניק אין דער געזעלשאַפט גופע, אַ **געזעלשאַפטלעכע** צעטיילונג פון אַרבעט. איין קאַטעגאָריע מענטשן האָט זיך פאַרנומען מיט ערדאַרבעט, די אַנדערע — מיט באַאַרבעטנדיקער אינדוסטריע. אַזוי איז פאָרגעקומען די **צעשיידונג צווישן שטאָט און דאָרף**. אין שטאָט גופע האָט איין טייל באַפעלקערונג פאַרנומען זיך מיט האַנדל, דער אַנדערער — מיט מעלאָכעס. אָבער איטלעכער באַלמעלאָכע, לעמאָשל, דער סטאָליער, האָט אַליין געדאַרפט אויסקלייבן דעם מאַ-

טעריאַל, מאַכן די צייכענונג פון דעם אָדער יענעם שטיק מעבל, אויסאַרבעטן די פאַרשיידענע טיילן און דערנאָך צענויפשטעלן זיי.

אַזוי אַרום, איז אין דער אינדוסטריע אינגאַנצן אויך גע־ווען שוין א צעטיילונג פון אַרבעט, אבער מער אין דער גע־שטאַלט פון אַן ארבעט-צעטיילונג צווישן באזונדערע פאַכן, וואס זיינען געווען פאַרייניקט, ווי מיר האבן געזעען, אין צעכן אדער קארפּאראַציעס. עס זיינען געווען צעכן פון שניידער, שוסטער, רימער, סטאָליער, געווערמאכער א. אז. וו. א. אז. וו., אָבער אין יעדן צעך איז זיך יעדער באַלמעלאכע געווען דער הערשער פון דער גאַנצער ארבעט.

מיט דער אַנטוויקלונג פון מאַנופאַקטור האָט זיך די זאַך געענדערט. ווי נאָר אין איין וואַרשטאַט זיינען זיך צענויפ־געקומען עטלעכע צענדליק באַלמעלאָכעס, לאמיר זאָגן, זייגערמאַי־סטערס, אַזוי האָט זיך פון זיך גופא, דורך דער דערפארונג, שוין אויסגעארבעט א צעטיילונג פון דער ארבעט צווישן זיי. אַנשטאָט דעם, וואָס איטלעכער זייגערמאַכער זאָל אָפּטאָן די גאַנצע אַר־בעט פון אָנהויב ביזן סאָף, ווערט די אַרבעט צעטיילט אַף אסאך באַזונדערע אָפּעראַציעס, טיילן, און איטלעכער זייגערמאַכער ווערט אַף שטענדיק צוגעשטעלט צו איינעם פון זיי. אַזוי אַנט־וויקלט זיך די אַרבעט-צעטיילונג אינעווייניק, אין וואַרשטאַט אָדער די מאַנופאַקטור-צעטיילונג פון דער אַרבעט, און זי שטויסט ארויס די פריערדיקע ארבעט-צעטיילונג צווישן די צעכן אָדער קאָרפּאָראַציעס.

די מאנופאקטור האָט זיך אנטוויקלט נאָך אַף אַן אַנ־דער וועג. אַז בא די הויפלייט און רייכגעוואָרענע סאָחרים האָט זיך געוויזן א נאָכפרעג אַף קארעטן, האָט זיך אָנגעהויבן אנטוויקלען די קארעטן-מאנופאקטור. דער אונטערנעמער נעמט צענויף אין איין ווארשטאט די אַלע פאַרשיידענע באַלמעלאָכעס,— דעם קארעטן-מאכער, דעם רימער, דעם שלאָסער, דעם סטאָקער, דעם גלעזער, דעם פאדבער,—וואָס זייער אלעמענס פּראָדוקט

איז אַ קאַרעט. אז דער שלאָסער, צי דער רימער, צי דער טאָ-קער גיט זיך אָפּ אינגאַנצן די ארבעט פון קאַרעטן,—פאַרלירט ער מיט דער צייט זיינע פריערדיקע געניטקייטן און קען שוין מער ניט פאַרנעמען זיך מיט דער פריערדיקער מעלאָכע אין דעם פולן פאַרנעם. פון א מאיסטער, וואָס האָט געקענט די גאנצע מע-לאָכע, ווערט א שטיק ארבעטער, אן ארבעטער פון איין טייל.

נאָר אַף וואָסער אופן די מאַנופאקטור זאָל זיך ניט האָבן אנטוויקלט און וואָס פאַר א גרויסן פאַרנעם זי האָט צייטנ-ווייז ניט אָנגענומען, איז זי דאָך געבליבן אין גרונט א פאַר-ברייטערטער און מער פאַרוויקלטער באַלמעלאָכישער וואַרשטאַט. פּונקט אזוי ווי די מעלאָכע-אינדוסטריע, אזוי האָט אויך די מאַ-נופאקטור געהאַט אין גרונט די האַנט-ארבעט.

אזוי איז דאָס געגאַנגען ביז דער צווייטער העלפט 18-טן יאָרהונדערט. יעץ די מאַנופאַקטור-אינדוסטריע, וואָס האָט זיך קאָנסיידער אנטוויקלט פון דעם 16-טן יאָרהונדערט אָן, איז געוועזן געצוואונגען אָפּצוטרעטן דעם אויבנאָן דער גרויס-אינדו-סטריע.

אין דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע איז פאָרגעקומען א נייע איבערקערעניש, א נייע רעוואָלוציע, וואָס מע רופט גע-וויינלעך די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע אָדער אינ-דוסטריעלע איבערקערעניש.

זי האָט זיך אָנגעהויבן אין ענגלאַנד אין דער צווייטער העלפט 18-טן יאָרהונדערט און האָט ביסלעכווייז פאַרכאַפּט די איבעריקע לענדער. זי איז ארויסגערופן געוואָרן, ערשטנס, דורך דעם, וואָס מע האָט צוגעטראַכט א נייעם באַוועגער אין דער אינ-דוסטריע, די דאַמפּמאַשינע, וואָס האָט געגעבן א מעגלעכ-קייט צו פאַרבייטן די לעבעדיקע קראַפט פון מענטשן און פערד אַף א נייער, מעכאַנישער קראַפט פון באַוועגונג; צווייטנס, דורך יעם, וואָס מע האָט צוגעטראַכט א ריי מאַשינעס—צו וועבן און

שפּינען,—וואָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו פאַרבייטן די קונסט פון מענטשלעכע הענט מיט מעכאַנישע איינריכטונגען. אָנהויבנדיק פון דעם יאָר 1760, גייט איין דערפינדונג נאָך דער אַנדערער. דידאַקטיק מאַשינעס, וואָס זיינען די ערשטע צייט געווען זייער טייער און צוגענגלעך נאָר פאַר די גרויסע קאַפּיטאַליסטן, האָבן אָנגעמאַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש אין דער אינדוסטריע. די מאַשינעס האָבן אויסגעאַרבעט סכוירע אי וועלוועלער אי בעסער, איידער די מאַנופאַקטור-אַרבעטער מיט זייערע האַנט-אינסטרומענטן. דעריבער האָט די נייע גרויס-אינדוסטריע, וואָס אַרבעט אויף דאַמף און מאַשינעס, גיך גענומען אַרויסשטויסן די מאַנופאַקטור פון אַלע מערק.

מיר האָבן שוין געזען, ווי די אַנטדעקונג פון אַמעריקע און פון דעם יאַמוועג קיין אַזיע האָט פאַרברייטערט פאַר דער מאַנופאַקטור-אינדוסטריע דעם מאַרק אויף אויסבערענגען סכוירעס. אַנשטאָט דעם אַלטן מאַרק, וואָס איז געווען באַגרענעצט מיט איינער אָדער מיט עטלעכע שטעט, מיט איינעם אָדער צוויי לענדער, האָט זיך שוין פון 16-טן יאָרהונדערט אָן געגומען שאַפן אַן אַלוועלטלעכער, צווישנפעלקערלעכער מאַרק. אָבער ערשט די אַנטוויקלונג פון דער גרויס-אינדוסטריע האָט פאַרענדיקט די באַשאַפונג פון אָט דעם אַלוועלטלעכן מאַרק.

די צוטראַכטונג פון מאַשינעס האָט פאַרענדיקט די צעשיידונג צווישן דער באַאַרבעטנדיקער אינדוסטריע און דער לאַנדווירטשאַפטלעכער. דאָס דאָרפישע שפּינען און וועבן ווערט פאַרניכט אָן ראַכמאָנעס. עס ווערט געשאַפן אַ נייע צעטיילונג פון אַרבעט צווישן די באַזונדערע לענדער.

ביז די מאַשינעס פלעגט די אינדוסטריע פון איטלעכן לאַנד באַאַרבעטן דעריקער אַזוינע מאַטעריאַלן, וואָס שטאַמען פון דעם אייגענעם „באָדן". ענגלאַנד פלעגט באַאַרבעטן, דעריקער, וואָל, אין דייטשלאַנד האָט געבליט די ליין-אינדוסטריע, אין פראַנקרייך— זיידנס. אַדאַנק דער אָנווענדונג פון דאַמף און מאַשינעס, האָט

די ארבעט-צעטיילונג באקומען אזא פארנעם, אז די גרויס-אינדו־סטריע האָט פון זיך אויסגעטאָן די אָפּהענגיקייט פון די פּראָ־דוקטן פון דעם היימישן באָדן, און זי ארבעט אף מאַטעריאַלן, וואָס זי באקומט פון אלע עקן וועלט.

צו דער צייט, ווען עס האָט זיך געשאפן דער „פארבאנד פון די קאָמוניסטן", האָט די אינדוסטריעלע בורזשואזיע שוין גע־האט אין אירע הענט די פארוואלטונג מיט דער גאנצער אינדו־סטריע און האָט געהאט אין איר רעשוס אומגעהויערע אינדוסטרי־עלע ארמייען פון טויזנטער און צענדליקער טויזנטער ארבעטער.

אזוי ווייזט זיך ארויס, אז די בורזשואזיע, וואָס האָט אלעמאָל ליב צו טאַינען וועגן דער אייביקייט פון דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאפט־לעכער אָרדענונג, איז אליין א רעזולטאט, א פּראָדוקט פון א לאנ־גער היסטאָרישער אנטוויקלונג. ס'איז געווען א צייט, ווען פון דערדאָזיקער בורזשואזיע איז אפילו קיין זייכער ניט געווען, הייסט עס, קען דאָך קומען אזא צייט, ווען זי וועט ווייטער ניט זיין. דערדאָזיקער געדאנק שרעקט באזונדערס די בורזשואזיע און אירע טעלערלעקער, די פאָרשטייער פון דער בורזשואזער וויסנ־שאפט. ווילסט יאָ, ווילסט ניט, און מוידע זיין מוזטו, אז די בור־זשואזיע האָט איר געשיכטע, אז ניט פון אייביק אָן האָט זי עקזיסטירט. און די געלערנטע אונזערע מיען זיך איינער איבער דעם אנדערן צו דערווייזן, אַז יאָ, די בורזשואזיע איז טאקע אַמאָל געבאָרן געוואָרן, אויפגעקומען, אָבער זי וועט קיינמאָל ניט שטארבן, ניט אויסגיין, נאָר וועט זיין אייביק און אייביק, קאָלזמאן די וועלט שטייט. קומט אויס, הייסט עס, אַז געשיכטע איז געווען, אָבער מער וועט שוין ניט זיין.

די בורזשואזיע האָט אויך ניט ליב צו דערמאָנען וועגן דעם קאַמף, וואָס זי האָט אַמאָל געפירט קעגן די פעאָדאלן, קעגן דעם אדל, ביז וואנען זי איז אליין ניט געוואָרן דער הערשנדיקער קלאס. זי וואָלט וועלן אויסמעקן יעדע געדעכעניש אויך וועגן דער רעוואָלוציאָנערער ראָלע, וואָס זי האָט געשפּילט

אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. טאָמער, כאָלילע, וועלן די ארבעטער, אַנשטאָט אונטערצוגעבן זיך דעם גוירל זייערן, נאָכטאָן דער בורזשואזיע און, ניט אראָפּפאַלנדיק בא זיך, וואָס זיי זיינען נאָך שוואַך, וועלן זיי אויך אָנהויבן פאַרייניקן זיך, אָרגאַניזירן זיך, ביז וואַנען זיי וועלן ניט ווערן אַ היפשע געזעלשאפטלעכע קראַפט.

און גראָד די אנטוויקלונג פון דער בורזשואזיע באווייזט, אַז איינעם מיטן וואוקס פון איר געזעלשאפטלעכן באטייט, איינעם מיטן וואוקס פון איר באטייט אין דער געזעלשאפטלעכער פראָדוקציע, איז געוואקסן איר פּאָליטישער באטייט. יעדער טריט פון איר געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג איז געווען באַלייט דורך אַ נייער פּאָליטישער דעראָבערונג.

ס'איז געווען אַ צייט, ווען די בורזשואזיע איז נאָך געווען אַ שטאַנד, אַן אונטערדריקטער פון די פעאָדאַלן, און האָט געהאַט אַף זיך פארשיידענע היסכאַיוועסן און שטייערן. די פעאָדאַלן האָבן מיט פאראַכטונג געקוקט אַף די שטאָט-איינוואוינער און פלעגן אין זייערע העלדן-לידער אָפּכויזעקן פון די ניט-באַוועגלעכע קליינבירגער ניט ווינציקער ווי פון די פויערים.

אָבער די שטאָט-איינוואוינער, אָפּצאָמענדיק זיך אין זייערע שטעט, וואו עס האָט זיך אנטוויקלט אינדוסטריע און האַנדל האָבן זיך געגומען פאַרייניקן. אין געמיינדעס מיט זעלבסטפאַרוואַלטונגען, אין אַסאָציאַציעס און זיך באוואָפענען, קעדיי צו שטעלן זיך אנטקעגן די סעניערן, די סראָרעס. דער נאָמען פון דידאָזיקע געמיינדעס—קאָמונע—איז געווען פאַרהאַסט בא די פעאָדאַלן און בישאָפן, פונקט אזוי ווי איצטער איז דער נאָמען סאָוועטישע קאָמונע פאַרהאַסט בא אַלע ווייסגוואַרדייער און אייראָפּעאישע קאַפּיטאַליסטן.

מיט טויטשטראַפן און מיליטערישע עקזעקוציעס פלעגט מען אונטערדריקן „דאָס ווילדעווען פון אָט דעם פּראָסטן האַמויך, וואָס האָט אונטער דער געשטאַלט פון קאָמונע געגרייט אַ באָדן פאר

אויפשטאנדן און בונטן קעגן דער קיניגלעכער מאכט". אזוי שרייבט א פארצייטיקער פראנצויזישער כראָניקער. אָדער לאָמיר הערן, וואָס עס זאָגט א היסטאָריקער פון דער קירך, דער בישאף היבערי, וואָס האָט געלעבט אין 12-טן יאָרהונדערט:

„קאָמונע, — זאָגט ער, — איז א נײַ עקלהאפט וואָרט. און אָט וואָס עס באטייט: די שטייער-צאָלנדיקע מענטשלעך צאָלן זייער סעניער ניט מער ווי איין מאָל אין יאָר א באשטימטן שטייער; אויב זיי באגייען עפעס א פארברעך, שטראפירט מען זיי לויט אן איינגעשטעלטן געזעץ. פון אָפצאָלן, וואָס מע מאָנט איין געוויינלעך בא לײַבקנעכט, ווערן זיי אינגאנצן באפרייט".

די דאָמאָלדיקע בורזשוא פלעגן זיך ניט אפשטעלן פאר קיין בונטן און פאר קיין טעראָר. נאָך א פאראקשנטן קאמף, וואס האט זיך געצויגן זייער לאנג, האבן זיי זיך דערשלאגן, אז מע זאָל זיי אנערקענט פאר א באַזונדערן שטאנד, צוגלייך מיטן אדל און די קירכלייט, א שטאנד מיט אייגענע רעכט און פריווילעגיעס אין די גענעראל-שטאטן (פארזאַמלונג פון די שטאנדן) אין פראַנקרייך אדער אין דער געמיינדן-הויז אין ענגלאנד האבן די שטאָטישע איינוואוינער, די בורזשוא געהאַט זייער שטים. די קיניגלעכע מאכט אליין פלעגט זיך אף זיי שטיצן, ווען זי פלעגט דארפן איינהאלטן אין די לייצעס די פעאדאלן, וואס פלעגן צופיל אנהויבן קריכן אפן קאָפּ.

אין דער עפּאָכע פון מאנופאַקטור-אינדוסטריע פלעגט די אינדוסטריעלע און האנדלס-בורזשואזיע אונטערשטיצן די קיניגלעכע מאַכט אין קאַמף מיט די גרויסע פעאדאלן, וואס האָבן זיך ניט געוואלט אָפּזאָגן פון זייערע אלטע פריווילעגיעס.

איטלעכער פעאדאל פלעגט איינשטעלן ארום זײַנע נאכלאָעס אן אייגענעם טאַריף-גרענעץ און פלעגט לויט זײַן אייגענעם ווילן באשטייערן אלע סאָכרים, וואָס פלעגן דורכפאָרן דורך זײַנע נאכלאעס, אדער ער פלעגט זיי פּאָשעט באראבעווען, ארויסגעב-

דיק פאַר זיין געגנט ספּעציעלע געזעצן, און אף וויפל די קיניגלעכע מאכט פלעגט קעמפן קעגן דידאזיקע ארטיקע פּריווילעגיעס, איז די בורזשואזיע, וועלכע האָט זיך גענויטיקט אין א פארגרעסערונג פון דעם מארק, אין איינהייטלעכע מאָסן, וואג און מאַטבייעס, אין אן איינהייטלעכער ציווילער און האנדלס-געזעצגעבונג, פלעגט אונטערזאָגן דער קיניגלעכער מאכט וואָסערע מיטלען אנצונעמען, פלעגט איר העלפן פארייניקן די אלע קליינע נאכלאַעס אין איין גרויסער מאנארכיע. אט אין דעם זינען זאָגט עס דער מאַניפעסט, האט די בורזשואזיע געדינט פארן הויפּטיעסאָד פון די גרויסע מאָנארכיעס.

אָבער דערמיט שטעלט זיך ניט אפּ די אנטוויקלונג פון דער בורזשואזיע. זי האט זיך ניט באנוגנט דערמיט, וואס עס איז געוואקסן איר פאליטישער איינפלוס. עס איז געקומען א צייט, ווען זי האָט געשטעלט די פראגע וועגן דעראבערן די פּאָליטישע מאכט. די גרויסע פראנצויזישע רעוואלוציע איז געווען דער אנהויב אין אָט דעם קאמף פאר דער מאכט. צו דער צייט, ווען ס'איז דערשינען דער מאניפעסט, האט די בורזשואזיע שוין געהאט דערגרייכט צו דעמדאזיקן צוועק אין צוויי לענדער—אין ענגלאנד און פראנקרייך. פון דעם אלטן פעאדאליזם איז דארט געבליבן גאר כורוועס און אָפּגעלעבטע רעשטלעך. די געוועזענע סעניערן און פעאדאלן זיינען שוין לאנג געווארן פונקט אזעלכע אינדוסטריעלער און געלט-קאַפּיטאליסטן, ווי די ניטאיידלגעבאָרענע בורזשוא, אף וואָסערע זיי האבן פריער געקוקט מיט אזוי פיל פאראכטונג. און אין די קאַפּיטאליסטישע לענדער, וואו די גרויס-אינדוסטריע האט דערגרייכט צו דער העכסטער אנטוויקלונג, אין די קאנסטיטוציאָנעלע לענדער, וואָס האבן שוין געהאט זייערן א פארלאַמענט, א געמיינדן-הויז צי א דעפּוטאטן-קאמער, איז די מלוכע-מאכט, די רעגירונג שוין לאנג פארוואַנדלט געווארן אין א קאָמיטעט, וואס ארבעט לויטן אויפטראג פון דער בורזשואזיע און פארוואַלט מיט אירע געמיינשאפטלעכע איניאנים.

די הייַנטיקע בורזשואַזיע דערמאָנט ביכלאַל אָן אַן אַלטן באַלאוויירע, וואָס האָט „יונגערהייט אַסאַך געראַבעוועט“ און וויל צו דער עלטער ווערן אַ באַלעבאָטעשע. עס וואָלט זיך איר וועלן אָפּשטעלן דעם שנעלן גאַנג פון דער אַנטוויקלונג, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אויפן שפּיץ פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. ס'וואָלט זיך איר וועלן אייַנשמועסן די אַרבעטער, אַז עס לוינט זיי בעסער בלייַבן צופרידן מיט זייער לאַגע, און זי אַליין וואָלט גערן געוועזן צו פאַרגעסן איר רעוואָלוציאָנערן אָוועק...

אָבער דאָס גיט זיך איר ניט איין. איר אייגענע הערשאַפט ציט זיך ניט אַזוי לאַנג, מע זאָל פאַרגעסן אירע וואָרצלען און די וועגן, ווי אַזוי זי האָט צו דעם דערגרייכט. זי וואָלט וועלן, אַז צווישן איר מיט די אַרבעטער זאָלן זיך אייַנשטעלן אַזעלכע *אידילישע*, ד. ה. פרידלעכע, און *פּאַטריאַרכאַלישע*, ד. ה. פאָטערלעכע און קינדלעכע באַציִונגען, ווי עס איז געווען אַמאָל אין מיטלאַלטער. זי האָט אָבער אַליין צעשטערט אָט די גאַנצע פעאָדאַלע וועלט. זי האָט אַליין געמאַכט *געלט* פאַר דעם וויכטיקסטן צוזאַמענבונד צווישן מענטשן און פאַר דער הויפּטקראַפט אין געזעלשאַפט אַלץ איז געוואָרן אַ סחורה—דעם גאַלעכס בראָכע, דעם קינסטלערס באַגייסטערונג, דעם געלערנטנס טעטיקייט. „געלט וועט דעם גאַלעך אָפּקויפן, גאָט אָפּנאַרן“.

דער גרויסער שפּאַנישער שרייַבער *סערוואַנטעס* האָט אין זייַן דערציילונג וועגן דאָן-קיכאָט, דעם ריטער פון לאַמאַנטש, באַוויזן אין וואָס פאַר אַ לעכערלעכער, קאָמישער פיגור עס ווערט פאַרוואַנדלט דער מיטלאַלטערלעכער ריטער מיט זייַן גאַנצער פרומער טרוימערישקייט און ריטערלעכער באַגייסטערונג, ווען ער פאַלט אַרייַן אין דער ניכטערער וועלט פון דער בורזשואַזערווירטשאַפט.

„אין שווייס פון דייַן אַנגעזיכט וועסטו עסן ברויט“, „וואָס צום קייסער—איז צום קייסער. וואָס צו גאָט—איז צו גאָט“—אַנשטאָט די אַלע רעליגיעזע און פּאָליטישע מאָטיוון, וואָס די קירך

און מלוכע פלעגן אנווענדן, קעדיי צו פארפוצן די האָרעוואניע פון די נידעריקערע קלאסן, האט די בורזשואזיע ארויסגעשטעלט די אָפענע עקספלואטאציע אין נאמען פון רעווך, אין נאָמען פון קאפיטאל. די אלטע דראָשעס האט זי פארביטן אף דער בייטש פון הארטער נויטווענדיקייט. דער ארבעטער איז פאר איר נאר אן ארבעט-קראפט, וואס זי איז קאפאבל אויסצוויגן ביזן לעצטן טראָפן, עקספלואטירן אפן סאמע אומפארשעמטן אופן, אויב דאָס קען נאר פארגרעסערן אירע פראָפיטן.

אנשטאָט דער מעגושעמדיקער געוואלט פון די אלטע פעאדאלן, אנשטאָט דעם רעכט פון פויסט, האט די בורזשואזיע ארויסגעשטעלט די קראפט פון גאָלד. די מיטלאלטערלעכע ריטערשאפט האט ניט איינמאָל אונטערגענומען קרייצפאָרן, קעדיי אפצונעמען בא די אומגלויביקע „גאטס טעמפל" אין יערושאלאיעם. די בורזשואזיע האט באצוואונגען די גאנצע וועלט, האט אויסגעמארשירט אלע וועלט-טיילן, קעדיי צו פארגרעסערן אירע פראפיטן. און דארט, וואו די מיטלאלטערלעכע ריטער האבן געוואלט אויפשטעלן דעם קרייץ, קריגט זי ארויס נאפט.

די וועלט פון אלטערטום און דער מיטלאלטער האבן באַשאפן וואונדער פון בוי-קונסט. די עגיפטער האבן געשטאלצירט מיט זייערע פיראמידעס, די רוימער האָבן דורכגעפירט גרויסע וואסערלייטונגען, די פעאדאלן און סעניערן האבן אויפגעבויט גאָטישע קאטעדראלן. אבער וואס פאר א באטרעף האבן אט די אלע וואונדער אין פארגלייך מיט דעם, וואס די בורזשואזיע האט אויפגעטאן פאר די הונדערט יאר פון איר הערשאפט. זי האט דורכגעשניטן די קאנטינענטן מיט קאנאלן, זי האט דורכגעגראבן די לאנדפאסן סועץ און פאנאמע און האט, אף אזא אופן, פאראייניקט אקעאנען, וואס איבער זייערע וואסערן טראגן זיך אין אלע זייטן אומגעהויערע זאמפערס, זי האט דורכגעפירט אייזנבאנען און האט אויסגעבויט קאלאסאלע וואָקזאלן און פאבריק-קארפוסן. זי האט ארומגעפלאָכטן די וועלט מיט טעלעגראף-דראטן, פון די

טיפענישן פון דער ערד האט זי אויסגעקראגן שטיינקוילן, אייזן, נאפט, האט באדעקט דעם ערדקויל מיט מיליאנען שטעט.

און דאך כאַלעמט די בורזשואזיע וועגן יענע גוטע צייטן ווען די מענטשלעכע געזעלשאפט האט, ווי א קופע מוראשקעס, צי ווי א בינשטאק, יארהונדערטן לאנג געלעבט אלץ אין איין געשטאלט, ווען די אלטע אופאנים פון פראדוקציע האבן זיך אויפגעהיט אן ענדערונגען און אייניגעם דערמיט פלעגן בלייבן אומפארענדערט אויך די אלטע אופאנים פון עקספלואטאציע און די אלטע איינטיילונג פון דער געזעלשאפט אף קלאסן.

דאס איז אבער ניט מער ווי א פוסטער כאלעם. דער בורזשואזער קאפיטאליסטישער אופן פון פראדוקציע צייכנט זיך דאך אויס טאקע דערמיט, וואס ראק ער פארפולקומט די אינסטרומענטן פון ארבעט און אנטוויקלט אין אן אומגעהערסער מאס די פראדוציר-קויכעס פון דער געזעלשאפט. די קאפיטאליסטן האלטן זיך וועלן אפשטעלן אף דער הויך, וואס זיי האבן שוין דערגרייכט, אָבער די קאָנקורענציע צווינגט זיי איינצופירן אלץ נייע אויסבעסערונגען, קעדיי גוויער צו זיין די קאנקורענטן. איטלעכע נייע דערפינונג, נייע מעטאָדן פון פראדוקציע גיבן א מעגלעכקייט וועלוועלער צו מאכן די פרייזן און פארכאפן דעם מארק.

„דער קאַפיטאל מיידט אויס סקאנדאלן און געשלעגן און צייכנט זיך אויס מיט זיין שרעקעוודיקער נאַטור“. אַן עמעס איז דאס, אָבער ניט דער גאנצער עמעס. דער קאַפיטאל ציטערט פארן פעלן פון רעוועך אָדער פאר א צו קליינעם רעוועך, ווי די נאַטור האט מוירע פאר פוסטקייט. איז אָבער דא גענוג רעוועך, דאן ווערט דער קאַפיטאל געוואַגט: פארזיכערט אים 10%, אזוי איז דער קאפיטאל גרייט אַף יעדער אנווענדונג. בא 20% ווערט ער גאָר לעבעדיק, בא 50% איז ער געפערליש גרייט כאטש ברעכן זיך האלז און נאקן, בא 100% טרעט ער מיט די פיס אלע מענטשלעכע געזעצן; בא 300% איז ניטא דער פארברעך, וואס

ער זאל דער יף ניט ריזיקירן, מעג עס אפילע שמעקן מיט טליע. אויב סקאנדאלן און געשלעגן טראגן אַריין פראָפיטן, וועט זיי דער קאַפיטאל אדעראַבע נאך מיטהעלפן. א ראיע: קאָנטראבאנדע און דער האנדל מיט שקלאַפן".

עס איז שווער צו געפינען גרעסערע פאטריאָטן, ווי די בורזשואזיע איז. מיר האבן שוין געזען, ווי אזוי דער נייער סויכער, דער פארשטייער פון האנדל-קאפיטאל, האט געהאלפן צו פארוואנדלען די קליינע פעאדאלע נאכלאעס אין איין גרויסער צענטראליזירטער מלוכע, אין איין נאציע. נאך מער ארבעט די אינדוסטריעלע בורזשואזיע אף צו באשאפן אזא איינהייטלעכע נאַ-ציאנאַלע מלוכע. פון איינצלנע געגנטן, פראָווינציעס מיט זייערע באַזונדערקייטן—איטלעכע שטאָט מיט איר כאראקטער, איטלעכן דאָרף מיט זיין מינהעג—באשאפט זי אן איינהייטלעכע גאַנצע מיט איינארטיקע געזעצן, זי שאפט, אין נאָמען פון גלייכהייט און די באַדינגונגען פון קאנקורענציע, איר בורזשואזן פאטערלאנד.

נאר דער בורזשואזיע איז געלונגען ארויסצורייסן דעם פוי-ער פון די טעמפ מאכנדיקע אומשטאנדן פון דארפישן לעבן. דער קרייז פון שמאָלע אינטערעסן, אין וואסערן עס לעבט דער פויער, מאכט אים ציטערן איבער זיינע געוויינהייטן איבער זיינע אפט ריין-אויסערלעכע באזונדערקייטן. „דער פויער איז ווי אן אקס. האט ער זיך אריינגענומען עפעס א שטוס אין קאָפ אריין, איז מיט א פלאָקן ניט ארויסצוהאקן".

אָט דאָס שמאָלע באַזונדערע וועלטל, באַגרענעצט ביז צו א י ד י אָ ט י ז ם, ביז צו א ריין פערדישער אקשאָנעס, איז צע-שטערט געוואָרן דורכן קאַפיטאליזם.

דער בורזשואַזיע האָט זיך איינגעגעבן צו מאכן די פויערים פאַר פאַטריאָטן און מיט זייער הילף איינשטעלן די אייגענע הער-שאפט אין פראַנקרייך. זי האָט זיי ארויסגעריסן פון אונטערן יאָך פון דעם אדל, האט זיי באפרייט פון פאנשטשינע, האט זיי אבער

אונטערגעוואָרפן אונטער איר אייגענער מאכט, אונטער איר גייס-טיקן איינפלוס.

און אין דערזעלביקער צייט העלפט די בורזשואזיע אליין, אָפט קעגן איר אייגענעם ווילן, באָטל צו מאכן די נאַציאָנאַלע גרענעצן, מיט וואָסערע זי האָט פארביטן די פריערדיקע געגנטלעכע פארצאמונגען. אזוי ווי זי לעבט פון דעם וועלט-מארק, ברייטערט זי אים קעסיידער אויס. זי גלייכט אויס, ניווע־לירט די אויפאנים פון פראָדוקציע אין פארשיידענע לענדער, זי באשאפט פון דער גאנצער וועלט איין מלוכע, אַ וועלט-מלוכע, א קאָסמאָפּאָליס. ווען זי האט נאך געפירט דעם קאַמף מיטן אדל, קעגן זיין באַגרענעצטקייט און אפגעשטאנענקייט, האט זי ארויסגעשטעלט דעם אידעאַל פון א קאָסמאָפּאָליט, א בירגער פון דער גאנצער וועלט. נאָר, אַפילע שוין נאכדעם ווי זי האט זיך אָפּגעזאָגט פון אט די ראָזע כאַלוימעס פון אירע יוגנט-יאָרן, ענדערט זי איבער, ווילנדיק—ניט ווילנדיק, אין קאָסמאָפּאָליטישן גייסט אלע לענדער אפן ערד-קוגל. זי העלפט מיט דער אנטוויקלונג פון צווישנפעלקערלעכע פארבינדונגען, זי האט געשאפן אַ צווישנפעלקערלעכע פּאָסט, צווישנפעלקערלעכן טעלעגראף, זי אַנטוויקלט א צווישנפעלקערלעכן אויסבייט פון קאָלערליי אויס-אַרבעטונגען, אנגעהויבן פון ציין ביז פינקערטאן און קינא-דראַמעס. דאס אלץ איז דורכגעווייקט מיט דער גאַנצער געמיינהייט פון דער אַזוי גערופענער בורזשואַזער קולטור, אָבער אט די טעטיקייט פון דער בורזשואזיע שאַפט אַזעלכע צווישנפעלקערלעכע קאַנאַלן און וועגן, דורך וואסערע עס ווערן דורכגעזאַפּט אויך אנדערע איינפלוסן, פיינטלעכע צו איר. קיינמאָל האָט נאָך די וועלט ניט געלעבט אַזאַ איינהייטלעך לעבן, ווי גראָד אין דער עפּאָכע פון דער הערשאַפט פון דער בורזשואזיע.

און דאָך, ניט געקוקט אף אט דעם אומגעווײנלעכן וואוקס פון די פּראָדוציר-קויכעס, ליידט די בורזשואזע געזעלשאפט פּע-ריאָדיש, פון צייט צו צייט, פון אַזעלכע אויפטרייסלונגען, וואָס

קײן געזעלשאַפט ביז איר האט דערפון ניט געוואוסט. דאָס זײנען —די קריזיסן אין אינדוסטריע און האַנדל, די האנדל־אינדוסטריעלע קריזיסן.

אין וואס באשטײט א קריזיס? אָט ערשט זײנען די פאבריקן און זאוואָדן אין פולן גאַנג, מע האָט געאַרבעט אַף וואס די וועלט שטײט; די צאָל ארבעטער איז קעסײדער געוואקסן, דער האנדל האט זיך קוים אײנגעקערט אויסצובערענגען די אויסגעארבעטע סכוירעס. מיטאַמאָל—סטאָפּ. די ר״ַ״ פון פּראָדוקציע, וואס איז אט ערשט געפלויגן מיט אַזאַ האַסט, אז עס האָט אזש געשווינדלט, האָט זיך אפּגעשטעלט. דאס בילד בײט זיך אינגאנצן. דער האַנדל שטעלט זיך אפּ, אַלע מערק און געשעפטן זײנען איבערגעפולט מיט סכוירעס, וואס עס איז ניטא וואו אויסצוברענגען, אַסאַך סאָכרים און פאַבריקאַנטן ווערן בעדאַלעס, ארבעטער ווערן ארויסגעשלײדערט אין די טויזנטער און הונדערטער טויזנטער אף דער גאַס, די צאָל בעטלער וואקסט, עס ווערט גרעסער די צאל פארברעכנס, עס שטײגט די שטערבלעכקײט. ווי א שטורעמווינט וואלט דורכגעגאנגען איבערן לאנד. וואס זשע איז געשען? א הונגער? אַ מאגײפע?

נײן. ס'ווײזט זיך ארויס, אז די געזעלשאַפט האט אויסגעאַרבעט צופיל סכוירעס, און בעאײס די לאגערן זײנען איבערגעפולט מיט ברויט און אנדערע פּראָדוקטן, שטאַרבן דאָ דערבײ מענטשן פון הונגער, ווארום זײ האבן ניט פארוואס צו קויפן דידאזיקע סכוירעס. עס גײט דורך עטלעכע יאָר, די סכוירעס איז אדער פאָשעט מע פארניכט זײ, אדער מע זעצט זײ אָפּ פאַר ביליקערע פרײזן, די ראָד פון דער פּראָדוקציע הויבט ווידער אָן שנעל צו לויפן, און אַזוי ביז עס פארהאַקט זיך אײבעראנײס. ערגער פון אלעמען קומט אויס די אַרבעטער און בײכלאל דעם קלײנעם מענטשן: דעם פויער און באַלמעלאָכע. שלעכט איז אויך די קאַפּיטאַליסטן, דערהויפּט, די קלענערע. פאַר די גרויסע איז אַזאַ שטורעם גאָרנישט. זײ זײנען ווי די שטארקע

דעמבעס אין וואלד. דורכגעטראָגן זיך אַ שטורעם, האָט צעשמע-
טערט דאָס קליינוואַרג, און פאַר די ריזן איז גראָמער געוואָרן, און
נאָך מיט מער קראַפט וויגן זיי די זאַפטן פון דער ערד.
וואו זשע ליגן די סיבעס פון אַזעלכע קריזיסן? אַלץ טאַקע
אין דערזעלביקער זאַך, וואָס איצטער ווערט אַלץ פּראָדוצירט
דורך אַ קליינעם הייפל קאַפּיטאַליסטן, וואָס בעשאַס זיי פּראָדו-
צירן רעכענען זיי זיך ניט מיט די באַדערפעענישן פון דער גאַנ-
צער געזעלשאַפט, נאָר מיט זייער אייגענעם רעווח, איטלעכער
פאַבריקאַנט פּראָדוצירט אויף זיין אייגענער ריזיקע. די מעקאָכים
שטייגן, דער פּראָפּיט ווערט גרעסער—פאַרברייטערט ער זיין
פּראָדוקציע; פאַלן די מעקאָכים, פּראָפּיט ווערט ווייניקער—פאַר-
קירצט ער די פּראָדוקציע. דאָס איז איינער פון די רעזולטאַטן
אַלץ פון דערזעלביקער פרייער קאָנקורענציע, פון דעם
שטייערן זיך, פון דעם וועט-לויף צווישן באַזונדערע קאַפּיטאַ-
ליסטן, וואָס צייכנט אויס די בורזשואַזע געזעלשאַפט. דער מיטל-
אַלטער האָט געוואוסט פון אַסאַך צאָרעס, אָבער צאָרעס פון שע-
פע,—און די קריזיסן זיינען אַזאַ מין צאָרע,—פון אַזוינס האָט מען
ניט געוואוסט. די אַרבעט-אינסטרומענטן זיינען דאַן געווען ניט
זייער פּראָדוקטיוו, אין מעסלעס קען מען מער פון 24 שאָ ניט
אַרבעטן,—איז געווען שווער דעריבער אָנצופּראָדוצירן עפּעס וואָס
אין צו אַ גרויסער מאָס, און געאַרבעט האָט מען אויך אויף אַ באַ-
שטימטן מאַרק, אָדער גאָר אויף באַשטעלונג, ווי דאָס טוען נאָך
איצטער די באַלמעלאָכעס אין קליינע שטעט. איבערפּראָדוק-
ציע האָט געקאָנט ווערן אַ שטענדיקע קרענק, וואָס קומט פון
צייט צו צייט, ווי אַן עפּידעמיע פון כאָלערע, נאָר אין דער
בורזשואַזער געזעלשאַפט מיט אירע שטענדיק וואַקסנדיקע פּראָ-
דוציר-קרעפטן און וואו עס איז ניטאָ קיין שום פּלאַן
אין דער פּראָדוקציע. אַזוי ברענגט אַרויס די בורזשואַזע
געזעלשאַפט אַליין די קויכעס, מיט וועלכע זי קען זיך נאָכדעם
ניט איינקערן. פּעריאָדישע קריזיסן זיינען דער בעסטער

באוויז, אז די געזעלשאפט מוז אין גרונט איבערגעבויט ווערן אז זי שטייט ערעוו אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע. און פונקט אזוי ווי די פעאָדאלע געזעלשאפט האָט אליין געבאָרן דעם קלאַס, די בורזשואַזיע, וואָס האָט רעוואָלוציאָניזירט דידאָזיקע געזעלשאפט, אזוי האָט די בורזשואזיע, פון איר זייט, אויך ארויס-געבראכט דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס וועט מאכן א רעוואָ-לוציע, אן איבערקערעניש אין דער בורזשואזער געזעל-שאַפט.

וואָס איז אזוינס פּראָלעטאַריאַט?

מיר האָבן געזעען, אז פּראָלעטאַריער זיינען שוין געווען אין פארצייטיקן רוים, אז דערדאָזיקער נאָמען קומט פון לאַטיין. אַ פּראָלעטאַריער איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט קיין שום אייגנס ניט, לעבט אף יענעמס כעשבן און קינדלט נאָר.

אָבער צווישן דעם רוימישן פּראָלעטאַריער און דעם הייג-טיקן איז קיין שום גלייכעניש ניטאָ. די רוימישע פּראָלעטאַריער זיינען געווען בירגער, וואָס האָבן פארלאָרן זייער שטיקל ערד. זיי זיינען ניט געווען דער וויכטיקסטער פּראָדוצירנדיקער קלאַס, און דאָס איינציקע, צו וואָס זיי האָבן זיך געוואָלט דערשלאָגן, איז געווען דאָס רעכט אף אַ כיילעק אין דעם אומגעהויערן זאק-רויב, וואָס די רוימישע פּאטריציער פלעגן צענויפזאמלען פון די באצוואונגענע פעלקער.

פּראָלעטאַריאַט איז אַ צונעמעניש, וואָס מע האָט געגעבן דעם היינטיקן קלאַס לוינאַרבעטער ערשט אין 19-טן יאָרהונדערט, האגאם לוינאַרבעטער זיינען געווען שוין פון לאַנג אָן. פּראָלעטאַ-ריאַט, אָדער דער קלאַס לוינאַרבעטער, הייסט דער טייל פון דער געזעלשאפט, וואָס לעבט אויסשליסלעך פון פארקויפן די אייגענע אַרבעטקראפט, און ניט אף דער האכנאָסע פון עפעס אַ קאפּיטאַל. זיין וואוילשטאנד און דאלעס, זיין לעבן און טויט,—קורץ געזאָגט, זיין גאנצע עקזיסטענץ ווענדט זיך אָן דעם, צי עס איז פאראן א נאָכפרעג אף זיין אַרבעטקראפט, ד. ה. פון דעם בייטן זיך פון

שטילשטאנד און אויפלעבונג אין די געשעפטן, פון די אָנצאָליקע וואקלונגען פון דער פרייער קאָנקורענציע. זיין ארבעטקראפט איז פונקט אזא סכוירע ווי אלע אנדערע סכוירעס, וואָס פאלן אריין אפן מארק, מיט דעם איינציקן כילעק, וואָס אנדערע סכוירעס ברענגט מען צו פירן אָדער צו טראָגן אפן מארק, ער אָבער קומט אליין „פרייוויליק", קעדיי צו פארקויפן זיך דעם קאַפּיטאליסט אף אַ געוויסן טערמין.

דער פּראָלעטאריער איז ניט קיין קנעכט. א קנעכט ווערט פארקויפט איינמאָל פאר אלעמאָל, דער פּראָלעטאריער פאר־קויפט זיך אף אַ צייט. אַ קנעכט רעכנט זיך פאר אַ כייפעץ, אַ זאַך, דער פּראָלעטאריער—איז אַ פרייער בירגער. אַ קנעכט קען אַמאָל מאַטעריעל לעבן בעסער איידער דער פּראָלעטאריער, אויב דער באלעבאָס זיינער קען אים גיך ניט פארבייטן אף אן אנ־דערן און דארף וועגן אים זאָרגן; דער פּראָלעטאריער פארלירט זיין אַרבעט ווייער אָפּט און זייער לייכט, וואָרום דער באלעבאָס קען געפינען אן אנדער ארבעטער.

דער פּראָלעטאריער איז ניט קיין לייב־אייגענער. ער פארמאָגט ניט קיין שום אייגנס, בעת ווען דער לייב־אייגענער האָט געהאט א שטיקל ערד און פּראָדוציר־געצייג. דער פּראָלעטאריער אַרבעט מיט פּראָדוציר־געצייג, וואָס געהערט דעם קאַפּיטאליסט, און טוט די ארבעט אפן כעשבן פון דעמדאָזיקן קאַפּיטאליסט, פארוואָס ער קריגט פון אים נאָר אַרבעט־לוין. אָבער דער לייב־אייגענער איז צוגעפעסטיקט צו דער ערד, דער פּראָלעטאריער איז—אַ „פרייער פויגל".

דער פּראָלעטאריער איז ניט קיין באלמעלאָכע. דער באלמעלאָכע האָט פּראָדוצירגעצייג. ער קען „אָרענטלעך" און „מיט אַ מאָס" עקספּלואטירן אַ פּאָר געזעלן און אַ פּאָר לערן־איינגלעך און, אויב עס גילט אים אָפּ, קען ער זיך אפילו אָנלעבן אַ שטי־קעלע קאַפּיטאל.

פאראן אָבער נאָך אן אנדערער, א מער וויכטיקער אונ־

טערשייד צווישן דעם פּראָלעטאריער און אַלע אַנדערע ארבעטנ-דיקע קלאַסן. אַן איינצלנער פּראָלעטאריער, ווי אַן איינצלנער קנעכט, קען אמאָל ארײַנשמוגלען זיך אין די רייען פון זיינע עקספּלואטאטאָרס, ווי זייערער א באַדינער. אָבער דער גאַנצער פּראָלעטאריאַט קען זיך אף דעם וועג ניט באפרייען. שקלאַפע-ריי קען באָטל ווערן, און דערביי זאָל אייגנטום ניט באָטל ווערן. עס איז גענוג אָפּצושאַפן נאָר דאָס אייגנטום אף מענטשן. דאָסזעלביקע קען אויך לייב-אייגנטום אָפּגעשאפט ווערן, און פּריוואט-אייגנטום ביכלאַל זאָל ניט באָטל ווערן. פארקערט, דער-פאר טאקע שטרעבט דער לייב-אייגענער צו באפרייען זיך, ווייל ער וויל אומגעשטערט געניסן פון זיין אייגנטום, פון זיין כיילעק ערד.

דער באַלמעלאָכע איז ניט נאָר ווי אַ יאָכיד, נאָר אפילע ווי אַ גאַנצער קלאַס נויטיקט ער זיך ניט אין אָפּשאַפן פּריוואַט-אייגנטום ביכלאַל. ער איז אליין אַן אייגנטימער, און נוי-טיקט זיך נאָר אין דעם, אַז די פאָרשטייער פון דעם גרעסערן אייגנטום זאָלן אים ניט צופיל צוקוועטשן. דעריבער שטייט ער, אזוי ווי דער אלטער צעכן-מאַיסטער, פאר אַלע באגרענעצונגען פון פרייער קאָנקורענציע, פאַר אַ דרוק אף די גרויסע קאַפּיטאַ-ליסטן, אָבער אין דערזעלביקער צייט איז ער אַ פאַרטיידיקער, און דער סאַמע פארברענטער פארטיידיקער פון פּריוואַט-אייגנטום ביכלאַל.

גאָר אין אַן אַנדער לאַגע איז דער פּראָלעטאריער.

ס'פארשטייט זיך, איינער, דער אנדערער קען זיך דורכ-שמוגלען, באַם קאפּיטאַליזם, און ווערן אַ מאַיסטער, אפילע אַ פאַבריקאַנט. אָבער אין זיין גאנצער מאַסע, ווי אַ גאַנצער קלאַס, קען דער פּראָלעטאַריאט ניט פארניכט ווערן, קאָלזמאַן עס איז דאָ פּריוואַט-אייגנטום, און איינעם דערמיט אויך די סכוירע-פּראָדוקציע. בא דערדאָזיקער אָרדענונג קען ער עקזיסטירן, נאָר פארקויפנדיק זיין אַרבעט-קראַפט, און וויבאַלד זי ווערט ארויס-

געטראָגן אפֿן מאַרק, וויבאלד זי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ סחורע, אזוי האָט זי אויסצושטיין אַלע וואַקלונגען פֿון קאָנקורענציע.

עס פֿאָדערט זיך אָבער אַסאַך צייט, ביז וואַנען די פּראָלעטאַריער הויבן אָן צו פאַרשטיין דאָס. זיי דאַרפֿן דורכגיין אַ לאַנגע אויסמאַטערנדיקע שול, ביז וואַנען זיי קומען צום באַוואוסטזיין, אז זיי שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ באַזונדער קלאַס אין דער היינטיקער געזעלשאַפֿט.

מיר האָבן פֿריער געזעען, אַז ניט ווייניק יאָרהונדערטן זיינען אריבער, ביז וואַנען פֿון די שטאָט-איינוואוינער פֿון מיטלאַלטער האָט זיך אויסגעפֿאָרמירט אַ נייער קלאַס, די היינטיקע בורזשואַזיע. אויך דער פּראָלעטאַריאַט איז אַזאַ מין רעזולטאַט, אַ פֿויעל-יויצע פֿון אַ לאַנגער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. אַכוץ דעם, זיינען דיביידע קלאַסן אין זייער אַנטוויקלונג גאָר ענג פֿאַרבונדן צווישנאַנאַנד. אין דערזעלביקער מאָס, אף וויפֿל עס אנטוויקלט זיך די בורזשואַזיע, אנטוויקלט זיך אויך דער פּראָלעטאַריאַט. ווי אַ שאָטן נאָכן מענטשן, אזוי גייט נאָך דער פּראָלעטאַריאַט נאָך דער בורזשואַזיע. קעדיי פֿאָטער צו ווערן פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט, מוז די בורזשואַזיע פאַרניכטן זיך אליין. קעדיי צו באפרייען זיך, מאכן אן עק צו דער אייגענער עקזיסטענץ, ווי אַ קלאַס, מוז דער פּראָלעטאַריאַט פאַרניכטן די בורזשואַזיע.

מיר האָבן געזעען, אז דעם איצטערדיקן נאָמען האָט מען דעם פּראָלעטאַריאַט. געגעבן ערשט אין דער ערשטער העלפֿט 19-טן יאָרהונדערט. אָבער ווי אַ באַזונדערע קאַטעגאָריע פֿון דער באַפֿעלקערונג האָט ער זיך שוין אָנגעהויבן פֿאָרמירן נאָך אין 16-טן יאָרהונדערט, האַגאַם נאָך פֿריער זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן געלעבט פֿון דעם, וואָס זיי פלעגן פאַרקויפֿן זייער האָרעוואַניע, ווי מע זאָגט געוויינלעך.

דער קאַפּיטאַליסט האָט אַנדערש ניט געקענט פֿירן זיין פּראָדוקציע, סאַידן ער האָט געפֿונען מענטשן, וואָס ער האָט געקענט צווינגען צו ארבעטן אף אים. ער קען זיך צענויפקלייבן

וואָל אָדער באַוול, שפּין-מאַשינעס און וועבשטולן, געצייג און פאַרב אַף צו פאַרבן און דרוקן געוועב, אַפּאַראַטן אַף טריקענען עס, אָבער אויב ער האָט ניט קיין אַרבעטער, וועט עס באַ אים אַלץ ליגן, ווי אַ טויטער קאַפּיטאַל, אָדער עס וועט נאָך קאַליע ווערן. די אַרבעטס-קראַפט איז ווי אַ לעבנס-וועסערל, וואָס מאַכט באַוועגן און באַלעבן אָט די אַלע ניט-לעבעדיקע זאַכן.

די קאַפּיטאַליסטן האָט אָבער אָפּגעגליקט. דיזעלביקע באַדינגונגען, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן דער אַנטוויקלונג פון דער הייַנטיקער אינדוסטריע, אָנגעהויבן פון 16-טן יאָרהונדערט אָן, ווען עס איז געשאַפן געוואָרן דער אַלוועלטלעכער מאַרק, האָבן אויך מיטגעהאָלפן, עס זאָלן באַשאַפן ווערן גרויסע מאַסן הימלאָזיקע מענטשן, מענטשן, וואָס עס איז זיי מער ניט אויסגעבליבן, ווי אַרויסצוטראָגן די אייגענע פעל אַפן מאַרק.

נאָכדעם ווי די פּריצים, אין פאַרבאַנד מיט דער קיניגלעכער מאַכט, האָבן זיך אַזוי אַכזאָריעסדיק אָפּגערעכנט מיט די פּויערים, האָבן זיי אָנגעהויבן אָנווענדן אַנדערע מעטאָדן. וואו פּאַשעט דורך געוואַלט, וואו דורך אַלערליי נעגישעס, פלעגן זיי צווינגען דעם פּויער צו פאַרלאָזן די ערד און אַוועקגיין אין שטאָט. אַסאַך פּויערים, זוכנדיק פּאַרנאָסע, פלעגן אַליין אַוועקגיין פון דאָרף און האָבן זיך ביסלעכווייז אינגאַנצן אָפּגעריסן פון אים. אויב פריער, ווען די פּריצים האָבן נאָר מיט גרויס מי געקענט אויסבערענגען די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, פלעגן זיי גערן האַלטן באַ זיך גאַנצענע כאַליאַסטרעס מיט הויז-דינערשאַפט, איז איצטער אָבער, אַז ברויט און אַנדערע געברויך-פּראָדוקטן זיינען טייער געוואָרן, לאָזן די פּריצים פאַנאַנדער זייערע הויף-מענטשן.

אַזוי איז מיטאַמאָל דורך ע ק ס פּ ר אָ פּ ר י א צ י ע, דורך אָפּנעמען דאָס אייגנטום באַ די פּויערים געשאַפן געוואָרן אַ גרויסע צאָל אַרבעטער אָן אַן אָפּדאַך און אָן עפּעס אַ באַלעבאַטישקייט, וואָס האָבן פאַרפולט די שטעט. אַז זיי פלעגן ניט געפינען קיין אַרבעט, פלעגן זיי ווערן בראָדיאַגעס. פאַר אָט דער געצוואונ-

גענער ליידיקגייערײַ פלעגט מען זיי באשטראָפן מיט גרויס אַכזאָריעס.

צו אָט די אָן ערד געבליבענע פויערים זײַנען צוגעקומען די בעדאַלעס געוואָרענע באַלמעלאָכעס. אזוי האָט זיך געשאפן אַ היפשע אַרמײ אַרבעטער צום דינגען, וואָס די קאפּיטאַליסטן האָבן געהאט אין זייער רעשוס. די נייע מאנופאקטורן זײַנען פארפולט געוואָרן מיט טויזנטער ארבעטער. וואָס מער עס האָט זיך אנטוויקלט די צעטיילונג פון ארבעט אין דער מאנופאקטור, אלץ איינארטיקער און אינהאלטלאזיקער, דערהויפּט אין פארגלייך מיט דער ארבעט פון דעם באַלמעלאָכע, איז געוואָרן די ארבעט פון דעם מאנופאקטור-ארבעטער.

אפילע דאן, ווען די מאנופאקטור האָט אָנגעהויבן ארויסגעשטויסן צו ווערן דורך דער מאַשין-פּראָדוקציע, איז דעם אַרבעטערס האָרעוואַניע ניט געוואָרן מער צוציעוודיק, די צעטיילונג פון דער ארבעט אין דער מאנופאקטור איז פארביטן געוואָרן אף נאָך אַ גרעסערער צעפּיצלטקייט פון דער ארבעט, און דער אַרבעטער איז אָפּט פארוואנדלט געוואָרן אין א פּאַשעטן צוגאָב צו דער מאשינע. אין דער צייט, ווען פון אַ קליינעם הייפל ארבעטער האָט זיך נאָך געפאָדערט אַ קענטעניש אויסצופירן אַ פאַראַנטוואָרטלעכע ארבעט, איז די אומגעהויערע מאַסע אַרבעטער פארמישפּעט געוואָרן אף סאַמע לאַנגווייליקער האָרעוואַניע, וואָס יעדער שוואַרץ-ארבעטער קען זיך עס אויסלערנען אין עטלעכע טעג. אזוי טרעפן מיר צוגלייך מיט צענדליקער קוואליפיצירטע ארבעטער הונדערטער האלב-קוואליפיצירטע, וואָס האָבן זיך געניט געמאכט אף איין אַפּעראציע, און צענדליקער טויזנטער גאָר ניט קוואליפיצירטע אַרבעטער. שוואַרץ-אַרבעטער.

דאָס אלץ האָט ראק נידעריקער געמאכט דעם ארבעט-לוין. אויב פריער פלעגט אן ארבעטער דורכשניטלעך פארדינען אף

דורכצולעבן זיך אליין און ווי עס איז אויסהאלטן די פאַמיליע, איז איצטער דער פרייז פון זיין ארבעטקראפט געפאלן אזוי נידעריק, אז ער האָט שוין קוים געקענט אויסהאלטן זיך אליין. דעריבער איז, דערהויפט זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן אנטוויקלען די אָנווענדונג פון מאַשינעס, וואָס האָבן היפש פארקלענערט די שווערקייט פון דער ארבעט, ווערט די ארבעט פון מאנסביל אלץ מער דערגאנצט, און דערנאָך, אין אזעלכע צווייגן ווי די טעקסטיל-אינדוסטריע, אלץ מער ארויסגעשטויסן דורך דער ארבעט פון פ ר ו י ע ן.

דער ווארשטאַט, די פאַבריק ווערט פארוואנדלט אין אן עמעסער קאַטאָרגע. אויב עס זיינען שוין מער ניטאָ יענע עקלדיקע זאכן, וואָס האבן אויסגעצייכנט די אלטע קנעכט-ווירטשאפט, אויב עס איז ניטאָ די בייטש, זיינען פאראן שטראפן. און אלציינס, צי עס האנדלט זיך וועגן אן ענגלישן, א דייטשישן אָדער אַ רוסישן פאבריקאנט,—ווי דאָס האט באוויזן דער שטרייק בא מאראזאוון,—קליגט זיך איטלעכער פון זיי מיט קאלעריי טאכבולעס ארומצופלאנטערן די ארבעטער מיט א גאנצער נעץ פון שטראפן. אזוי איז פון דעם נידעריקן אַרבעט-לוין מאכט מען נאך אראפרעכענונגען אכוץ.

נאָר פון אָט דעם קלאָגעדיקן ארבעט-לוין איז דער אַרבעטער געצוואונגען אָפצוגעבן נאָך אַ היפשן טייל אַנדערע רויבער. פאַר אַן ענגער לאָך, אַ ווינקל, אַ קעמערל, וואו דער אַרבעטער דאַרף וואוינען מיט דער פאַמיליע, צאָלט ער היפש דירעגעלט דעם הויז-באַלעבאָס. די גרעסטע האַכנאָסעס טראָגן אַריין הייזער מיט צענדליקער קליינינקע דירעלעך, וואָס זיינען באַשטימט פאַר דער שטאָטישער אָרימקייט. אָט די אַרימקייט-גרובן,—שרייבט מאַרקס אין אַן אַנדער אָרט,—ווערן עקספּלואַטירט דורך ספּעציאַליסטן הויז-באַלעבאַטים מיט מער פּראָפיטן און קלענערע הויצאָעס, איידער די באַרימטע זילבער-גרובן אין פּאָטאָזי (אַמעריקע)

אַזוי ווי דער אַרבעטער קריגט זיין לוין ערשט נאָכדעם,

ווי ער אַרבעט אָפּ צוויי וואָכן, אָדער אַפילו אַ כוידעש, איז ביזן לוין אויסצאָלן מוז ער לעבן אַף באָרג. בײַ וועמען באָרגט ער? בײַם קרעמער, וואָס בײַנוצט זיך דערמיט און רוקט אים אַריין שלעכטע סכוירעס. אויב ער איז אַזאַ מאַזלדיקער, אַז ער האָט נאָך עפּעס צו פאַרזעצן, דאַרף ער נאָך אויסצאָלן אַ טייל פון זיין לוין פאַר פּראָצענט דעם וואָכערניק.

וואָס מער עס אַנטוויקלט זיך דער קאַפּיטאַליזם, אַלץ פּיל-צאָליקער ווערט דער פּראָלעטאַריאַט. פאַראַן לענדער, וואו ער באַטרעפט שוין אַ גרויסע מערהייט. אין אַנדערע לענדער וואַקסט ער אויך פון טאָג צו טאָג. ער וואַקסט קעסיידער ניט נאָר מאַכ-מעס דער נאַטירלעכער פאַרמערונג, נאָר אויך דורך דעם, וואָס עס גייט צו אים אַריבער אַ גרויסע צאָל פּויערים, באַלמעלאָכעס, הענדלער, וואָס ווערן בעדאַלעס אונטערן דרוק פון דער קאָנקו-רענציע מיצאַד די גרעסערע קאַפּיטאַליסטן. אַפילו אַזעלכע שיכטן, וואָס האָבן זיך געקענט דורכלעבן פון האַכנאָסעס פון זייער קאַ-פּיטאַל,—מע רופט זיי ראַנטיע, ד. ה. מענטשן, וואָס לעבן פון רענטע, האַכנאָסע,—זיינען אויך געצוואונגען צו זוכן פאַרדינסט, וואָרום די פּראָצענטן, וואָס זיי פלעגן קריגן, סטאַיעט שוין מער ניט צום לעבן.

סאָפּקאָלסאָף קומט צו צו דער אַרמיי פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס מע קען אָנרופן די אַקטיווע, וואָס אַרבעט אַף דער פאַב-ריק, נאָך אַן אַנדער אַרמיי, אַ רעזערוו-אַרמיי, וואָס ווערט דורך די קאַפּיטאַליסטן אַריינגעצויגן אין דער אינדוסטריעלער שלאַכט, ווען אַ נייער אויפבלי פון דער אינדוסטריע פאָדערט נייע קויכעס. ווען די באַדערפעניש גייט דורך, לאָזט דער קאַפּיטאַליסט פאַנאַנדער אָט די צוגאָב-אַרבעטער, און זיי קערן זיך אום ווידער אין דער רעזערוו-אַרמיי.

דידאָזיקע רעזערוו-אַרמיי דינט ניט נאָר פאַר אַזעלכע אומ-דערוואַרטע עקסטרע פאַלן. שוין דאָס אַליין, וואָס אַזאַ מאַסע אומבאַשעפטיקטע אָדער האַלב-באַשעפטיקטע אַרבעטער איז פאַראַן,

איז אַן אויסגעצייכנט מיטל אַף איינצושטילן די באַשעפטיקטע אַר־בעטער און צווינגען זיי איינצוגיין אַף אַ נידעריקערן אַרבעט-לוין. אין די רייען פון דערדאָזיקער רעזערוו-אַרמיי קלייבט זיך אָן אַלץ מער אַזוינע מענטשן, וואָס טויגן שוין ניט פאַר קיין שטענדיקער אַרבעט און פאַלן אַלץ נידעריקער און נידעריקער. אָט דער שיכט אַרבעטער רופט זיך פּ א ו פּ ע ר ס, בעטלערס, און דער פּאַ א ו פּ ע ר י ז ם, בעטלעריי, שוואַכט נאָך מער אָפּ דעם אַרבע־טערס קראַפט צום ווידערשטאַנד.

אָבער דער קאַפּיטאַליזם גופא זאָרגט שוין דערפאַר, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל ניט בלייבן צופרידן מיט זיין אומגליקלעכער לאַגע. שוין די קריזיסן אַליין איז גענוג, אַז אַפילע די בעסטע איינגעאָרדנטע אַרבעטער זאָלן דערפילן, ווי אומזיכער עס איז זייער מאַצעוו באַם קאַפּיטאַליזם.

אַ צאָרן, אַ פּ ר אָ ט ע ס ט כאַפּט אַרום פון אָנהויב נאָר איינ־צלנע אַרבעטער. די ערשטע צייט דריקט זיך עס אויס גאַנץ גראָב. דער אַרבעטער זעט, אַז מע בעגאַנוועט אים פון אַלע זייטן, ווערט ער אויך אַ גאַנעוו. צולאַקכענען עפּעס פון פאַבריק, באַגאַנווענען דעם באַלעבאָס—דאָס איז אין זיינע אויגן ניט מער ווי אַ געזעצלעכע נעקאָמע. אויב דער באַלעבאָס און זיין מאַש־גיעך קריכן שוין צופיל אין די ביינער, טרעטן מיט די פיס דעם אַרבעטערס מענטשן-ווערדע, האַלט ער ניט אויס און האַרגעט דעם באַלעבאָס צי דעם מאַיסטער.

נאָך דעם פּראָטעסט פון יעכידים קומט אַ ק אָ ל ע ק ט י ו ו ע ר, אַ געמיינשאַפטלעכער. פון אָנהויב איז עס אַ פּראָטעסט פון איין פאַבריק קעגן אַן איינצלנעם קאַפּיטאַליסט, וואָס האָט צופיל אַרי־בערגעכאַפּט די מאָס, יאָגנדיק זיך נאָך רעווועך. אַזוינע בונטן פון באַזונדערע פאַבריקן טרעפן מיר אי אין מאַירעוו-אייראָפּע גאָר אין אָנהויב פון דער אַרבעטער-באַוועגונג, אי בא אונז אין רוס־לאַנד.

דער בונט קען אַמאָל פאַרכאַפּן א צאָל פאַבריקן ־ון איין

מין, וואָס געפינען זיך אין איין אָרט. די ערשטע צייטן איז דאָס אן אויסבראָך פון פארצווייפלטקייט, און מע ברעכט דערביי מאַשינעס און פאבריק-פאַרמעגן. אין ענגלאנד טרעפן מיר אין די יאָרן 1811-1813 אפילע אן אָרגאניזירטע צעשטערונג פון מאַשינעס.

אָט די באוועגונג פון די לודיטן, ווי מע האָט זי אַ נאָמען געגעבן נאָך דעם לעגענדארן גענעראל לוד, וואָס האָט זי קלוימערשט אָנגעפירט, איז אָפּגעשילדערט אין דער דראמע „מאַשינעס-ברעכער". אָנגעשריבן האָט זי דער דייטשישער פּאָעט טאָלער, וואָס זיצט נאָך אדהאיעם אין טפיסע פאר זיין באטייליקן זיך אין דער בייערשער סאָוועטישער רעפּובליק.

אין 1831-טן יאָר פלאקערט אויף דער אויפשטאנד פון די זייד-וועבער אין דער פראנצויזישער שטאָט ליאָן. זיי זיינען ארויס אונטערן לאָזונג „לעבן ארבעטנדיק—אָדער שטארבן אין שלאכט" און האָבן אפילע אף עטלעכע טעג פארכאפּט די גאנצע שטאָט אין די הענט.

אין 1844 יאָר האָבן די שלעזישע וועבער אין פּרייסן, וואָס האָבן שוין מער ניט געקענט אויסהאלטן די אומפארשעמטע עקספּלואטאציע פון די פאבריקאנטן, אויפגעהויבן אן אויפשטאנד. מע האָט זיי אָבער דערשטיקט מיט מיליטערישער קראפט. דערדאָזיקער אויפשטאנד האָט אין דער געשיכטע פון דער דייטשישער ארבעטער-באוועגונג אָפּגעשפּילט ניט קיין קלענערע ראָלע, איידער דער 9-טער יאנואר אין דער געשיכטע פון דער רוסישער. די שטימונג, וואס ער האט געשאפן בא די דייטשישע ארבעטער, האט אויסגעצייכנט אויסגעדריקט דער בארימטער דייטשישער פּאָעט הענריך היינע, א נאָענטער פריינט פון מארקסן:

א פלוך דעם גאָט, צו וועלכן אין נויט
מיר האָבן געבעטן, אין קעלט און אָן ברויט;
מיר האָבן אומזיסט געהאָפט און געווארט,
מע האָט אונז פארלאכט און פארשפּאָט און גענארט.

א פלוך דעם קיניג, דעם קיניג פון רייך,
וואָס אונזער פרייד און לייד איז אים גלייך,
וואָס דעם לעצטן גראָשן, די הויט פון אונז שינדט
און לאָזט אונז אַצינדער דערשיסן ווי הינט.

אַן אנדער דייטשישער פּאָעט—האַאופּטמאַן—האָט דיראָזיקע געשעענישן געשילדערט אין אייגער פון זיינע בעסטע דראַמעס „די וועבער".

באַ אונז אין רוסלאַנד האָבן זיך בונטן אַף די פאבריקן אָנגעהויבן אַ יאָר פערציק צוריק. דערביי זייגען פאָרגעקומען פּאָגראָמען, מע האָט געפּרואווט אויך מאַשינעס ברעכן—אין 1885 יאָר (דער שטרייק בא מאָראָזאָוון) און נאָך שפּעטער אין 1892-1893 יאָר (דער שטרייק אף דער יאראָסלאווער מאנופאקטור, דער שטרייק אין יעגאָריעווסק און דעריקער אין יוזאָווקע).

אָבער וואָס מער עס אַנטוויקלט זיך דער פּראָלעטאַריאַט, אַלץ גיכער הויבט ער אָן צו פארשטיין, אז אזעלכע בונטן, וואָס לאָזן זיך אויס צו די מאשינעס, צו די פּראָדוציר-געצייג, דערגרייכן לאכלוטן ניט דעם ציל. דאן הויבט ער אָן צו פאראייניקן זיך, אָרגאניזירן זיך; אַפריער שאפט זיך אַ צייטווייליקע זאדאכעס, אַ קאָאַליציע, צוליב איין באשטימטער זאך אָפּצוטאָן; דערנאָך שאפן זיך שטענדיקע אַסאָציאַציעס אָדער פאַריינען, וואָס זייער צוועק איז העכערן דעם לוין, פארקירצן דעם ארבעטס טאָג און ביכלאל צו פארבעסערן די באדינגונגען פון דער ארבעט. די ערשטע האָבן אזעלכע פאריינען אנגעהויבן אָרגאניזירן די ענגלישע ארבעטער; דאָרט רופן זיי זיך טרעיד-יוניאָנס, מיר רופן דאָס איצטער פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען (פארקירצט—פּראָפאַריינען).

די פּיאָנערן, די פאָרגייער פון דער ארבעטער-באוועגונג זיינען געווען די ענגלישע ארבעטער. אין ענגלאנד האָט זיך פריער ווי אומעטום אנטוויקלט די גרויס-אינדוסטריע, פריער ווי אומעטום האָט זיך דאָרט געשאפן א מאָדערנער פּראָלעטאריאט

דעריבער איז, באשרייבנדיק די פארשיידענע וועגן, אף וואָסערע די אנטוויקלונג פון דער ארבעטער-באוועגונג איז געגאנגען, שטיצט זיך דער קאָמוניסטישער מאניפעסט אף דער דערפארונג פון די ענגלישע ארבעטער.

אין די פערציקער יאָרן פון 19-טן יאָרהונדערט זיינען פראָ-פאריינען געווען נאר אין ענגלאנד. זיי האָבן געפירט אן אקשאָ-נעסדיקן קאמף פאר העכערן דעם לוין און קירצן דעם ארבעטס-טאָג. שטרייקן פלעגן אמאל ארומכאפן גאנצענע צווייגן פון דער אינדוסטריע. עס זיינען שוין געווען פרואוון צו מאכן אן אלגע-מיינעם שטרייק.

האגאם דידאָזיקע שטרייקן פלעגן זיך אָפט ענדיקן מיט מאפּאָלעס, האָבן זיי אָבער געשפּילט א גרויסע ראָלע. ער-שטנס, האָט דער ווידערשטאנד פון די ארבעטער פונדעסטוועגן געשטעלט געוויסע גרענעצן דעם ווילקיר פון די באלעבאטים. צווייטנס, האָבן די שטרייקן געהאט א גרויסן דערציערישן באטייט, אף וואס ענגעלס האָט שוין אָנגעוויזן. „זיי זיינען א הויכשול פאר די ארבעטער, וואו זיי גרייטן זיך צו צו דעם גרויסן קאמף, וואָס איז שוין געוואָרן אומפארמיידלעך; דאָס זיינען בונטן, אויפ-שטאנדן פון באזונדערע ארבעט-צווייגן, וואָס דערקלערן, אז זיי שטייען צו צו דער גרויסער ארבעטער-באוועגונג. און, ווי אזא מיליטערישע שול, זיינען שטרייקן ניט צו פארבייטן".

די שטרייקן און פראָפאריינען האָבן געשפּילט א גוואלטיקע ראָלע אין דער קלאסן-אָרגאניזירונג פון דעם פּראָלעטאריאט.

מיר האָבן פריער געזען, ווי אזוי די בורזשואזיע איז ביס-לעכווייז פארוואנדלט געוואָרן אין א באזונדער קלאס. אָט ווי אזוי מארקס פארגלייכט איר געשיכטע מיט דער געשיכטע פון דעם פּראָלעטאריאט:

„אין דער געשיכטע פון דער בורזשואזיע דארפן מיר אונ-טערשיידן צוויי פּאַזיסן: אין דעם ערשטן—פאָרמירט זי זיך אויס ווי א קלאס בא דער הערשאפט פון דער פעאָדאלער אָרדענונג

און זעלבסטהערשערישער מאָנארכיע; אין דעם צווייטן, — שוין זייענדיק א קלאס, — האָט זי אראָפּגעוואָרפן דעם פעאָדאליזם און די מאָנארכיע, קעדיי פון דער אלטער געזעלשאפט מאכן א בורזשואזע געזעלשאפט. דער ערשטער פון דידאָזיקע פאזיסן האָט זיך געצויגן לענגער פון דעם צווייטן און האָט געפאָדערט די גרעסטע אָנשטרענגונגען. ער האָט זיך אויך אָנגעהויבן פון טייל-ווייזע קאָאליציעס קעגן די פעאָדאלע סעניערן".

מארקס האָט דאָ אין זינען די שטאָט-געמיינדעס, קאָמונעס, וואָס זיינען געשאפן געוואָרן דורך די פּאָרגייער פון דער היינטיקער בורזשואזיע. פונקט אזוי איז אויך די שטרייקן, קאָאַליציעס, פּראָפסאַרייַנען שטעלן פאָר די פאָרמען, אונטער וואָסערע דער פּראָלעטאריאט מאכט דורך פאר אונזערע אויגן זיין קלאסן-אָרגאניזירונג.

די גרויס-אינדוסטריע האָט אָנגעזאמלט אין איין אָרט אַ מאסע מענטשן, וואָס קענען ניט איינע די אנדערע, — ארבעטער. אפן ערשטן קוק זעט עס אויס, אז זיי האָבן פארשיידענע אינטערעסן. זיי קאָנקורירן איינער מיטן אנדערן, כאפן אויס ארבעט איינער בא דעם אנדערן, שלאָגן אראָפּ דעם ארבעט-לוין. אָבער גאנץ גיך הויבן זיי אָן פארשטיין, אז אף אזא אופן שאָדן זיי זיך אליין. אויב צוויי ארבעטער יאָגן זיך נאָך איין קאפיטאליסט, ווערט דער ארבעט-לוין קלענער, און דאָס אייגענע פארקערט, — אויב צוויי אונטערנעמער יאָגן זיך נאָך איין ארבעטער, דאן ווערט דער ארבעט-לוין געהעכערט. אזוי טאַינען די ענגלישע ארבעטער. מע האָט געדארפט, הייסט עס, אָפּשאפן די קאָנקורענציע, דעם וועטלויף צווישן די ארבעטער, קעדיי בעסער איינייגעם צו קעמפן קעגן דעם קאַפּיטאַליסט. אָט דאָס ווילן די קאָאַליציעס און פּראָפּסאַרייַנען.

אַסאַך יאָרן זיינען דורכגעגאַנגען, ביז וואַנען די אַרבעטער זיינען געוואָרן אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט איינע פון די גרעסטע קאַטעגאָריעס מענטשן. די הערשאַפט פון קאַפּיטאַל, פון

דער בורזשואַזיע האָט פאַר אָט דער גאַנצער קאַטעגאָריע באַשאַפן איין לאַגע אין דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע און איינע אינטערעסן. לעגאַבע דער בורזשואַזיע איז די דאָזיקע קאַטעגאָריע מענטשן, אָט די מאַסע אַרבעטער געוואָרן שוין אַ *קלאַס*. די בורזשואַזע געלערנטע, וואָס האָבן געשטודירט די געזעצן ווי אַזוי עס גייט אָן די געזעלשאַפטלעכע ווירטשאַפט האָבן שוין דעמדאָזיקן פאַקט לאַנג פעסטגעשטעלט. אַנדערע בורזשואַזע שרייבער האָבן אָט די „אַרבעטנדיקע אָרימעלייט", ווי מע פלעגט די פריער רופן, אַפילו מעכאַבעד געווען מיטן נייעם נאָמען, וואָס זיי האָבן גענומען פון דער געשיכטע פון רוים. דער אַרבעטער-קלאַס איז אָבער פאַר זיך אַליין נאָך אַלץ ניט געווען קיין קלאַס. ער האָט נאָך ניט געהאַט דאָס באַוואוסטזיין, אַז ער איז אַ באַזונדער קלאַס, מיט באַזונדערע אינטערעסן, מיט באַזונדערע אויפגאַבן. נאָר אין דעם קאַמף, וואָס די שטאַפלען זיינע זיינען געווען שטרייקן, קאָאַליציעס, פּראָפּאַריינען, האָט ער זיך אויסגעאַרבעט אין אַ *קלאַס פאַר זיך*; ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די אינטערעסן, וואָס ער פאַרטיידיקט, זיינען קלאַסן-אינטערעסן, ער האָט די-דאָזיקע קלאַסן-אינטערעסן באַשטאַנען די אַזוינע, וואָס זיינען דער הייפעך פון די אינטערעסן פון די קאַפּיטאַליסטן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער קאַמף, וואָס ער פירט מיט די קאַפּיטאַליסטן, איז אַ *קלאַסנקאַמף*, און אַ קאַמף פון קלאַסן איז אַ פּאָליטישער קאַמף, אַ קאַמף פאַר אַ כיילעק אין דער מלוכע-מאַכט, און שפּעטער אויך אַ קאַמף פאַר באַהערשן די גאַנצע מלוכע-מאַכט.

אַזוי איז אין ענגלאַנד געוואָרן די ערשטע פּאָליטישע פאַרטיי פון דעם אַרבעטער-קלאַס, די פּאַרטיי פון די טשאַרטיסטן. דעמדאָזיקן נאָמען האָבן זיי געקראָגן איבער זייער פּראָגראַם, אַ כאַרטע (אַף ענגליש—טשאַרטער), וואו עס זיינען געווען אויסגעשטעלט די וויכטיקסטע פּאָליטישע פאָדערונגען פון די ענגלישע אַרבעטער: אַלגעמיינע וואַלרעכט, אַלע יאָר איבערקלייבן דעם פּאַרלאַמענט, געהאַלט די דעפּוטאַטן, געהיימע אָפּשטימונג א. אַז. וו.

די טשאַרטיסטן האָבן געפירט אַן אַקשאָנעסדיקן קאַמף עט־ לעכע יאָר נאָכאַנאַנד. אַזוי ווי די הערשנדיקע קלאַסן זיינען געווען צעטיילט אויף צוויי פּאַרטייען — ט אָ ר י ס, וואו עס זיינען געווען דעריקער ערד־אייגנטימער, לאַנדווירטשאַפטלעכע קאַפּיטאַליסטן, און וו י ג ס, וואו די הויפּטראָלע האָבן געשפּילט אינדוסטריעלע און געלט־קאַפּיטאַליסטן, האָבן די טשאַרטיסטן געזוכט אויסצונוצן זייערע סיכסוכים צווישן זיך. אַז צוויי גאַנאָווים שלאָגן זיך, — זאָגט אַן ענגליש גלייכוואָרט, — געווינט דער ערלעכער מאַן. אַזוי פלעגן די טשאַרטיסטן אויפדעקן די קאַוואָנעס סאַי פון די ט אָ ־ ר י ס, וואָס זיינען געווען גרייט צו רייסן פון דער באַפעלקערונג די גרעסטע מעקאָכים פאַר ברויט, סאַי פון די וו י ג ס, וואָס האָבן מאַסקים געווען אויף מעסיקע גרענעץ־טאַריפן. אָבער ניט ווייניקער שאַרף האָבן זיי קריטיקירט אויך אַזעלכע ראַדיקאַלע פאָרשטייער פון דער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע, ווי די פאַבריקאַנטן קאָבדען און בראַיט, וואָס האָבן אָנגעפירט די „ליגע קעגן די ברויט־געזעצן" און פלעגן איינטאַיינען מיט די אַרבעטער, אַז אַלע צאָרעס נעמען זיך פון די צו הויכע גרענעץ־טאַריפן אויף ברויט. אָט דעם קאַמף צווישן פאַרשיידענע שיכטן פון דער בורזשואַזיע האָבן אויסגע־ נוצט די טשאַרטיסטן, קעדיי צו דערשלאָגן זיך, אַז די אַרבעט־ צייט אין דער גאַנצער טעקסטיל־אינדוסטריע זאָל פאַרקירצט ווערן ביז צען שאָ. דאָס איז געווען דער צ ע נ ש אָ ע ו ק ע ר ב י ל, ד. ה. דאָס געזעץ וועגן אַ צענשאָעיקן אַרבעטס־טאָג, וואָס דער ענגלישער פּאַרלאַמענט האָט אָנגענומען דעם 8 יוני 1847 יאָר.

אין דעם קאַמף פאַר די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער־ קלאַס האָבן די טשאַרטיסטן געזוכט צו אייגענען זיך די אַלע גע־ ניטקייטן און מעטאָדן, וואָס די פאַרשיידענע שיכטן פון דער בור־ זשואַזיע האָבן אויסגעאַרבעט פאַר דער לאַנגער צייט פון זייער פּאָליטישער הערשאַפט. אַגיטאַציע מיט דער הילף פון פאַרזאַמ־ לונגען, דעמאָנסטראַציעס, מיטינגען, פאַרשפּרייטן אויפרופן, פּראָ־ קלאַמאַציעס, בלעטלעך, — דאָס אַלץ האָבן שוין די פאַרשיידענע

בורזשואזע פּאַרטייען געהאַט פּראַקטיקירט איינע אנטקעגן די אנדערע.

פון אָנהויב איז דער פּראָלעטאַריאַט באַשטאַנען, אין גרעסטן טייל, פון אן אומגעהויערער מאַסע ניט-געלערנטע, אומגעבילדעטע מענטשן, וואָס זיינען געווען גאַנץ קנאַפּ געפּרואווט אין די אלע איידעלע גענג פון פּאָליטישן קאַמף. די אנטוויקלונג אָבער פון דער גרויס-אינדוסטריע האָט קעסיידער פאַראָרימט פילצאָליקע שיכטן פון די מיטלקלאַסן און האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין די רייען פון דעם פּראָלעטאַריאַט. אָט די נייע רעקרוטן האָבן מיט זיך געבראַכט א דערפאַרונג אין פּאַליטישן קאַמף, בילדונג און אויפקלערונג, אזוי אז זיי זיינען געווען א ד ע ר צ י ע ר י ש ע ר ע ל ע מ ע נ ט, לערערס בא דעם פּראלעטאריאט.

ווען די בורזשואזיע האָט זיך ענדגילטיק אויסגעפאַרמירט ווי א קלאס און האט שאַרף אוועקגעשטעלט די פּראגע וועגן אויסקעמפן די פּאליטישע מאכט, דאַן האָט צווישן א טייל פון דעם אדל, דערהויפּט צווישן די, וואס האבן זיך אפּגעגעבן מיט שטודירן די וויסנשאפטן, אנגעהויבן וואקסן די איבערצייגונג, אַז די אלטע ארדענונג האט שוין מער קיין שום זינען ניט, אז זי האט שוין איר צייט אָפּגעלעבט. אט די אדעליקע א י ד ע א ל א ג ן, ד. ה. מענטשן, וואס האבן אויסגעארבעט די וועלטאנשויאונג פון זייער קלאס, זיין א י ד ע א ל א ג י ע, און האָבן העכער פון זייערע מאטעריעלע אינטערעסן געשטעלט די אינטערעסן פון דער א י ד י י ע, די פאַרווירקלעכונג פון זייערע געזעלשאפטלעכע א י ד ע א ל ן, זיינען דאַן אריבער אפן צאַד פון דער בורזשואזיע און האבן איניינעם מיט איר געקעמפט קעגן דער אלטער ארדענונג. אזאַ מין דערשיינונג זעען מיר איצטער אויך. אַ טייל, עמעס, א גאנץ קנאַפּער טייל פון דער בורזשואזיע, דעהאינע, בורזשואַ-א י ד ע אָ ל אָ ג ן, אדער, ווי מע רופט עס איצטער, א י נ ט ע ל י-ג ע נ צ י ע, וואָס לויט זייער בילדונג נאך וואלטן זיי זיך גאנץ גוט געקענט איינאָרדענען אין דינסט בא דער בורזשואזיע, גייען

אַריבער אַפן צאַד פון דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָרום זיי האָבן זיך איבערגעצייגט, אַז נאָר דער פּראָלעטאַריאַט קען מאַכן אַ סאָף צו אַלע מינים אונטערדריקונג און קלאַסן-הערשאַפט.

פאַרשטייט זיך, ניט דער פּראָלעטאַריאַט אַליין לײַדט באַ דער הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע. אַכוץ אים, זיינען פאַראַן נאָך אַנדערע קלאַסן, וואָס האָבן אויסצושטיין פון דעם יאָך פון די קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן. ווי מיר האָבן געזען, אין די האַנדל-אינדוסטריעלע קריזיסן, וואָס זיינען ענג פאַרבונדן מיטן קאַפּיטאַליזם, טוען אַן די שרעקלעכסטע פאַרוויסטענישן גראָד צווישן די מיטלשיכטן פון דער בורזשואַזיע, צווישן באַל-מעלאָכעס, קרעמער, פּויערים. די אַלע קלאַסן אָבער האַלטן זיך שטאַרק איינגעקלאַמערט אָן פּריוואַט-אייגנטום. זיי וואָלטן וועלן אַ רייניק טאָן, אויסבעסערן, פאַריכטן די בורזשואַזע געזעלשאַפט אָבער בעשום אויפן ניט אַנרירן אירע יעסוידעס. און אפט זיי-נען זיי ניט ווייניקער אַכזאָריעסדיקע קעגנער פון דעם פּראָלע-טאַריאַט, ווי דער גרויסבורזשואַ. דעריבער זיינען זיי ניט רעוואָלוציאָנער, און פאַר אַן איבערקערעניש, אַ רעוואָלוציע ציטערן זיי ווי פאַר פייער. פאַרקערט, ניט צעשטערן, נאָר קאָנסערווירן, אויפהיטן די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג ווילן זיי. אַנדערע פון זיי, דערהויפּט מאַיסטערס, באַלמעלאָכעס, פּויערים-באַלעגופים, זיינען נאָך מער ווי קאָנסערוואַטיוו. זיי וואָלטן וועלן אַ קער אָפּ צוריק, צום אַלטן. זיי זיינען דעריבער רעאַקציאָנערן, אַנהענגער פון רעאַקציע.

אָבער צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט גופע איז דאָ אַ שיכט, וואָס שטערט אים אין קאַמף ניט ווייניקער, איידער די פריער אַנגעוויזענע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. דאָס איז דער לומפּן-פּראָלעטאַריאַט. דאָס זיינען מענטשן, וואָס זיינען שוין גאָר געפאַלן, ווי די באַוואוינער פון כיטראָווקע אין מאָסקווע אָדער די „באָרוועסע קאָמאַנדע" אין די דאָרעם-שטעט. אַפילע דער ני-דעריקסטער שיכט אין דער רעזערוו-אַרמיי פון אַרבעטער, וואָס

מיט איין פוס שטייט ער שוין אפן ראַנד פון טהאָם פון בעטלעריי
ציט זיך נאך דאך צ׳ ארבעט, צו באַטייליקן זיך אין דער גע-
זעלשאפטלעכער פראדוקציע. די לומפן-פראָלעטאריער אָבער האָבן
זיך לעגאמרע אָפּגעשלאָגן פון עפּעס אן ארבעט, זיי קלייבן שוין
ניט איבער: גנייווע—איז רעכט גנייווע, גזיילע—איז רעכט גזיילע;
זיי זיינען דערייבער שטענדיק גרייט ארייַנצוטרעטן אין די רייען
פון א שווארצער מייע, פון די ערגסטע רעאקציאנערן, פאשיסטן.
צווישן זיי, פונקט ווי צווישן די אפגעשטאנענע פויערים, געפינט
שטענדיק די בורזשואזיע רעקרוטן פאר דער ארמיי, וואָס זי האט נוי-
טיק אף ארויסצושטעלן קעגן די אויפגעשטאנענע פראָלעטאריער.
זיי זיינען אַ שווערע לאסט פאר יעדער רעוואלוציאנערער באַ-
וועגונג פון דעם ארבעטער-קלאס—אי פאר דער רעוואלוציע, אי
בעשאס דער רעוואלוציע.

אין דערזעלביקער צייט זיינען די אויפגאבן, וואס שטייען פארן
פראלעטאריאט, גאר באזונדער שווער. ווי ראדיקאל די בורזשואזע
רעוואלוציע איז ניט געווען, האט זי דאך ניט אנגערירט דעם
יעסאד פון אלע יעסוידעס—דאס פריוואט-אייגנטום אף די פרא-
דוציר-מיטלען. פארקערט, די פראָלעטארישע רעוואלוציע ווענדט
זיך קוידעמקאל קעגן דעם פריוואט-אייגנטום פון די קאפיטאליסטן.
דאסדאזיקע אייגנטום עקזיסטירט דאך גראד אדאנק דער עקספלו-
אטאַציע פון דעם ארבעטער-קלאס. אַזאַ קאפיטאל, וואָס זאָל אליין
פון זיך ארייַנטראגן האכנאסע, איז ניט פאראן. און אויב דער
פראָלעטאריאט וויל *פארניכטן* דידאזיקע *עקספלואטאציע*,
מוז ער פארניכטן אויך דעם קאפיטאליסטישן אויפן פון צואייגע-
נען גיטער. אנדערש איז, אויב ער וויל איר נאר אוועקשטעלן
געוויסע גרענעצן, ווי עס אייצענען אים פארשיידענע פשאָרעמא-
כערס, וואָס זיינען זיכער, אז דער קאַפּיטאַליזם וועט אייביק זיין.
קאָלזמאַן די אינדוסטריע גייט אין פולן גאנג, קאָלזמאַן עס איז
דאָ קאָלאָניעס, וואָס לאָזן זיך עקספלואטירן, ווארפט צו דער קא-
פּיטאַליסט פאַר די ארבעטער א ברעקל, ער גייט אפילע איין אף

א פאַרקירצונג פון דעם ארבעטסטאג. אָבער האָט זיך עפּעס ווידער פארהאקט, עס איז אויסגעבראָכן א קריזיס, אזוי הויבט ער שוין אן כניקען וועגן זיינע העזייקעס און הויבט אָן אַן אַנגריף קעגן די ארבעטער, קעדיי אפּצונעמען בא זיי דאס, וואס זיי האבן געהאט אויסגעקעמפּט. און וויפל דער פּראלעטאריאַט זאל זיך ניט וואקלען, וויפל מאל ער זאָל זיך ניט אפּשטעלן אין סאָפּעק צוליב דער גוואלדיקייט פון דער אויפגאַבע, וואס עס שטייט פאר אים, ווערט ער דאך סאָפּקאָלסאָף געצוואונגען צו מאכן זיין רעוואלוציע.

אפילו די בורזשואזיע, ווען זי האט אנגעהויבן די רעוואלוציע קעגן דעם אדל, איז געווען געצוואונגען צו רעכענען זיך דערמיט, וואס דער אדל פון די שכייניש לענדער וועט קומען צו הילף אירע סאנגים. און דער פראנצויזישער בורזשואזיע איז טאקע אויסגעקומען אויסצוהאלטן אן אנגריף מיצאד עסטרייך, פּרייסן, רוסלאנד, און דערנאך אויך מיצאד ענגלאנד. אין דערדאזיקער מילכאמע האָט זי גערופן צום געפיל פון ברידערלעכקייט און סאָלידארישקייט פון אלע אונטערגעדריקטע פעלקער, זי האט הויך פּראקלאמירט דעם לאָזונג: „מילכאָמע די פּאַלאַצן, שאָלעם די אָרימע הייזלעך“,—זי האט צוגעזאגט די פּויערים פון די שכייניש פעלקער צו באַפרייען זיי פונם יאָך פון לייב-אייגנטום, פון די קייטן פון פעאדאליזם.

די רעוואלוציע פון דעם פּראָלעטאריאַט איז געווענדעט קוידעמקאָל קעגן דער אייגענער בורזשואזיע, אין די גרענעצן פון דער אייגענער נאַציאנאלער מלוכע. אָבער נאָר אפן ערשטן קוק זעט דאָס אויס ווי א נאַציאנאלער קאַמף. אַפילע דאַן, ווען די רעוואלוציע קומט פאָר אין די גרענעצן פון איין מלוכע, פּראָקלאַמירט זי דער פּראלעטאריאַט פון אנהויב אן פאר א צווישנפעלקערלעכער, אינטערנאציאָנאַלער. ער קען זי ניט אפּלייגן און וואַרטן, ביז וואנען עס וועלן אנהויבן די פּראָלעטאריער פון אַלע לענדער. וויבאלד די אומשטאנדן זיינען אויס-

געקומען גראָד אזוי גינסטיק, אַז ער איז בעקויעך צו דערלאַנגען זיין בורזשואזיע א קלאפּ אַף צעשמעטערן זי, דארף ער אויסנוצן די געלעגנהייט. דער פּראָלעטאריאַט פון איטלעכער מעדינע דארף קוידעמקאל מאכן א סאָף צו זיין אייגענער בורזשואזיע.

עס טרעפן אזעלכע באדינגונגען, ווען א געזעלשאַפט, וואס איז געבויט אַף דער אונטערדריקונג פון איין קלאס דורך דעם אנדערן, קען זיך אפּלעבן אזוי הונדערטער און טויזנטער יאָרן. אין אזעלכע געזעלשאַפטן הערשט א פּאַרגליווערטקייט. אן אומגעהויערע מאסע ערדארבעטער באַפרידיקט זיך אליין אירע פּאַ־שטעטע באַדערפעניש אין שפּייז און קליידער. א טייל פון אירע אויסארבעטונגען גיט זי אָפּ די באַאַמטע, וועלכע זייגען צוגע־שיקט פון דעם קייסער, וואס אליין וואוינט ער ערגעץ ווייט אין דער הויפּשטאָט, ווי גאָט אַפן הימל. עס טרעפן יאָרן גוטע און שלעכטע, נאר אויב דער מושל און זיינע מעשארסים האלטן זיך אין דער מאס, דאַן זיצן זיך די פּויערימלעך—כינעזישע, יאפּאַנישע אדער אסט-אינדישע,—די רוסלענדישע זייגען פון זיי אויך ניט געווען אפּגעשטאַנען,—איז זיצן זיי זיך רואיק, דאנקען דעם אויבערשטן און לעבן זיך פון דאר צו דאָר, פּונקט אזוי ווי די אר־בעטער-מוראשקעס אין זייער קופּע, וואס האלטן אויך אויס זייערע יאַכסאָנים און מילימער.

בורזשואזיע געלערנטע האָבן אפּט געטרוימט וועגן דעם, ווי איינצוארדענען די בורזשואזע געזעלשאַפט אזוי גוט, אַז זי זאָל אויך דערגרייכן צו אזא „אומבאַוועגלעכן צושטאנד". די קאַ־פּיטאַליסטן זאָלן זיך אנפירן די פּראָדוקציע און קריגן רעווער, די ערד-אייגנטימער זאָלן לייגן אין די קעשענעס רענטע פון דער ערד, באנקירן זאָלן באקומען פּראָצענט, און די ארבעטער—זייער לוין, וואס זאל זיי זיין גענוג אַף עסן און דורכצולעבן זיך. אלץ וואלט זיך דאַן געווען רואיק און סטאטעטשנע, די ארבעטער וואָלטן ניט שטעלן קיין קלאָץ-קאַשעס „פון וואס ווער עס לעבט", און וואלטן געוואוסט נאר וואס זיי דארפן וויסן.

מיט רעספּעקט אונז לאָזן געניסן,
זיך פֿאַרטיפֿן אין קונסט און אין וויסן,
אין טרוימען און ליידנשאַפֿט פֿאַרבריינגען.

אָבער ניט ווי עס ווילט זיך, טוט זיך. די איינציקע יאָגעניש נאָך רעווער צווינגט די קאַפּיטאַליסטן אָראָפּצודריקן דעם אַרבעטלוין. וואָס העכער דער רעווער, אַלץ נידעריקער איז דער אַרבעטלוין, און פֿאַרקערט. איייניקע שיכטן אַרבעטער דערשלאָגן זיך אַמאָל צו בעסערע באַדינגונגען, אָבער שטענדיק אָפּן געשבן פֿון די ווייניקער מאָולדיקע כאַווירים. עס וואַקסט די אַרבעטלאָזיקייט, אָרימקייט, שטאַרבלעכקייט, קראַנקייטן. דער אַרבעטער-קלאַס הייבט זיך אָן צו רודערן, צאָרענען, בונטעווען זיך. צעניפֿגעזאַמלט דורך דער גרויס-אינדוסטריע אין אומגעהויערע מאַסן, דערפֿילט ער זיין קראַפֿט. די בורזשואַזיע, וועלכע איז ניט בעקויעך צו שאַפֿן פֿאַר די אַרבעטער אַפֿילע אַזעלכע באַדינגונגען, אַז זיי זאָלן זיך כאָטש קענען דורכלעבן אָן דאַכקעס, איז וואַרפֿט זי זיך אַף אַלע זייטן, ווי דער טייוול, אַז ער דערשמעקט ווייַרעך: אָט האָגלט זי אַף די אַרבעטער שווערדן און בייטשן, און אָט שטרעקט זי אויס די מער געהאָרזאַמע פֿון זיי אַ „לעקעכל". דאָס העלפֿט אָבער ניט. אַלץ געפֿערלעכער און דראָענדיקער וואַקסט אויס פֿאַר איר דער אַרבעטער-קלאַס. אַלץ שטייפֿער ווערן זיינע רייען, אַלץ קלאָרער און פֿולער אַנטוויקלט זיך זיין קלאַסנבאַוואוסטזיין. עס דערנענטערט זיך די שאָ, ווען דער קאַפּיטאַליסט, וואָס האָט עקספּלואַטירט די אַרבעטער-און האָט אָפּגענומען, עקספּראָפּריִרט, דאָס אייגנטום פֿון די קליינע פּראָדוצירער, וועט אַליין מוזן עקספּראָפּריִרט ווערן, פֿאַרלירן זיין אייגנטום.

דידאָזיקע עקספּראָפּריאַציע איז פּונקט אַזוי אומפֿאַרמיידלעך, ווי די עקספּראָפּריאַציע פֿון די קליינע פּראָדוצירער, ווי די עקספּראָפּריאַציע פֿון די קליינע קאַפּיטאַליסטן דורך די גרויסע.

איין קאַפּיטאַליסט איז גוויווער פֿילע. האָנט באַ האָנט מיט

אָט דער קאָנצענטרירונג פון קאַפּיטאַלן אין די הענט פון אַ קליינער
צאָל גרויסע קאַפּיטאַליסטן אנטוויקלט זיך די געזעלשאַפטלעכע
אָדער קאָאָפּעראַטיווע פאָרם פון ארבעט, עס אַנטוויקלט זיך אַלץ
מער די אָנווענדונג פון וויסנשאַפט אין דער פּראָדוקציע, אַ פּלאַנ-
מעסיקע באַאַרבעטונג פון דער ערד, עס ווערן געשאַפן געוואַל-
דיקע מאַשינעס און מאָטאָרן, וואָסערע עס איז מעגלעך אויסצו-
נוצן נאָר געמיינשאַפטלעך. אַלע פעלקער ווערן אַריינגעצויגן אין
דער נעץ פון דעם אַלוועלטלעכן מאַרק, עס אַנטוויקלט זיך דער
א י נ ט ע ר נ א צ י אָ נ אַ ל ע ר, צווישנפעלקערלעכער כאַראַקטער פון
דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. אינאיינעם מיטן וואוקס פון רייכ-
קייט באַ אָט דעם קליינעם הייפל אינדוסטריע-גענעראַלן, וואס
פאַרכאַפּן פאר זיך דעם גאַנצן נוצן פון אָט דער אַנטוויקלונג פון
די פּראָדוציר-קויכעס, וואַקסט די מאַסע פון אָרימקייט, אונטער-
דריקונג, אונטעריאָכונג, דעגענעראַציע און עקספּלואַטאַציע פון דעם
אַרבעטער-קלאַס. אָבער אינאיינעם דערמיט וואַקסט אויך זיין צאָרן.
די רייען פון דעם ארבעטער-קלאס ווערן גרעסער, דער גאַנצער
סיידער, דער גאַנצער מעכאַניזם פון דעם קאפּיטאליסטישן אויפן
פון פּראָדוקציע דערציט אים, פאַראייניקט און אָרגאַניזירט אים.

די אויסשליסלעכע הערשאַפט פון קאַפּיטאַל, זיין מ אָ נ אָ-
פּ אָ ל י ע ווערט פאַרוואַנדלט אין קייטן פאר דעמזעלביקן אויפן
פון פּראָדוקציע, וואס האט זיך גראָד אַדאַנק אָט דער הערשאַפט,
אָט דער מאָנאָפּאָליע אַזוי צעבליט; די קאָנצענטרירונג, די צענ-
טראַליזירונג פון די פּראָדוציר-מיטלען און די פ א ר ג ע ז ע ל ש א פ ט-
ל ע כ ו נ ג פון ארבעט דערגרייכט צו אַזאַ הויך, אז זיי קענען
זיך שוין ניט אַריינפּאַסן מער אין דיים קאַפּיטאַליסטישן מאַנטל,
און ער מוז פּלאַצן. עס שלאָגט די לעצטע שאָ פאר דעם קאַפּי-
טאַליסטישן פּריוואַט-אייגנטום. מע עקספּראָפּריאירט די עקספּראָ-
פּריאַטאָרס.

מיט דער באַפרייאונג פון דעם אַרבעטער-קלאס מיינט מען
שוין בעמיילע אומבאדינגט די באַשאַפונג פון אַ נייער געזעל-

שאפט. די מעגלעכקייט פון דערדאָזיקער באפרייאונג קומט ערשט אַף אזא שטאפל פון אנטוויקלונג, ווען די פונדאַסנייע אנטוויקלטע פראָדוציר-קויכעס און די פאראנענע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס קענען שוין מער צוזאמען ניט איינלעבן זיך. פון אלע פראָדוציר-געצייג פארמאָגט דער רעוואָלוציאָנערער קלאס גופא די גרעסטע פראָדוציר-קראפט. אָט דער קלאס איז איצטער דער פראָלעטאריאט. זיין זיג און די מאפּאָלע פון דער בורזשואזיע זיינען גלייך אומפארמיידלעך.

די בורזשואזיע גראָבט זיך אליין א קייווער און ברענגט אליין ארויס אירע באגרעבער. עס בלייבט נאָר וואָס שנעלער אראָפּצושטויסן זי אין גרוב אריין. דאָס דארף אויפטאָן די סאָציאלע רעוואָלוציע. דאָס איז די ארבעט פון דעם פראָלעטאריאט, אָרגאניזירט אין דער קאָמוניסטישער פארטיי.

דער פּאָלגנדיקער קאפּיטל באווייזט, וואָס זיינען די צילן און די אויפגאבן פון די קאָמוניסטן.

## צווייטער קאַפּיטל.

די ארבעטער-באוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן אנטוויקלען נאָך איידער עס האָבן זיך באוויזן קאָמוניסטן. נאָכמער. איידער עס זיינען אָרגאניזירט געוואָרן די ערשטע גרופּעס קאָמוניסטן, זיינען שוין געווען גרויסע ארבעטער-אָרגאניזאציעס. ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן דער „פאַרבאנד פון קאָמוניסטן", איז שוין אין ענגלאנד געווען א גרויסע ארבעטער-פּארטיי, די טשארטיסטן.

ס'פארשטייט זיך, אז דער נייער „פארבאנד פון קאָמוניסטן" האָט געדארפט דערקלערן, ווי אזוי פארהאלטן זיך די קאָמוניסטן צו פּראָלעטאריער ביכלאל און צו די ארבעטער-פּאַרטייען ביפראט. מע דארף נאָר געדענקען, אז דאָ האנדלט זיך וועגן דער לאגע, ווי זי איז געווען פאר דער רעוואָלוציע פון 1848 יאָר. קעדיי בעסער פאנאנדערצוקלייבן זיך אין דעם איניען, דארף מען זיך פאָרשטעלן, אז דער „פארבאנד פון קאָמוניסטן" האָט דאן געוואָלט שפּילן פונקט אזא ראָלע, ווי אין אונזער צייט דער קאָמינטערן אָדער דער קאָמוניסטישער אינטערנאציאָנאל.

ער האָט אויך ניט קיין שום אינטערעסן, וואָס זאָלן ניט שטימען מיט די אינטערעסן פון דעם גאנצן פּראָלעטאריאט. פאַרקערט, זיין אויפגאבע איז צו פארטיידיקן די אלגעמיינע אינטערעסן פון דעם גאנצן פּראָלעטאריאט, וואָס זיינען אלצאיינע פאר אלע פעלקער, פאר אלע נאציעס. ער קוקט זיך צו אויפמערק-

די בורזשואזיע האָט זיך אָרגאניזירט אין א קלאַס, דער פּראָלעטאריאט ארגאניזירט זיך אויך אין א קלאס; די בור-זשואזיע האָט אראָפּגעווארפן דעם אַדל, האָט אָפּגעשאפט דעם פעאדאליזם און האָט אף זיין אָרט אוועקגעשטעלט דעם קאפּיטאליזם, דער פּראָלעטאריאט וויל אראָפּווארפן די בורזשואזיע, אָפּשאפן דעם קאפּיטאליזם און אף זיין אָרט אוועקשטעלן דעם קאָמוניזם. דער פּילעק איז נאַר אין דעם הויפּטציל. אין וואָס זשע באשטייט ער?

די קאָמוניסטן באשולדיקט מען, אז זיי ווילן אָפּשאפן אייגנ-טום. אזא באשולדיקונג שרעקט אפילו ניט אָפּ די קאָמוניסטן, [illegible] זיי ענטפערן, אז ניט דאָס איז דער איקער. דער אָדל [illegible] באשולדיקן די בורזשואזיע, אז זי וויל אָפּשאפן דאָס [illegible] אייגנטום.

[illegible] עמעס, — פלעגן מיט צאָרן ענטפערן די בורזשוא, — [illegible] האָבן נאָר געוואָלט אָפּשאפן דאס פעאָדאלע אייגנטום, דאָס רעכט פון דעם גוט-אייגנטימער צו באנוצן זיך מיט דער אומזיס-טער ארבעט פון די פּויערים, זיין רעכט ארויפצולייגן אף זיי שטייערן. איטלעכער האט א רעכט אף דעם, וואס ער אליין האָט פּראָדוצירט". און [illegible], די גרויסע פראנצויזישע רעוואָלוציע האָט אָפּגעשאפט נאר דאס פעאָדאלע אייגנטום. פארקערט, ערשט נאָכדעם האָט זיך אפן שענסטן אויפן צעבליט דאָס בור-זשואזע אייגנטום. די פרייהייט פון מעקען-אומעמקער.

אייך די קאָמוניסטן ווילן אָפּשאַפן ניט אייגנטום סטאַם, נאָר דאס פּריוואטע אייגנטום. אזא מין אייגנטום, וואס גיט א מעג-לעכקייט דעם אייגנטימער צו עקספּלואַטירן אַנדערע מענטשן און [illegible] זיך אף זייער כעשבן.

עס איז געווען איבערקואם א קוק צו טאָן אף דעם, וואָס [illegible] אין דער בורזשואזער געזעלשאפט, קעדיי טייקעף [illegible], אז די גאנצע אַנטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאליזם [illegible], אז איטלעכע מינוט ווערט אָפּגעשאפט איטלעך [illegible] אייגנטום, אויב דאָס געהערט נאָר צום קליינעם

וואס צו דער ארבעטער-באוועגונג איין פארשיידענע לענדער און צום קאמף פון דעם ארבעטער-קלאס קעגן דער בורזשואזיע; ער סטארעט זיך ריכטיק אפצושאצן די אלע באזונדערע איינצלנע ארויסטרעטונגען און רוקט ארויס אפן ערשטן ארט די אלגעמיינע אינטערעסן פון דער ארבעטער-באוועגונג אינגאנצן.

אין די אלטע צייטן פלעגן צום אונטערגעדריקטן פאלק קומען נעוויאים-אויסלייזער, וואס פלעגן אים פריידיקן נייע געבאטן, נייע אידייען און פרינציפן, ערשט אנטדעקט דורך זיי. זיי פלעגן פאר-זיכערן, אז אויב די מענטשן וועלן נאר באנעמען אט די נייע אי-דייען, וועט די מענטשהייט אויסגעלייזט ווערן פון קאמף, צארעס און ליידן. אזוינע באל-מאפסים, העלדן באווייזן זיך אויך צווישן דעם ארבעטער-קלאס. זיי האבן זייער אייגענע סיסטעם, אן איי-גענעם פלאן, וואס איז אלעמאל דער זיכערסטער, דער ריכטיק-סטער. עס איז געננוג נאר אנצונעמען אים, וועט דער ארבעטער-קלאס פאטער ווערן פון דעם לאנגען קאמף, פון אזא דויערנדיקער און נודנער ארבעט, ווי ארגאניזירן דעם פראלעטאריאט אין א קלאס.

די מאלע פון די קאמוניסטן באשטייט נאר אין דעם, וואס זיי פארשטייען, איבער וואסערע באדינגונגען עס קומט אויף און עס אנטוויקלט זיך די ארבעטער-באוועגונג און צו וואס זי דארף פירן, אלציינס צי די, וואס באטייליקן זיך אין איר, ווילן דאס יא אדער ניט. קאמוניזם איז אייגנטלעך ניט מער, ווי די לערע וועגן די באדינגונגען פון דער באפרייאונג פונם פראלעטאריאט. דירא-זיקע באדינגונגען באשטימען עס די צילן פון די קאמוניסטן; מע מוז ארגאניזירן דעם פראלעטאריאט, ווי א באזונדער קלאס, מע מוז אראפווארפן די הערשאפט פון דער בורזשואזיע און דעראבערן די פאליטישע מאכט. דאס אלץ לערנט אונז די געשיכטע פון דעם קאמף פון קלאסן, די געשיכטע פון דער בורזשואזיע גופע. מע דארף נאר ניט צומאכן די אויגן אף דערווירקלעכקייט, מע דארף נאר אויפמערקזאם באאבאכטן דעם קאמף פון די קלאסן, וואס קומט פאר פאר אונז.

מענטשל. דער גרויסער בורזשואַ שטעלט בעדאַלעס די קליינע, דער גרויסער סוחר שלאָגט אַראָפּ פֿון מאַרק די קליינע; פּויערים, באַלמעלאָכעס ווערן פֿאַראָרימט און פֿאַרגרעסערן מיט זיך די צאָל פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט.

דער פּויער, וואָס באַאַרבעט זיין פּיצל ערד מיט די אייגענע הענט, וואָס באַגיסט זי מיט זיין שווייס, און דער פּאָריץ, וואָס פֿאַרמאָגט טויזנטער דעסיאַטינעס, וואָס באַאַרבעט זיין ערד מיט די הענט פֿון געדונגענע אַרבעטער, און אין זיין גוט שמעקט ער אַפֿילע ניט אַריין אַמאָל יאָרנלאַנג, — זייביידע הייסן אַפֿן בורזשואַזן לאָשן אייגנטימער! דער וועבער, וואָס אַרבעט אויס אַף זיין וועבשטול געבלומטע מאַטעריע, און דער גרויסער טעקסטיל-פֿאַבריקאַנט, בא וועמען עס הודשען טויזנטער וועבשטולן אַף דער פֿאַבריק און עס אַרבעטן טויזנטער אַרבעטער, — זיי ביידע הייסן אַפֿן בורזשואַזן לאָשן אייגנטימער!

עס איז אָבער פֿאַראַן זייער און זייער אַ גרויסער כילעק צווישן דידאָזיקע אייגנטימערס און זייערע אייגנטומס. דער ערשטער פֿון זיי — נאַטירלעך, קאַלוּמאַן ער האָט זיך ניט פֿאַרשאַפֿט קיין באַטראַקעס אָדער געזעלן — אַרבעט אַליין, עקספּלואַטירט נאָר זיך אַליין, אַרבעט אַף זיך. דער צווייטער — באַנוצט זיך דורכויס מיט פֿרעמדער אַרבעט, אַליין מעג ער אַפֿילע אַ פֿינגער אָן אַ פֿינגער ניט אַ קלאַפּ טאָן און אָנשטעלן אַ געדונגענעם דירעקטאָר אָנשטאָט זיך, און דאָך וועט אין זיין קאַסע אַריינפֿליסן רעווח. דאָס ערשטע אייגנטום — איז אַן אייגנטום אַ פּערזענלעך, אַן אינדיווידועל, דאָס צווייטע — אַ פּריוואַט, אַ קאַפּיטאַליסטיש אייגנטום.

דער פּראָלעטאַריער האָט אויך אַן אייגנטום. זיינע הענט, זיינע פּיס, מאַרך, נערוון, — מיט איין וואָרט, זיין אַרבעט-קראַפֿט. ער פֿאַרקויפֿט זי, אָבער די מעכאַניק פֿון דעם קאַפּיטאַליזם איז אַזוי קלוג איינגעאָרדנט, אַז מיט זיין אַרבעט שאַפֿט ער שטענדיק אייגנטום פֿאַר דעם אַנדערן. עס איז נאָך גוט, אויב

נאך דעם ארבעטסטאָג בלייבט זיין אייגנס, זיין ארבעטס-קראפט ווי פריער. עס פלעגט אבער אמאל טרעפן און עס טרעפט אויך איצ-טער ניט אזוי. אויב די שקלאַפן-אייגנטימער פלעגן זיך קליגן אויסצוזויגן פון דעם נעגער אלע זיינע קויכעס אין דריי יאָר, איז די ענגלישע קאפיטאליסטן אין דער ערשטער העלפט 19-טן יאָרהונדערט פלעגן זיך אן אייצע געבן צו מאכן דעם פרייען ענג-לענדער פאר א אינוואַליד אין וואָסערע נייען יאָר. דורכשניט-לעך, דארף דער ארבעטער זיין צופרידן, אויב זיין לוין סטאיעט אים אַף אויפצוהאלטן דאס לעבן.

די קאָמוניסטן האבן גארנישט קעגן דעם פערזענלעכן אייגנטום פון אַרבעטער, פויערים, באַלמעלאָכעס, ווארום דאס איז אַזאַ מין אייגנטום, וואס לאזט ניט איבער קיין ריינע האכנאָסע, וואס זאל געבן מאכט איבער פרעמדער אַרבעט. זיי ווילן אָפ-שאפן נאר דאס קאַפּיטאַליסטישע אייגנטום, נאר אזא פרי-וואַט-אייגנטום, וואס גיט א מעגלעכקייט צו לעבן און אָנצולעבן זיך פון פרעמדער אַרבעט.

די ווייטערדיקע ציפערן וועלן אונז באווייזן, ווי אזוי דאָס אייגנטום איז פארטיילט אין א קאפיטאליסטישער מעדינע. מיר נעמען ענגלאנד, וואו עס איז שוין פון לאנג פאַראַן א האַכנאָסע-שטייער אין דעריבער קען מען וויסן, ווער וויפל עס קריגט האכ-נאסע. די ציפערן זיינען שאיעך צום יאָר 1913, ד. ה. צו אַ צייט פין פאר דער מילכאמע.

אין ענגלאנד איז דאן געווען 40 מיליאָן איינוואוינער. פון זיי האבן נאר 20.100.000 געהאט א זעלבשטענדיקע האכנאסע. ייאָב זיי זיינען מעכויעוו אָנצואווייזן, קעדיי מע זאל קענען פעסטשטעלן, צי מע דארף זיי באַשטייערן צי ניט. פאר האכנאָ-סע ווינציקער פון 100 פונט סטערלינג אָדער פון 1000 פאר-מילכאָמע-רובל (א פונט סטערלינג איז ווערט 10 פארמילכאָמע-רובל) האט מען דאַן קיין שטייערן ניט געדארפט צאָלן. איז וואָס זשע ווייזט זיך ארויס?

די האַכנאָסע פון דער גאַנצער באַפעלקערונג האָט אָנגעטראָפן 2.150.000.000 פונט סטערלינג. פון דעם איז אַפן כיילעק פון 1.100.000, וואָס האָבן געהאַט האַכנאָסעס מער פון 100 פונט סט., אויסגעקומען 1.025.000.000, אַפן כיילעק פון 15.000.000 אַרבעטער נאָר 775.000.000, און אַפן כיילעק פון 4.000.000 מענטשן פון פאַרשיידענע פּראָפעסיעס (אָנגעשטעלטע, קרעמער, לערער, קליינע אַרענדאַטאָרן, באַאַמטע, און אַז. וו.) איז אויסגעקומען 350.000.000. אַף אַזאַ אופן האָבן די אַרבעטער, וואָס אײנע מיט זייערע פאַמיליעס טרעפן זיי אָן 2/3 פון דער באַפעלקערונג, געקראָגן אינגאַנצן 1/3 פון דער נאַציאָנאַלער האַכנאָסע. די צאָלער פון האַכנאָסע=שטייער, וואָס האָבן אײנעם מיט זייערע געזינדן אויסגעמאַכט וואָסערע 5.000.000 נעפאָשעס, האָבן געקראָגן קימאַט אַ העלפט פון דער גאַנצער נאַציאָנאַלער האַכנאָסע. נאָר אפילע צווישן די פאָלט אויס דער פעטסטער כיילעק אַף אַ גאַנץ קליינעם הייפל מענטשן. מע רעכנט, אַז 120.000 מענטשן, וואָס אײנעם מיט זייערע געזינדן טרעפן זיי אָן ניט מער ווי 1/17 פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, האָבן זייער אייגנס 2/3 פון דער גאַנצער נאַציאָנאַלער האַכנאָסע אין ענגלאַנד. ווען מע זאָל נעמען די ציפערן וועגן דער פאַרטיילונג פון ערד=אייגנטום, ווייזט זיך אַרויס, אַז 2.500 מענטשן געהערט אַ העלפט פון דער גאַנצער ערד אין ענגלאַנד.

און די בורזשואזיע מיט אירע נאָכשלעפּער ווילן איינשמועסן, אַז אויב די קאָמוניסטן ווילן אָפּשאַפן דאָס בורזשואזע אייגנטום, הייסט עס אָפּשאַפן דאָס אייגנטום פון דעם גאַנצן פאָלק. און דאָס אַלץ נאָך דעם, ווי זיי האָבן אַזוי אומפאַרשעמט באַרויבט און אָפּגענומען דאָס אייגנטום בײַ מיליאָנען פּויערים און באַלמעלאָכעס.

אָט פאַרוואָס בײַ דער בורזשואַזיע קומט עס אויס גאַנץ נאָרמאַל, אַז דאָס אַנטיקע אייגנטום, ד. ה. דאָס אייגנטום, וואָס איז געווען געבויט אַף דער אַרבעט פון שקלאַפעריי, אָדער

דאָס פּעאָדאַלע אייגנטום, וואָס איז געווען געבויט אַף דער אַרבעט פון לייבקנעכט, האָט מען געמעגט אָפּשאַפן, און ווי נאָר מע הויבט אָן ריידן וועגן אָפּשאַפן דאָס בורזשואַזע אייגנטום, וואָס איז געבויט אַף דער עקספּלואַטאַציע פון געדונגענער אַרבעט, אַזוי גייט זי ארויס פון די קיילים און פּאַלט אַריין אין גרימצאָרן.

און די אַנטיקע און פּעאָדאַלע אייגנטימער האָבן דאָך אויך געטאַינעט, אַז זייער אייגנטום עקזיסטירט פון אייביק אָן און עס קען ניט געבן קיין גרעסערער פאַרברעך און קיין גרעסערער בילעלאַשעם, ווי אָנצורירן זייער אייגנטום. און פונדעסטוועגן האָט מען זיך יאָ דערוועגט דאָס צו טאָן, און פונדעסטוועגן האָט די בורזשואַזיע יאָ ארויסגעלייגט אַ האַנט אַפן פּעאָדאַלן אייגנטום.

פונקט אַזוי ווי אין די אַמאָליקע צייטן פלעגן די שקלאַפן-אייגנטימער און לייב-אייגנטימער טאַינען, אַז אָן שקלאַפעריי און לייב-קנעכטשאַפט וועלן מענטשן אָנהויבן פוילן זיך, אַזוי טאַינעט איצטער די בורזשואַזיע, אַז ווען מע וועט אָפּשאַפן דאָס בורזשואַזע אייגנטום, וועלן אַלע ווערן ליידיקגייער.

מיר האָבן ערשט געזעען, ווי אַזוי דאַסדאָזיקע בורזשואַזע אייגנטום איז פאַרטיילט אין ענגלאַנד. ניט געקוקט דערויף, וואָס אַ גוואַלדיקע מאַסע פון דער באַפעלקערונג האָט נאָר קוים אַף דורכצולעבן זיך אַ טאָג, דאָך אַרבעטן די מענטשן. מע וועט זאָגן, אַז זיי אַרבעטן, ווייל זיי זיינען געצוואונגען צו אַרבעטן. אָבער פאַרוואָס זיינען זיי געצוואונגען? דערפאַר, וואָס זיי האָבן ניט אַזאַ אייגנטום, וואָס זאָל זיי געבן די מעגלעכקייט צו לעבן פון פרעמדער אַרבעט. הייסט עס, דאָס, וואָס מע האָט ניט קיין אייגנטום, באַווייזט נאָך ניט, אַז מע האָט ניט קיין חשק צו אַרבעטן.

די בורזשואַזיע טאַינעט דאָ איבער דאָס אַלטע לידל פון די שקלאַפן-טרייבער און לייב-אייגנטימער, פון וואָסערע זי פלעגט

אַזוי גיכטיק אָפּלאַכן און דערוויַיזן זיי, אַז גראָד דאָס פּעדאַלע אייגנטום מאַכט זיי פאַר אומזיסט־פּרעסער.

עמעס, בעשאַס מ'האָט אָפּגעשאַפט שקלאַפערײַ און לײַב-קנעכטשאַפט, פלעגן די שקלאַפן און לײַב-קנעכט די ערשטע צײַט פאַרקלענערן די אינטענסיווקייט אָדער די אָנגעשטרענגט־קייט פון זייער אַרבעט, אָבער אין עטלעכע יאָר אַרום פלעגט אָט דאָס צײַטווײַליקע ניט־דעראַרבעטן פאַרשווינדן, אויב עס איז נאָר געווען גענוג רוי-מאַטעריאַל און פּראָדוציר-געצייג. אַ געזונטער מענטש נויטיקט זיך אין אַרבעט ניט ווייניקער, ווי אין לופט צו עטעמען.

מיר וועלן זיך ניט אָפּשטעלן אויספירלעך אויף די איבעריקע באַשולדיקונגען פון דער בורזשואַזיע קעגן די קאָמוניסטן. יעדער אַרבעטער ווייס גאַנץ גוט, ווי דער בורזשוא האַלט פון דער „הייליקייט" פון פאַמיליע. אַכוץ דער „געזעצלעכער" ווײַב נאָך אַ קעפּסווייב און צופעליקע „שטיפערײַען", די גרייטקייט צו פאַרקויפן די אייגענע טאָכטער, ווי עפּעס אַ סכוירע, אויב מע קען זי נאָר גוט אײַנאָרדענען — דאָס זײַנען די „זײַלן" אויף וואָסערע עס האַלט זיך די פאַמיליע, וואָס די בורזשואַ פאַרטיידיקן. זיי קוקן גאַנץ רואיק אויף דער פּראָסטיטוציע, וואָס שלינגט אײַן פרויען פון דער אָרעמקייט, וואָרום זיי פאַרשטייען זייער גוט, אַז זייערע טעכטער וואָלטן ניט קענען בלײַבן קיין „דיינע טויבן" ווען פאַר זייערע באַנימלעך וואָלטן ניט געווען גרייט קיין שאַנדהייזער, וואו אויסצובערענגען דעם „ברען" פון זייערע טאַיוועס.

דאָס פאַמיליען-לעבן פון די אַרבעטער לײַדט שוין פון די שרעקלעכע וואוינונג-באַדינגונגען, אין וואָסערע עס קומט זיי אויס צו לעבן. אָבער אַפילו ווען די דירע איז נאָך צו דערלײַדן, קען זיך שאַפן פאַר דעם אַרבעטער אַ רואיקע היים נאָר דאַן, ווען סאַיידן די פרוי זײַנע זאָל ווערן אַ היימישע באַלעבאָסטע און אָפּזאָגן זיך אײַנגאַנצן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. אָט פאַרוואָס עס

איז ניט מעגלעך איבערצובויען די איצטערדיקע פאמיליע, וואו מע זאל אין גרונט ניט אומענדערן אלע געזעלשאפטלעכע באדינגונגען, און קוידעמקאל אפשאפן דאס בורזשואזע אייגנטום.

נאך מער קאמיש און צוויעסדיק איז די באשולדיקונג קעגן די קאמוניסטן, אז זיי ווילן איינפירן ש ו ט פ ע ס אף ווייבער. די בורזשואזיע און אירע מעשארטים האבן באזונדערס ליב ארויסצופארן אף אט דעם פערדל. אז די סאוועטישע מאכט האט אפגעשאפט אלע געזעצן, וואס באגרענעצן די פרוי אין אירע רעכט, האט דאס גאנצע ווייסגוואַרדייאישע וועלטל, וואס פאסמאקעוועט זיך מיט אזא כיישעק, אבי נאר עפעס זנוס, אויפגעהויבן א גוואלד איבער דער גאנצער וועלט, אז די רוסישע קאמוניסטן האבן „ארויסגעגעבן א דעקרעט“ וועגן שוטפעס אף ווייבער. אויך צווישן די סאציאליסטן האבן זיך געפונען אזעלכע כאכאמים, וואס האבן געגלויבט אין דידאזיקע פליאטקעס. די ענגלישע קאמוניסטן האבן אפילע ארויסגעגעבן א ספעציעלע בראשור, קעדיי אפצולייקענען דעמדאזיקן ליגן, וואס מע האט באזונדערס שטארק פארשפרייט אין ענגלאנד און אין אמעריקע.

די בורזשואזיע וויל נעמען אונטער איר שוץ אויך די קינדער, וואס די קאמוניסטן ווילן בא זיי קלוימערשט אפנעמען אלע מאילעס פון היימישער דערציאונג און נעמען זיי אינגאנצן אונטער דער האשגאכע פון דער גאנצער געזעלשאפט.

די פארטיידיקער פון דער בורזשואזיע פארגעסן אבער, אז פאר דער אומגעהויערער מערהייט פון דער באפעלקערונג זיינען קינדער נאר א לאסט. אז די פראלעטארישע קינדער שיקט מען ארבעטן שוין פון די יונגע יארן אן. און אף וויפל עס האנדלט זיך וועגן דער ארגאניזאציע פון געזעלשאפטלעכער דערציאונג, וועט דער פראלעטאריאט אנשטאט דער ב ו ר ז ש ו א ז ע ר געזעלשאפטלעכער דערציאונג איינשטעלן א פ ר א ל ע ט א ר י ש ע. די בורזשואזיע האט אלעמאל געמאכט פון דער שול אין אלע אירע מאדרייגעס א ג ע צ י י ג פון איר ק ל א ס ן-ה ע ר ש א פ ט.

זי האָט נאָר געזעען, אז די געזעלשאַפטלעכע דערציאונג, וואס אירע קינדער באַקומען, זאָל קריגן א דערגאַנצונג און א פאַרשטאַרקונג אין דער היימישער דערציאונג. קאָמוניסטן שיידן זיך אָפּ נאָר דערמיט, וואס זיי האַלטן לעכאַטכילע מער פון דער געזעלשאַפטלעכער דערציאונג. די פרוי וועט קיינמאָל ניט קענען ווערן קיין טעטיקע אנטיילנעמערין אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אויב זי וועט זיין ווי צוגעשמידט צו דער שטוב, אויב זי וועט זיך אינגאַנצן אָפּגעבן די קינדער. אַכוץ אַלעמען, לוינט עס ניט און עס איז ניט צוועקמעסיק. היימען פאַר אויפעלעך, קינדער-גאָרטנס, קינדער-קאָלאָניעס גיבן א מעגלעכקייט צו פאַרשפּרייטן די מאַילעס פון א ראַציאָנעלער דערציאונג אף אַלע קינדער און צוגרייטן זיי צו דער עמעסער שול.

אָבער די קאָמוניסטן גייען נאָך ווייטער. זיי הויבן אויף א האַנט ניט נאָר אף דער פאַמיליע, ניט נאָר אף די קינדער, אין זייער ווילדער כוצפע פאַרמעסטן זיי זיך אויך אפן פאָטערלאַנד.

און ריכטיק, שוין די פראַנצויזישע קאָמוניסטן האָבן דערקלערט נאָך ביזן קאָמוניסטישן מאַניפעסט, אז אַרבעטער האָבן ניט קיין פאָטערלאַנד. בעשאַס מע האָט מיט די שלעזישע וועבער איינגעטאַינעט, אז זיי דאַרפן ליידן אין נאָמען פון גאָט, פון דעם קייניג און דעם פאָטערלאַנד, האָבן זיי געשאָלטן ניט נאָר גאָט און דעם קייניג, נאָר אויך דאָס פאָטערלאַנד, וואו זיי זיינען געווען פאַרמישפּעט צו לעבן אין א שענדלעך קלאָגעדיקער נויט.

אַ פלוך דעם פאַלשן פאָטערלאַנד,
וואו ס'וואַקסט פאַר אונז נאָר שפּאָט און שאַנד!

פאַר די פּריצים און פאַר דער בורזשואַזיע איז דאָס געווען א פאָטערלאַנד, פאַר די אַרבעטער — א שטיפמוטער. קעדיי צו ווערן פאַרן אַרבעטער א פאָטערלאַנד, מוז דאָס לאַנד איבערגעאַנדערשט ווערן, און קאָלזמאַן דער אַרבעטער קעמפט פאַר אָט דעם ציל, בלייבט ער, אַזוי ווי אַמאָל די בורזשואַזיע, נאָך

אַלץ נאַציאָנאַל. ווארום ער וויל פריער באהערשן זיין אייגענע מלוכע — דער דייטשישער ארבעטער „זיין" דייטשלאַנד, דער ענגלישער ארבעטער „זיין" ענגלאנד. אבער ער טוט עס, ניט אַזוי ווי די בורזשואזיע, ניט קעדיי צו קערן זיין שווערד קעגן די שכיינים. פאַרקערט, ער זוכט צו פאַרבינדן זיך מיטן פראָלעטאַריאַט פון אַנדערע נאַציעס, ווארום וואס ענגער עס איז זיין, [illegible] אנד מיט זיי, אַלץ זיכערער איז זיין ענדגילטיקע באפרייאונג.

דאָרט, וואו די ליבע צום פאָטערלאַנד פאַרדעקט דאָס קלאסן-באוואוסטזיין, דאָרט האָט דער פראלעטאַריאט אַ קלאָגעדיק [illegible]לכל אין די הענט פון דער בורזשואזיע. אין נאמען פון ליבע צו פאָטערלאַנד האָט די בורזשואזיע אריינגעשלעפט מיליאָנען פראָלעטאַריער אין דער אימפעריאליסטישער שכיטע, אין נאָמען פון ליבע צום פאָטערלאנד זיינען אויסגעהאַרגעט געווארן מיליאָנען אַרבעטער, און אין נאמען אַלץ טאָקע פון דערזעלביקער ליבע צום אייגענעם פאָטערלאַנד איז, שוין נאך דער מילכאָמע, שטיקט איין בורזשואזע מעדינע מיט דער הילף פון פראָלעטאַריער ניט נאר די בורזשואַזיע, וואס זי קען אַגעוו אויך דאָ ראַטעווען איר קעשענע, נאר אויך די פראלעטאַריער פון דער אנדער בורזשואזער מעדינע. אט פאַרוואס די קאמוניסטן פירן אַ העכסט אומבעשאלעמדיקן קאַמף קעגן נאציאנאלע פאָרורטיילן, נאָך א מער אומבעשאלעמדיקן, איידער קעגן די רעליגיעזע פאָרורטיילן. קאַלזמאַן איין נאַציע עקספלואטירט די אנדערע, וועט אַלץ ניט אויפהערן די עקספלואטאַציע פון איין מענטשן דורך דעם צווייטן אויך אינעווייניק אין דער נאַציע גופע. אַפן כעשבן פון דער עקספלואטירטער נאציע קומט שטענדיק פאר שטילערהייט א דערנעענטערונג צווישן דער בורזשואזיע מיט א טייל פון דעם אייגענעם אַרבעטער-קלאַס, וואס קריגט א הויסאָפע צו זיין אָרימען לוין. פאַרקערט, אויב עס גיט זיך איין צו מאכן אַ סאָף צו דער בורזשואזער עקספלואטאציע אינעווייניק אין לאַנד,

דאָן שטעלן זיך גיך איין פרידלעכע באַציאונגען מיט די שכיי-נישע לענדער.

קעגן די קאָמוניסטן רוקט מען אָבער נאָך ארויס אויך אַנדערע טאַינעס. ביז איצטער האָט מען זיך אַלץ געמיט צו באַריידן זיי, מאַכן זיי א שלעכטן נאָמען בא די ארבעטנדיקע מאסן און מיטל-שיכטן. קיין אייגנטום אנערקענען זיי ניט, דאס פויערל, דעם באלמעלאָכע, אפילע דעם ארבעטער ווילן זיי באראבעווען, אָפּ-נעמען בא זיי זייער גאנצן אייגנס און דעם גאנצן אפגעשפארטן פארמעגן זייערן, די פאמיליע ווילן זיי אפשאפן, די קינדער צו-נעמען בא די עלטערן, אפילע אין פאָטערלאנד לייקענען זיי!

די בורזשואזיע זעט, אַז אזא אויפן, אונטערצוהיצן קעגן די קאָמוניסטן אלע מאטעריעלע אינטערעסן פון די מענטשן. זי טאַינעט, אז די קאמוניסטן רירן אָן אלע ווירטשאפטלעכע אינטערעסן פון די מענטשן. היט זיך, קאראול, מע ראבעוועט! א קאמעדיע איז, ווען קעגן דער רויבעריי, וואס די קאמוניסטן פלאנעווען קלוימערשט, שרייען אזעלכע פארהארטעוועטע רויבער, ווי די גרויסע פאבריקאנטן און באנקירן. אזוי, לעמאשל, אין דער בארימטער אמעריקאנישער פאבריקאנט פון אוטאָמאָבילן, פ א ר ד, דער רייכסטער מענטש אין דער וועלט, וואס זיין פארמעגן שאצט מען אין 2 מיליארד דאָלער אדער 4 מיליארד פארמילכאָמע-רובל, פאטערט גרויסע סומעס געלט אף אגיטאציע קעגן די קאמוניסטן, וואָס ווילן געבעך בארויבן זיינע ארבעטער.

דעריבער זעען די מער געבילדעטע פארטיידיקער פון דער בורזשואזיע צו ווירקן ניט נאָר אף דער „קעשענע", נאר אויך אף דעם גייסט, אפן סייכל פון קליינעם מענטשל. זיי שטעלן ארויס קעגן די קאמוניסטן טאַינעס פון אַן איידעלערן מין, ניט נאר מ א ט ע ר י ע ל ע, ווירטשאפטלעכע, וואס האבן א שאיכעס צו דער קעשענע, נאר אויך א י ד ײ א י ש ע, גייסטיקע, גענו-מען פון א י ד ע א ל א ג י ש ן געביט. עס ווייזט זיך ארויס, אז די אידייען פון די קאָמוניסטן טרעטן אָפּ פון אַלץ, וואָס איז אָנ-

גענומען, זיי רירן אָן אַלע געבאָטן פון דער רעליגיע, פון מאָ-ראַל, פון וויסנשאַפט. איז דאָס אַזוי?

יעדער קלאַס אין דער געזעלשאַפט האָט זיין אייגענע וועלטאַנשויאונג, זיין קוק אַף דער וועלט, זיינע מיינונגען וועגן די פאַרהעלטענישן פון מענטש צו מענטש, זיינע קלאָלים פון אויפירונג, — קורץ, זיין אייגענע אידעאָלאָגיע. די פאַר-שטייער פון א געוויסן קלאַס, וואס באַשעפטיקן זיך ספעציעל מיטן פאַנאַנדעראַרבעטן דידאָזיקע אידעאָלאָגיע, פלעגט מען רופן אידעאָלאָגן. מיר רופן זיי איצטער אינטעליגענציע. דער אַדל האָט געהאט און האָט זיינע אידעאָלאָגן, די בורזשואזיע האָט געהאַט און האָט אירע אידעאָלאָגן.

ס׳איז געווען א צייט, ווען מענטשן פלעגן אַף אַלע שאילעס געפינען פאַרטיקע ענטפערס אין דער טעאָלאָגיע. זיי האבן געגלויבט אין אַ גאט אדער אין געטער, און ווי די רעלי-גיע האָט געהייסן, אזוי פלעגן זיי טאָן. נאך איצטער זיינען אומ-געהויערע מאַסן מענטשן דורכגעדרונגען מיט אַזאַ רעליגיעזער וועלטאַנשויאונג, מיט אַזאַ רעליגיעזער אידעאלאָגיע. בעסער פון אַלץ ווירקן אַף זיי ארגומענטן, ראיעס פון רעלי-גיעזן געביט. עס איז גענוג, מע זאָל זיי דערווייזן, אַז די קאָ-מוניסטן זיינען קעגן גאָט, אַז דער קאמוניזם איז סויסער דער רע-ליגיע,—און די בורזשואזיע האט שוין געוואונען די שפּיל.

אָבער דאָ קומט ווידעראַמאָל צו הילף די דערפארונג פון דער בורזשואזיע. בעשאַס זי האָט געהאַט צו קעמפן קעגן דעם פעאָדאַליזם, האָט זי זיך אויך אָנגעשטויסן אַף די גייסטיקע פאַרצאמונגען, וואָס דער אַדל און די קירכלייט פלעגן אַרויס-שטעלן קעגן אירע פאדערונגען. זי איז דאַן געוואָגט ארויסגע-טראָטן קעגן דער רעליגיע, קעגן קריסטנטום, האָט זיי שאַרף אויסגעלאַכט, פלעגט אויפקעקן די מאיסים פון די גאַלאָכים.

עמעס, שוין דאַן האָבן זיך אין איר סוויווע געפונען מענטשן, וואס האָבן מוירע געהאַט, אַז אטעאיזם, דאס ניט

גלויבן אין גאָט, קען זיין אַ סאַקאָנע פאַר דער בורזשואזיע גופע, און האָבן דעריבער רעקאָמענדירט נאָר אָפּצוריייניקן די רעליגיע פון קאָלערליי נארישקייטן און פארבייטן זי אַף א ראציאָנעלן גלויבן אין איין אייניציקן גאָט, דעם שעפער פון דער גאָרוועלט. ווי דאָס זאָל ניט זיין, אבער די בורזשואזיע האָט זיך גאָרניט אָפּגעשראקן פאַר דער הערשנדיקער רעליגיע; פאַרקערט, זי האָט אויפגעוויזן, אַז דידאָזיקע רעליגיע פאַרהייליקט נאר און היט אָפּ די אינטערעסן פון דעם פעאָדאַליזם.

אין אָט דעם קאַמף האָבן א גרויסע ראָלע געשפּילט די אידעאָלאָגן פון דער בורזשואזיע, די אויפקלערער פון 18-טן יארהונדערט, וואָס האָבן קעגן דער רעליגיעזער לערע, דער טעאָלאגיע, ארויסגעשטעלט זייער לערע, זייער דערקלערונג פון דער וועלט. אָט די פילאָזאָפן (כאקראנים, וואס זוכן דעם זינען פון אַלץ, וואָס עקזיסטירט) האָבן געלייקנט, אז עס איז פאַראַן א גאָט, זיי פלעגן דערוויזן, אַז ניט דער גייסט האָט באשאפן די מאטעריע, נאָר, פארקערט, דער גייסט גופע איז גאר א באשאף פון דערדאזיקער מאטעריע, אז נאר דאָס ניט-וויסן די געזעצן פון דער נאַטור, די מוירע פאַר אירע אומבאקאנטע קרעפטן האבן ארויסגערופן א גלויבן אין עפּעס איבערנאטירלעכע קויבעס, אין געטער, און דערנאך אויך אין איין נאָט. קעגן די, וואָס פלעגן דערוויזן, אַז בא מענטשן זיינען דאָ איינגעבאָרענע אידייען פון גוטס, גערעכטיקייט, מאָראַל, אַז גאָט אליין האָט עס ארייגעטאָן באם מענטשן אין נעשאָמע, פלעגן דידאָזיקע פילאָזאָפן ארויסשטעלן א האנאָכע, אַז, פאַרקערט, דידאָזיקע געדאנקען, באַגריפן (אידייען) זיינען א קינד פון דער סוויווע, אין וואָסערער די מענטשן לעבן, אַז אויב מע זאָל ענדערן די דערציאונג פון די מענטשן, דאַן קען מען פאַרענדערן אויך זייערע געדאַנקען און מיינונגען

די קאָמוניסטן, שטיצנדיק זיך אַף דער לערע, וואָס מארקס און ענגעלס האָבן אַנטוויקלט און באגרינדעט, גייען נאָך ווייטער

זיי זאָגן, אַז אין יעסאָדן פון איטלעכער אידעאָלאָגיע ליגן די געזעלשאַפטלעכע פארהעלטענישן, ד. ה. די פאַרהעלטענישן, וואָס עס שאפן זיך צווישן מענטשן, וועלכע פירן געמיינזאַם דעם קאַמף מיט דער נאַטור פאַר דער אייגענער עקזיסטענץ. קעדיי צו באפרידיקן זייערע באדערפעניש, מוזן די מענטשן ארבעטן, מוזן איינשטעלן א ווירטשאפטלעך לעבן. איטלעכער ווירטשאפט-לעכער סיידער האָט זיין אנטשפרעכיקן באזונדערן אַרט לעבן, א באזונדערע געזעלשאפטלעכע דערפארונג. בא א שקלאפן-ווירט-שאפט האָבן די מענטשן גאָר אנדערע פאָרשטעלונגען, אָנשויאונ-גען, באגריפן, איידער בא א ווירטשאפט פון לייב-קנעכטשאפט. ניט דאָס באוואוסטזיין באשטימט דאָס זיין, נאר, פארקערט, דאס זיין באַשטימט דאָס באוואוסט-זיין. בייט זיך דער אַרט לעבן, בייט זיך די געזעלשאפטלעכע אָרדענונג, בייט זיך איינעם דערמיט אויך די גאנצע אידעאָלאָ-גיע פון די מענטשן, זייער קוק, זייערע אָנשויאונגען, מיינונגען, אידייען.

אז די געזעלשאפט שפאלט זיך אף קלאסן, איז מיט זייער אנטוויקלונג אנטוויקלט זיך אויך א באזונדערע אידעאָלאָגיע בא יעדן קלאַס. איניינעם מיט די אידייען, געדאנקען, וואָס ער האט געיארשנט גלייך מיט דער גאנצער געזעלשאפט, אנטוויקלען זיך נאָך בא דעם קלאס זיינע אייגענע אידייען, אייגענע אנ-שויאונגען, אייגענע באגריפן, אַן אייגענע באזונדערע קלאסן-אידעאָלאגיע.

ווען איינער א קלאס דערגרייכט אין דער קלאסן-געזעל-שאפט צו דער אויסשליסלעכער הערשאפט, ווען זיין קלאסן-הער-שאפט דויערט גענוג לאנג, דאן צווינגט ער ארויף אף די איבע-ריקע קלאסן ניט נאָר זיין מאטעריעלע הערשאפט, ער פאר-קנעכט זיי ניט נאָר עקאנאָמיש, ניט נאָר פּאָליטיש, נאָר אויך גייסטיק.

אזוי האָט אמאָל דער אַדל אָנגעהאנגען זיינע אידייען דער

בורזשואזיע, דעם קלײנבירגער. אַן אויפגעקומענער בורזשוא האט זיך געצויגן צום אַדל, האָט נאָכגעמאכט זײערע גענג, האָט זיך געלערנט ריידן מיט זײער לאָשן, האָט פון זיך געקנײטשט א „גאנצן אדלמאן". װען די בורזשואזיע איז שטארק געװאָרן, האט זיך אויסגעפּאָרמירט װי א קלאס און איז ארײנגעטראָטן אין קאמף מיטן אַדל, האט זי אָנגעהויבן אָפּשפּאָטן — אין קאָמעדיעס, לידער, בילדער — פון דער פּריצישער אידעאָלאָגיע און דערהויבן די אײגענע. קעגן די פּריצישע אידעאלן האט זי ארויסגעשטעלט אירע אײגענע אידעאלן, די בורזשואזע.

אין דעם 19-טן יארהונדערט איז דער הערשנדיקער קלאס געװאָרן די בורזשואזיע. מיט דער הילף פון דער פּרעסע, ליטעראטור, קונסט צװינגט זי ארויף אירע אידייען אף אלע איבעריקע קלאסן, אפילע אף דעם קלאס, װאס אף זײן עקספּלואטאציע עקזיסטירט זי. פאראן נאך אסאך ארבעטער, װאָס עס ציט זײ צו דער בורזשואזיע, זײ מאכן איר נאך, װי אמאל דער בורזשוא האט נאכגעמאכט דעם אדלמאן, האט פון זיך געקנײטשט אן אדלמאן. די הערשנדיקע אידייען זײנען איצטער די אידייען פון דער בורזשואזיע. קאָמוניסטן שטעלן ארויס קעגן זײ זײערע אײגענע אידייען, רעװאלוציאנערע אידייען, און די בורזשואזיע, אז זי מאכט װעגן דעם א געװאלד, פארגעסט זי גאר אינגאנצן, אז עס איז געװען א צײט, װען די אידייען, װאס זי אלײן האָט פארטיידיקט, זײנען געװען רעװאלוציאנערע לעגאבע דער פעאדאלער געזעלשאפט, לעגאבע דעם אדל.

װען די בורזשואזיע און אירע אידעאָלאָגן זײנען סאָפּקאלסאָף געצװאונגען מודה צו זײן, אז אידייען האָבן זיך געביטן, אז עס האָבן זיך געביטן רעליגיעס, װעלטאָנשויאונגען, קלאָלים פון אויפפירונג, באַגריפן פון מאָראַל, אז נייעס איז ניט אַלעמאָל שלעכט דערפאַר אלײן, װײל דאָס איז נײ, דאַן כאַפּן זײ זיך פאר אן אנדער ארגומענט, װאס מיר האָבן זיך שוין פריער געטראָפן מיט אים.

— ווי עס האָבן זיך ניט געביטן די רעליגיעזע, מאָראַלישע, פּאָליטישע אידייען, טאַינען זיי, דאָך איז רעליגיע גופע, מאָראַל בלייבן שטענדיק. עס זיינען, הייסט עס, פאַראַן אייביקע עמעסן, אידייען, וואָס בלייבן אומפאַרענדערלעך און בייטן נאָר זייער אויסערלעכע געשטאַלט.

— יאָ, ענטפערן די קאָמוניסטן. זיי האָבן זיך אויפגעהיט ביז איצט, מיר טרעפן זיי אי אין דער אַלטער וועלט, אי אין מיטלאַלטער, אי אין דער נייער צייט. אָבער פאַרוואָס? פּאָשעט דערפאַר, ווייל ווי עס זיינען ניט אָפּגעשיידט צווישנאַנאַנד די אַנטיקע (אַלטע), פעאָדאַלע, בורזשואזע געזעלשאַפטן, האָבן זיי דאָך אַלע געהאַט איין געמיינזאַמען שטריך. זיי אלע זיינען געווען געבויט אף דער אונטערדריקונג פון איין קלאַס דורך אַ צווייטן, אף קלאַסנקאַמף. דעריבער האָבן זיי, ניט געקוקט אף אַלע זייערע אונטערשיידן, אַלע געהאַט געוויסע געמיינזאמע אידייען, באַגריפן. די ענלעכקייט אין די באַדינגונגען פון זייער זיין האָט געשאפן אן ענלעכקייט אין די פאָרמען פון דעם באַוואוסטזיין.

די בורזשואזע געזעלשאַפט האָט צום ערשטן מאָל צוגעגרייט די באַדינגונגען, וואס זיינען נויטיק, קעדיי צו פארניכטן יעטווידן מין קלאַסנהערשאַפט, די קאָמוניסטן זיינען די ערשטע, וואָס שטעלן אַרויס די פאָדערונג אָפּצושאַפן די קלאַסנגעזעלשאַפט. די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע צייכנט זיך אויס פון אַלע פריערדיקע גראָד דערמיט, וואס זי רייסט אָפּ ראַדיקאַלסטן, גרונטלעכסטן אויפן, אָן קיינע וואַקלונגען, מיט דער פאַרגאַנגענהייט, מיט די אַלטע אייגנטום-פארהעלטענישן, און פונקט אזוי ראַדיקאַל רייסט זי מיט אַלע פאַרעלטערטע, טראַדיציאָנעלע, געיאַרשנטע אידייען, באַגריפן.

ווען מענטשן וועלן וירקלעך ווערן גלייך, ווען עס וועט פאַרשווינדן יעדער מין עקספּלואַטאַציע פון איין מענטשן דורך דעם צווייטן, ווען מענטשן וועלן פאַרשטיין, אז זייער גורל ליגט

אין זייערע אייגענע הענט, דאַן וועלן זיי אויפהערן צו גלויבן אין געטער, שיידים, אין עפּעס אַן אַלערהעכסטן וועזן, וואָס רעגירט איבער דער גאַנצער וועלט און קוקט צו פונדעסטוועגן גאַנץ רואיק די אַלע נעוואָלעס און נידערטרעכטיקייטן פון דער בורזשואזער וועלט.

דער הויפּט-טוער אין אָט דער קאָמוניסטישער אַרבעטער-רעוואָלוציע איז דער פּראָלעטאַריאַט, אָרגאַניזירט אין אַ קלאַס. און זיין ערשטער אויפגאַבע דאַרף זיין — דערהויבן זיך צו דער מאַדרייגע פון א הערשנדיקן קלאַס, אויסקעמפן די פּאָליטישע מאַכט, די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

און דאָ דאַרף ער ווידער טאַקע לערנען זיך פון דער בורזשואזיע. זי האָט ניט געוואַרט, ביז וואנען די בורזשואזע געזעלשאַפט וועט זיך אויספּיקן גאָר אַ פּאַרטיקע פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט.

קעדיי צו מאַכן א סאָציאַלע רעוואָלוציע, איז גענוג, אז דער רעוואָלוציאָנערער קלאַס זאָל ווערן א קלאַס פאר זיך, זאָל דורכגעדרונגען ווערן מיט קלאַסנבאַוואוסטזיין, אז די אלטע געזעלשאַפט זאָל האָבן צוגעגרייט אלע עלעמענטן, וואָס זיינען נויטיק אף צו בויען די נייע געזעלשאפט. בעשאַס די בורזשואזיע האָט געמאַכט איר סאָציאַלע רעוואָלוציע, האָט זי אויסגענוצט איר פּאָליטישע מאַכט, קעדיי צו צעשטערן די אַלטע פעאָדאַלע געזעלשאַפט און אויפבויען אָנשטאָט איר אַ נייע בורזשואַזע.

אַזוי טוט און דאַרף טאָן אויך דער פּראָלעטאַריאַט. נאָך אויסקעמפנדיק די פּאָליטישע מאַכט, איינברעכנדיק ענדגילטיק דעם ווידערשטאַנד פון דער בורזשואזיע, נעמט ער אָפּ בא דער בורזשואזיע אלע פּראָדוציר-געצייג, קעדיי צו קאָנצענטרירן זיי אין די הענט פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכע. און אף דעם פּאָדערט זיך צייט. אין אַנדערע אייראָפּעאישע מלוכעס האָט דאָך די בורזשואזיע צענדליקער יאָרן נאָכאַנאַנד אלץ ניט געקענט פאַרניכטן אינגאַנצן אלע שפּורן פון פעאָדאַליזם. מיט א באַזונדער

אַקשאַנעס האָט ער זיך איינגעהאַלטן דאָרט, וואו די בורזשואַזיע האט צוגעאיילט איינצוגיין מיט אים אַף א פשאָרע קעגן דעם ארבעטער-קלאַס.

די מיטגלידער פון דעם „פארבאַנד פון קאָמוניסטן" האָבן נאָך אין 1847 יאָר געוואוסט אויסגעצייכנט, אז ניט ווייניק צייט וועט מען דאַרפן, קעדיי צו פאַרבייטן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג אף אַ קאָמוניסטישער. אין זייער צייטונג האָבן זיי געשריבן:

„מיר זיינען ניט פון יענע קאָמוניסטן, וואָס גלויבן, אז די קאָמוניסטישע אָרדענונג קען, ווי דורך א צויבער-שטעקעלע, איינגעפירט ווערן טייקעף נאָכן זיג איבער אירע סאָנים. מיר ווייסן, אז די מענטשהייט מאַכט ניט קיין שפרונגען, נאָר זי רוקט זיך פאָרויס טריט נאָך טריט. מיר קענען ניט אריבערגיין פון היינט אף מאָרגן פון אן אומהארמאָנישער געזעלשאפט אין א הארמאָנישער (ריכטיק איינגעאָרדנטער); צוליב דעם וועט נויטיק זיין, לויט די אומשטאַנדן נאָך, א מער אָדער ווייניקער דויערנדיקער איבערגאַנג-פעריאָד. נאָר פון שטאַפל צו שטאַפל קען דאס פריוואט-אייגנטום איבערגעענדערט ווערן אין א געזעלשאפטלעכן אייגנטום".

וויכטיק איז נאָר, אַז אין אָט דעם איבערגאַנג-פעריאָד זאל דער פראָלעטאריאַט האלטן די מאַכט שטארק אין זיינע הענט. אין אַ פאַרבאנד, א קאָאַליציע מיט דער בורזשואַזיע קען מען זי ניט באַגראָבן. דעריבער איז נויטיק אויסצוארבעטן א רייע מיטלען, וואס זאלן פארקירצן אָט די איבערגאנג-צייט און זאלן צוגרייטן די באדינגונגען פאר א פולשטענדיקער פארווירקלעכונג פון דעם קאָמוניזם.

פאר יענער עפּאָכע, פאר יענער צייט האבן די קאָמוניסטן געהאלטן פאר נויטיק אָט די מיטלען, וואס זיינען אויסגערעכנט אין מאַניפעסט: קוידעמקאָל איז, לויט זייער מיינונג, געווען נויטיק אָפּצונעמען די ערד בא די גרויסע ערד-

*אייגנטימער* און *פארוואנדלען זי אין א מלוכע-אייגנטום*. אלע הַאכנאסעס, וואס עס פלעגן קריגן די גוט-אייגנטימער, האבן געדארפט גיין לעטויוועס דער פראָלעטארישער מלוכע און אויסגענוצט ווערן אף צו דעקן די מלוכע-הויצאָעס.

ווייטער האט מען געדארפט ארויפלייגן אף אלע קאפיטאליסטן א האכנאסע-שטייער, אבער אזא, וואס זאל שטייגן אלץ מער, וואס גרעסער עס איז די באשטייערטע האכנאסע, ד. ה. א *פראָגרעסיווער* האכנאָסע-שטייער.

ניט אָנרירנדיק דאס *פערזענלעכע* אייגנטום, האבן די קאמוניסטן געדארפט אָנעמען מיטלען קעגן דעם, אז אייגנטום זאל זיך זאמלען און וואקסן בא מענטשן, וואס נוצן עס אויס קעדיי צו עקספלואטירן אַנדערע. צוליב דעם האבן זיי געדארפט דורכפירן אויך אַזאַ זאך, ווי *אָפּשאפן דאס רעכט אף ירושע*. נאך וויניקער גרונט איז דאָ אַף איבערצולאזן דאס אייגנטום בא יענע, וואס האבן געווארפן זייער ארבעט נאר דערפאר, ווייל דער פראָלעטאריאט האט פארנומען די מאכס, בא יענע, וואס מאכן אין אויסלאנד פארשווערונגען און ווילן זיך דערשלאָגן, אז אויסלענדישע מלוכעס זאלן זיך ארייננמישן. קעגן אָט די סאָנים אי געווענדט אַזא מיטל, ווי *קאנפיסקירן דאס אייגנטום* פון עמיגראנטן און בונטנמאכער.

אזוי ווי בענק שפילן זייער א גרויסע ראלע אין דעם ווירטשאפטלעכן לעבן פון לאנד, ווארום אין זייער רעשוס געפינט זיך אזא מעכטיקער מיטל, ווי קרעדיט, וואס זיי גיבן, דעריקער, קאַפּיטאליסטן, איז דארף די פראָלעטארישע מלוכע קאנצענטרירן אים אינגאנצן אין אירע הענט מיט דער הילף פון אן *איינהייטלעכן נאציאנאלן באנק*, וואס זאל זיין אונטער איר קאנטראל און אויסלייען די נויטיקע מיטלען נאר מיט איר האסקאמע.

ניט וויניקער וויכטיק איז צו *קאנצענטרירן* אין די הענט פון דער פראלעטארישער מלוכע די *מיטלען פון טראנספארט*. דאן האט געקענט זיין די רייד נאר וועגן

אזעלכע מיטלען, ווי אייזנבאנען און דאמפערס, און אזוינס איז דאן געווען נאך גאנץ ווייניק. אזעלכע מיטלען פון פארבינדונג, ווי טעלעגראף און פאסט, האבן זיך ערשט אנגעהויבן צו אנט-וויקלען. פון קיין מיטלען פון לופט-פארקער האט מען נאך גאר ניט געוואוסט, ווען מע זאל ניט רעכענען לופט-באלאנען, וואס האבן קיין שום פראקטישן ווערט ניט געהאט. וועגן טעלעגראף אן דראט און טעלעפאן האט מען אפילע ניט געטראכט. דעריבער רעדט זיך אין דעם מאניפעסט וועגן קאנצענטרירן אין די הענט פון דעם פראלעטאריאט די מיטלען נאר פון טראנספארט.

קעדיי גרינגער צו מאכן דעם אריבערגאנג צום קאמוניזם, קעדיי צו באווייזן די מאילעס פון געזעלשאפטלעכער פראדוקציע, האט די פראלעטארישע מלוכע געדארפט באשאפן מלוכישע פאבריקן, נאציאנאליזירטע אונטערנעמונגען. אכוץ אזעלכע קא-לעקטיווע ווירטשאפטן האט די פראלעטארישע מלוכע געדארפט פארנעמען זיך אף ספעציעלע ערד-כאלאקים מיט באארבעטן און פארבעסערן די פעלדער לויט אן אלגעמייגעם פלאן. אזוינע ווירט-שאפטן האבן געדארפט ווייזן די שכיינישע פויערים די מאילעס פון קאאפעראציע, פון צוזאמענארבעטן אין לאנדווירטשאפט.

די פראלעטארישע מלוכע האט געדארפט פארניכטן די צע-טיילונג אף אזעלכע, וואס דערווערבן און ארבעטן ניט, און אזעל-כע, וואס ארבעטן און דערווערבן אבער ניט. צוליב דעם האט זי געדארפט איינפירן אן אבליגאטארישע ארבעט-פליכט אפן שטייגער פון אבליגאטארישער מיליטער-פליכט. פון אזעלכע אר-בעט-פארפליכטע האט מען געדארפט צעטשטעלן מאכנעס, וואס מע זאל זיי קאנען שיקן אף פארשיידענע געזעלשאפטלעך נוי-טיקע ארבעטן און דערהויפט אף פעלד-ארבעט, ווען עס איז פא-ראן עפעס אן עקסטרע נויטיקייט אין ארבעט-קראפט.

אזא מין אנווענדונג פון שטאטישע ארבעטער פאר פעלד-ארבעט איז באזונדער וויכטיק, ווארום דאס העלפט צו באזייטיקן די מעכיצע, וואס האט זיך געשאפן צווישן אינדו-

סטריעלער און לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט, מאַכמעס דער צעשיידונג פון שטאָט און דאָרף. די טעווע פון לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט, וואָס קומט פאָר אין אַ באַשטימטן סעזאָן פון יאָר, גיט א מעגלעכקייט די שטאָטישע אַרבעטער צו באַטייליקן זיך זומער אין פעלד-אַרבעט, און די דאָרפישע — ווינטער אף די פאבריקן און זאוואָדן. דאָס, וואָס באם קאפיטאליזם קומט עס פאָר נאָר מאכמעס דער ביטערער נויט, וואָלט די פּראָלעטאַרישע מלוכע געקענט אָרגאניזירן גאנץ פּלאנמעסיק. אזוי וואָלט ביסלעכווייז באזייטיקט ווערן דער אונטערשייד פון שטאט און דאָרף.

קעדיי צו פארזיכערן פאר זיך די צוקונפט, דארף די פּראָלעטארישע מלוכע קוידעמקאָל זאָרגן וועגן די קינדער. מע דארף זיי דערציען אזוי, אז באם אונטערוואקסנדיקן דאָר זאָלן דאָס ערשטע אָרט פארנעמען געזעלשאפטלעכע אינטערעסן, און ניט שמאָלע פאמיליען-אינטערעסן אָדער פערזענלעכע. און דאָס קען מען דערגרייכן נאָר מיט דער הילף פון געזעלשאפטלעכער און אומזיסטער דערציאונג פאר אלע קינדער. אויב אין דער בורזשואזער געזעלשאפט איז קינדער-ארבעט פאראן בלויז אין דער פאָרם פון פאבריק-ארבעט, אויב זי דינט נאָר, קעדיי צו פארגרעסערן דעם רעוועך פון די קאפיטאליסטן, איז אין דער פּראָלעטארישער מלוכע דארף מען עס אָרגאניזירן אזוי, אז ארבעט זאל אריין אין דער דערציאונג גופע, אז קריגן קענטענישן, אז דערציאונג זאל זיין פארייניקט מיט נוצלעכער ארבעט, מיט מאטעריעלער פּראָדוקציע.

ס׳פארשטייט זיך, אז פאר די 75 יאָר, וואָס זיינען דורכגעגאנגען זינט יענער צייט, ווען די קאָמוניסטן האָבן צום ערשטן מאָל ארויסגעשטעלט אָט די מיטלען, האָט די גרויס-פּראָדוקציע געמאכט אזא גרויסן פּראָגרעס, און אויך דער אַרבעטער-קלאס האָט אין א רייע רעוואָלוציעס געקראָגן אזא גרויסע דערפארונג, אז די דאָזיקע מיטלען קענען איצטער געענדערט ווערן אָדער דער-

גאנצט ווערן. דאן איז געווען וויכטיק אָנצואווייזן, וואָס דארף טאָן דער פּראלעטאריאט אין דער איבערגאנג-צייט צווישן קאפּי-טאליזם און קאָמוניזם.

די פאַרווירקלעכונג פון אָט די אלע מיטלען דארף אָפּנע-מען בא דער בורזשואזיע איר גאנצן קאפּיטאל, קאָנצענטרירן אלע פּראָדוציר-מיטלען און מאכן א סאַך צו געדונגענער ארבעט. און איינעם דערמיט אויך צו דער צעטיילונג פון דער געזעלשאפט אף קלאסן. קאלומאן זיי זיינען נאָך פאראן, קאלזמאָן דער פּראָ-לעטאריאט האָט קעגן זיך די נאָר-וואָס אראָפּגעוואָרפענע בורזשו-אזיע, וואָס איז גרייט אויסצונוצן יעדן טאָעס זיינעם, איטלעכן פעלער, קעדיי ווידער אויפצושטעלן די אייגענע הערשאפט, מוז ער איינהאלטן אין זיינע הענט די פּאָליטישע מאכט. אָבער, וואס פעסטער עס איז די הערשאפט פון דעם פּראָלעטאריאט, אלץ גי-כער וועט ער פארניכטן די אלטע באדינגונגען פון פּראָדוקציע, אלץ גיכער וועט פאָרקומען אויך דער פארבייט פון קאפּיטאליזם אף קאָמוניזם. עס שטארבט אויס דער אלטער דאָר עקספּלואטא-טאָרן, עס וואקסט אונטער א נייער דאָר פון מענטשן, וואָס האָבן ניט געוואוסט פון קיין עקספּלואטאציע.

אז עס וועלן ניט זיין קיין געזעלשאפטלעכע קלאסן, וואָס מע דארף האלטן אין צאם, אז עס וועט ניט זיין קיין הערשאפט פון איין קלאס איבער דעם אנדערן און קיין קאמף פאר דער עקזיסטענץ, ווען עס וועלן באזייטיקט ווערן די צוזאמענשטויסן און געוואלט-מאיסים, וואס נעמען זיך דערפון, דאן וועט מער ניט זיין וועמען אונטערצודריקן און איינהאלטן אין די לייצעס, דאן וועט פארשווינדן די באדערפעניש אין א מלוכע-מאכט, וואס איז אין עצעם ניט מער ווי די אָרגאניזירטע קראפט פון איין קלאָס מיטן צוועק אונטערצוווארפן דעם אנדער קלאס.

דאָס ארייננמישן זיך פון דער מלוכע-מאכט אין די פאר-העלטענישן צווישן מענטשן וועט ביסלעכווייז ווערן איבעריק און וועט אויפהערן פון זיך אליין. מלוכע וועט צָפּשטארבן מיט א

נאטירלעכן טויט, ווייל מע וועט זי שוין ניט דארפן. און אַנשטאט דער אלטער בורזשואזער געזעלשאפט מיט איר קלאסנקאמף, מיט איר עקספּלואטאציע פון איין מענטשן דורך דעם אנדערן, וואו „נאָר דער איינער, וואס האָט אלעמען געדריקט, האט פריי געטעמט, געלעבט און געווירקט".—וועט ווערן אַ נייע, אָנקלאסנ־דיקע געזעלשאפט פון פרייע און גלייכע מענטשן, וואו די פרייע אנטוויקלונג פון איטלעכן באזונדער וועט זיין דער באדינג פון דער פרייער אנטוויקלונג פון אלעמען אינאיינעם.

## דריטער קאַפּיטל.

אין דעם ערשטן קאפּיטל פון דעם מאַניפעסט איז געווען דערציילט די געשיכטע פון דעם קאמף פון קלאסן און באזונדערס אויספירלעך די געשיכטע און די אנטוויקלונג פון יענע צוויי קלאסן, בורזשואזיע און פּראָלעטאריאט, וואָס זייער קאמף באשטימט דאס גאנצע היינטיקע פּאָליטישע און געזעלשאפטלעכע לעבן.

אין דעם צווייטן קאפּיטל זיינען ארויסגעבראכט געוואָרן די פארהעלטעניסן פון די קאָמוניסטן צו די פּראָלעטאריער און צו זייערע צילן, עס זיינען באטראכט געוואָרן די טאַינעס, וואס די בורזשואזיע און אירע אידעאָלאָגן רופן ארויס קעגן זיי, און דערנאָך זיינען אויסגערעכנט געוואָרן די נאָענטסטע פאָדערונגען, וואָס די קאָמוניסטן שטעלן ארויס פאר דער איבערגאנג-צייט.

אָבער אכוץ די קאָמוניסטן, וואס האבן זיך געהאט אָרגאַניזירט אין דעם „פארבאנד פון קאָמוניסטן", זיינען געווען נאָך אנדערע סאציאליסטן און קאָמוניסטן, וואס האבן אויך געזעען צו ארבעטן אין דער סוויווע פון דעם פּראָלעטאריאט און ווירקן אף אים. עס איז נויטיק געווען קלאָר צו מאכן די באציאונג צו די אלע שטרעמונגען און ריכטונגען. אָט מיט דעם פארנעמט זיך דער דריטער קאפּיטל.

ס'איז אוואדע גאנץ פארשטענדלעך, אז גראָד דער קאפּיטל איז אמערסטן פארעלטערט געוואָרן. דער קאָמוניזם פון מארקסן

און ענגעלסן איז פאר די 75 יאָר אויסגעוואַקסן אין א געוואַל-דיקער גראפט און איז געוואָרן דאס גלויבן פון צענדליקער מי-ליאָנען ארבעטער. פארקערט, די אלע טויִרעס, וואס קען זיי איז ער אמאָל ארויסגעטראָטן, קעדיי דורכצושלאָגן זיך א וועג, האָבן שוין לאנג אויפגעהערט צו שפּילן עפּעס א ראָלע און זיינען דאס ראָוו לעגאמרע פארגעסן געווארן. זיי זיינען פארבליבן נאר, ווי א זאך פון דער פארגאנגענהייט, וואס מע דארף שטודירן, קעדיי צו פארשטיין דעם היינט, אָבער קיין אומיטלבארן פראקטישן ווערט האבן זיי איצטער ניט. די קאָמוניסטן קומט איצט אויס צו פירן א קאמף מיט גאנץ אנדערע פארטייען, מיט אנדערע שטרעמונגען, און אָפט מיט אזוינע, וואס פארזיכערן אי אנדערע אי זיך, אז זיי זיינען אויך טאלמידים פון מארקסן און ענגעלסן.

דאס אלץ דארף מען האבן אין זינען, בעשאס מע לייענט דעם דריטן קאפיטל. אסאך אָנווייזונגען טרעפן אין פינטל אריין אויך איינִיקע פון די איצטיקע קעגנער פון דעם קאָמוניזם, אָבער א דירעקטע שאיכעס האבן זיי צו אזעלכע פארטייען און שטרע-מונגען, וואס זיינען שוין אינגאנצן אראָפּ פון דער היסטאָרישער סצענע.

אכוץ דעם, איז די נעמען, וואס ווערן באנוצט אין דעם קאפיטל, האבן אמאל גאר ניט דעם זינען, וואס מיר פארשטייען אונטער זיי. דאס ווארט קאמוניזם ווערט באנוצט אין א בא-שטימטן זינען, און באטייט די לערע, וואס פאָדערט, עס זאל אפּ-געשאפט ווערן דאס פּריוואט-אייגנטום, און קאמוניסט הייסט דער, וואס שטעלט ארויס דידאזיקע פאָדערונג. פארקערט, דאס וואָרט סאציאליזם באטייט ניט נאר די לערע פון די עמעסע סאציאליסטן, וואס האבן פארשטאנען, אז דער מאָקער פון אלע צאָרעס ליגט אין דעם קאפיטאליזם גופע, נאר וואס האבן גע-האפט, אז עס וועט זיך זיי איינגעבן איינצורעדן די בורזשואזיע, זי זאל איבערבייטן איר „הארץ". מיט דעמזעלביקן ווארט סא-ציאליזם באצייכנט מארקס אויך די פארשיידענע לערעס פון

קאלערליי דענקער און פאליטישע טוער, וואס האבן זיך געמיט מיט אלערליי מיטלען און קאלערליי „קאלטע קאמפרעסן" צו בא-הערשן די סאציאלע צארעס, אזוי אז אי די וועלף זאלן זיין זאט אי די שאף זאלן בלייבן גאנץ, ד. ה. ניט פארשאפנדיק דעם מינדסטן שאדן ניט דעם קאפיטאל און ניט דעם רעווען.

איז אט דער לעצטער מין סאציאליזם טיילט זיך אף צוויי קאטעגאריעס: רעאקציאנערער און קאנסערוואטי-ווער. לאמיר אנהויבן פון דעם ערשטן.

דער רעאַקציאנערער סאָציאַליזם וואָלט וועלן באַ-זייטיקן די צאָרע פון קאַפּיטאליזם דורך אומקערן זיך צו די גע-זעלשאַפטלעכע פּאָראָנדקעס, וואָס זיינען פריער געווען, ער וואָלט, הייסט עס, וועלן אַ דריי טאָן די ראָד פון געשיכטע אַף צוריק, מאכן אַ מין „האַשיווייינע נאַזאַד". זיינע אויסדריקער און נעוויאים זיינען פאָרשטייער פון יענע קלאַסן, וואס האָבן געליטן פון דער אַנטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאליזם און האָבן אָנגעוואָרן זייערע פּריווילעגיעס.

אין דער ערשטער רייע רופט אָן דער מאַניפעסט דעם פעאָדאַלן סאָציאַליזם. דאָס איז דער סאַמע צוויעסדריקער מין רעאַקציאָנערער סאָציאַליזם. אין גרעסטן טייל זיינען דאָס פאָר-שטייער פון דער אַלטער איכעס-אַריסטאָקראַטיע אין ענגלאַנד און פראנקרייך, וואָס האָבן ניט געקענט מויכל זיין דעם נייעם הערשנ-דיקן קלאַס, דער בורזשואַזיע. דאַכט זיך, גאָר ניט לאַנג פלעגט זי אָפּשלאָגן באַ זיי די שוועלן, און איצטער קוקט זי אַף זיי, ווי אַ כוצפּעדיקער אויפגעקומענער העדיעט, פון אויבן אַראָפּ. אַלע פּרואוון פון רעסטאַווראַציע, אויפשטעלן צוריק די אַלטע אָרדענונג, האָבן זיך אויסגעלאָזן מיט גאָרנישט. אין פראַנקרייך, וואו עס האָט זיך איינגעגעבן נאָך דער גרויסער רעוואָלוציע און נאַפּאָלעאָנס מיליטערישער דיקטאַטור צוריק אויפשטעלן אַף אַ צייט די מאַכט פון דער אַלטער קיניגלעכער דינאַסטיע (די בורבאָנען) — דידאָזיקע יאָרן, פון 1815 ביז 1830, רופט מען דעריבער די עפּאָכע פון

רעסטאווראציע, — האָט אַ נייע רעוואָלוציע, די יולי-רע-
וואָלוציע פון 1830 יאָר, ענדגילטיק אַראָפּגעוואָרפן די פעאָ-
דאַלע אַריסטאָקראַטיע. אין ענגלאַנד האָט זי אויך אַזאַ קלאַפּ גע-
קראָגן פון דער פּארלאמענט-רעפאָרם אין 1832 יאָר, וואס
האָט אָפּגעשאַפט די אַזוי גערופענע פוילע שטעטלעך, ד. ה.
זי האָט אָפּגענומען באַ די פעאָדאלן דאס רעכט צו שיקן דעפּו-
טאַטן פון די פאַרוואָרפענע דערפער, וואס האבן זיי געהערט, און
האט איבערגעגעבן דאָסדאָזיקע רעכט צו די אינדוסטריעלע שטעט.

אָט די באַליידיקטע אַריסטאָקראַטן האבן איצט אָנגעהויבן
באַשולדיקן די בורזשואַזיע, אז דאס איז זי שולדיק אין אלע צא-
רעס, וואס האבן באַלייט די אנטוויקלונג פון דער נייער געזעל-
שאפט. זיי האבן אויפגעדעקט די פאָראַנדקעס אף די פאבריקן און
זייגען ארויסגעטראָטן ווי פארטיידיקער פון די ארבעטער; דאָס
האט זיי פונדעסטוועגן גאָרניט געשטערט צו עקספּלואטירן אפן
שענדלעכסטן אויפן זייערע ארענדאטאָרס און רויבן זייערע לאנד-
ווירטשאפטלעכע ארבעטער. זיי וואָלטן וועלן צוריק אויפשטעלן די
אלטע פעאָדאלע געזעלשאפט, „וואו א מאכנע אונטערגעדריקטע
און ציטערנדיקע קנעכט האט מעקאנע געווען דעם לעבן פון דעם
לעצטן פריצישן הונט“, אָבער וואו די נידעריקע שטאנדן האבן אין
דערזעלביקער צייט געהאט דערכערעץ פארן סעניער, זיינען גע-
גאנגען אין קלויסטער און האָבן פלייסיק געארבעט.

צו זיי געהערן, אין פראנקרייך, געוויסע לעגיטימיסטן,
אָנהענגער פון די צוויי מאָל אַראָפּגעווארפענע בורבאָנען, און
„יונג ענגלאנד“, א קרייז יונגע פאָרשטייער פון דער ענגלישער
אַריסטאָקראטיע, וואוהין עס איז אריינגעטראָטן אויך דיזראעלי,
שפּעטער א בארימטער מלוכע-טוער, אן אווטאָר פון דערציילונגען,
וואָס האבן זייער בוילעט געשילדערט די רעזולטאטן פון דער
אנטוויקלונג פון גרויס-אינדוסטריע אין ענגלאנד. קעגנער פון דער
אינדוסטריעלער בורזשואזיע און פון דער פרייהייט פון האנדל,
האבן זיי געוואָלט צוציען אף זייער צאד די ארבעטער, קעדיי

אויפצושטעלן די פּאָליטישע הערשאפט פון דער עמעסער אריס-
טאָקראטיע, וואס וועט שוין ניט דערלאָזן, אז די ארבעטנדיקע
מאסן זאָל געשעען עפּעס שלעכטס. פון די לעצטע האט זיך נאר
געפאָדערט, זיי זאָלן האבן דערכערעץ און ליב האבן זייערע פּאס-
טעכער. פארשטייט זיך, קעגן ארבעטער אזעספּעַנימער און ווידער-
שפּעניקע האבן זיי געהאלטן פון די שטרענגסטע מיטלען.

קימאַט פון דערזעלביקער טייג איז געקנאָטן אויך דער
גאַלאָכישער אָדער קריסטלעכער סאָציאליזם.

האַגאַם געוויסע פאָרשטייער זיינע זיינען פּערזענלעך געווען
גאַנץ לייטישע מענטשן, איז דאָס דאָך איינער פון די סאַמע אָפּ-
שטויסנדיקע מינים פון רעאַקציאָנערן סאָציאליזם. מע דאַרף אים
נאָר ניט צעמישן מיטן מיטלאלטערלעכן קאָמוניזם, אָדער מיטן
קאָמוניזם פון מיונצערן, וואס האָט זיך אויך געשטיצט אפן
קריסטנטום. דידאָזיקע רעוואָלוציאָנערע קאָמוניסטן-סעקטאַנטן זיי-
נען אויפגעשטאַנען קעגן דעם אָפיציעלן קריסטנטום און פלעגן
ארויסרוקן דאָס אורשפּרינגלעכע קריסטנטום, וואָס האָט נאָך גע-
האַט אַ בונטאַרישן כאַראַקטער, ווי אַ רעליגיע פון באַלמעלאָכעס
און פּויערים.

דער היינטיקער קריסטלעכער סאָציאַליזם, זאָגט איינער א
מעסיקער דייטשישער געלערנטער, פירט זיך אויף, ווי אַ מאראָ-
דער אפן שלאַכטפעלד. ער גאַנוועט זיך אונטער צו אלעמען,
וועמען די היינטיקע געזעלשאַפט האָט צעוואונדעט און אָפּגע-
שוואכט. כדיי איסצוהיילן זיי פון די וואונדן און פון דעם צאָרן,
פון דער פארביסנקייט קעגן דערדאָזיקער געזעלשאַפט. דערדאָזי-
קער סאָציאליזם פארשמירט אלע געוואָלעס פון דער בורזשואזיע
קעגן די ארבעטער. ער רופט צו דער בורזשואזיע, זי זאָל זיין
ניטהארציק, און די ארבעטער — אונטערטעניק. ער רעקאָמענדירט
דעם פּראָלעטאריאט אונטערטעניקייט און א געבראָכן געמיט, בע-
איס „פארן פּרעלעטאריאט, וואָס וויל ניט, מע זאָל זיך מיט אים
באגיין, ווי מיט אן אָפּפאל פון דער מענטשהייט, — פאר דעם

פראָלעטאַריאט איז געוואגטקייט, זעלבסטבאוואוסטזיין, דאָס געפיל פון שטאָלץ און אומאפהענגיקייט וויכטיקער פון ברויט".

צום ר ע א ק צ י אָ נ ע ר ן סאָציאַליזם רעכנט צו דער מאַניפעסט אויך דעם ק ל יי נ ב י ר ג ע ר ל ע כ ן. דאָס איז דער סאָציאַליזם פון קלייבבירגער און פויערים, וואָס ליידן אויך פון דער אנטוויקלונג פון קאַפיטאַליזם. זיינע פאָרשטייער פארהאלטן זיך אַמאָל צום ארבעטער-קלאס מיט מער מיטגעפיל, זיי שילדערן מיט היץ זיינע ליידן, דעקן אויף מיט ליידנשאפטלעכע שטראָפרייד די איבערמאָסיקע זשעדנעקייט פון דער בורזשואַזיע. זיי ווילן ניט פארניכטן די דאָזיקע געזעלשאפט, זיי ווילן זי נאָר אויסבעסערן, מאכן זי מער צו דערליידן. זייער אידעאל איז — א פארמעגלעכער באַלמעלאָכע, וואָס ארבעט אין א קליינעם ווארשטאט, א פארמעגלעכער פויער, וואָס ארבעט זיך אף זיין נאכלע. בעהעסקעם דערמיט וואָלטן זיי וועלן אויך דעם ארבעטער פארוואנדלען צוריק אין א באלמעלאָכע אָדער פויער. אזוי אָבער ווי דאָס איז דאָך אומעגלעך, איז בלייבט זיי אויסן נאָר צו באַוויינען די שאלקהאפטיקייט פון דעם הערשנדיקן קאפיטאליזם. צו די סאמע טאלענטפולע און איידעלע פאָרשטייער פון אָט דעם סאָציאליזם האָט געהערט דער פראנצויזישער געלערנטער ס י ס מ אָ נ ד י. ווען בא אונז אין רוסלאנד האָט זיך אנגעהויבן אנטוויקלען דער קאפיטאליזם, האָבן זיך אין דער רוסישער ליטעראטור אויך געוויזן שרייבער, וואָס האָבן, אזוי ווי סיסמאָנדי, געטרוימט וועגן אומקערן זיך צו דער אלטער „פאָלקספראָדוקציע", ווען עס איז ניט געווען ניט קיין קאפיטאליסטן, ניט קיין פראָלעטאריער.

אויך איצטער טרעפן זיך נאָך פארשטייער פון דעם ר ע א ק צ י אָ נ ע ר ן סאָציאַליזם, ווי דער מאַניפעסט באשרייבט אים. עמעס, פאָרשטייער פון דעם פ ע אָ ד א ל ן ס אָ צ י א ל י ז ם זיינען איצטער פונקט אזא זעלטנהייט, ווי א פארצייטיקער בופלאָקס. דערפאר איז אָבער פאָרשטייער פון דעם ג א ל אָ כ י ש ן אָדער ק ר י ס ט ל ע כ ן ס אָ צ י אַ ל י ז ם פאראן איבערגענוג. וואָס שטאר=

קער עס צעוואקסט זיך די פראָלעטאַרישע באוועגונג, אלץ מער וואקסט די צאָל פון אָט די פאלסיפיצירער פון סאָציאליזם. וואָס מער די רעליגיע עסט זיך צו די פראָלעטאריער, אלץ מער פאר־ווייסט מען זי מיט סאָציאליזם. נאָר אויב א גאלעך קען מען דערקענען אפילו אין א ראָגאָזשע, איז נאך גרינגער צו דערקע־נען, ניט געקוקט אפן יארליק פון סאָציאליזם, אין דערדאָזיקער געמישעכץ דעם אלטן פארשיקערונגס־געטראנק, וואס דארף דעם פראָלעטאריער מאכן פארגעסן וועגן אלע נעוואָלעס און פאסקוד־סטוועס פון דער בורזשואזער געזעלשאפט.

דערפאר איז לעגאמרע פארשוואונדן יענער מין רעאקציאָ־נערער סאָציאליזם, וואס דער מאניפעסט גיט אים אָפּ אזוי פיל אָרט. דאס איז—דער ד י י ט ש י ש ע ר אָדער דער „ע מ ע ס ע ר ס אָ־צ י א ל י ז ם".

דאָ האָט זיך געלאָזט פילן דאָס, וואס די אווטאָרן פון דעם מאַניפעסט זיינען ביידע געווען דייטשן. אויב דער פראָלעטאריאט דארף קוידעמקאָל מאכן א סאָף צו זיין אייגענער בורזשואזיע, איז דארפן זיינע פאָרשטייער קוידעמקאָל און אפן שארפסטן אויפן פאנאנדערקלייבן זיך און פארמישפעטן די אלע סאָציאליסטן, וואָס שטערן דעם קאמף פון פראָלעטאריאט. דערמיט דערקלערט זיך די היציקייט, מיט וואָסערער די אווטאָרן פון דעם מאניפעסט שמייסן די „עמעסע סאָציאליסטן".

די דייטשישע סאָציאליסטן האָבן דאן מיטגעפילט דעם פראָלעטאריאט און האָבן אין א רייע ארטיקלען און ביכער בא־שריבן זיין צאָרעדיקע לאגע. זיי האָבן געשטורעמט די בורזשואזע געזעלשאפט, אָבער אין זייערע טאינעס האָבן זיי דערלאָזן אזא טאעס, וואָס האָט זיי געמאכט פאר די נאָענטסטע קרויווים פון די פארביסנסטע רעאקציאנערן.

זיי האָבן געטאינעט אומגעפער אזוי: אין די מאירעוו לענ־דער — און פאר זיי זיינען מאירעוו־לענדער געווען פראנקריין און ענגלאנד, — ליידט דער ארבעטער־קלאס פון דעם קאפיטאליזם,

האגאם אין יענע לענדער איז כאראן אי א פארלאמענט, אי פאָ־ליטישע פרייהייט. דאלעס איז דאָרט ניט ווינציקער, ווי אין די־מיזורעך־לענדער. צי איז קעדאי צו פאטערן קויכעס אף אויסצו־קעמפן פאליטישע פרייהייט, אויב דאָס פירט צו אזעלכע רעזול־טאטן? און די דייטשישע סאָציאליסטן האָבן געענטפערט, אז זיי זיינען צו פאליטישער פרייהייט מער ווי גלייכגילטיק. זי איז זיי, ווי איינער פון זייערע לייט האָט זיך אויסגעדריקט, פּאָשעט עקל־האפט. און אנדערער, וואָס דער מאגיפעסט רופט אים אָן אלס דעם וויכטיקסטן פאָרשטייער פון דעמדאָזיקן טאָציאליזם, קארל גרין, האָט געשריבן:

„ווער פאָדערט אין פרייסן א קאָנסטיטוציע (פרייע פּאָלי־טישע אינסטיטוציעס)? די ליבעראלן. ווער זיינען זיי די ליבע־ראלן? הערן אין אייגענע הייזער און געוויסע שרייבער, וואָס אָדער זיי האָבן אליין אזעלכע הייזער, אָדער וואָס זייערע גע־דאנקען גייען ניט ווייטער פון די פארלאנגען פון דידאָזיקע בע־קאוועדיקע אייגנטימערס פון הייזער און פאבריקן. צי איז אָט דאָס הייפל אייגנטימערס אינאיינעם מיט זייער שרייבנדיקער לייב־וואַך דאָס פאָלק? ניין. צי פארלאַנגט דאָס פאָלק א קאָנסטי־טוציע? אפילע אין כאָלעם ניט... ווען די שלעזישע וועבער וואָלטן זיין באוואוסטזיניק, וואָלטן זיי געדאַרפט פּראָטעסטירן קעגן א קאָנסטיטוציע. דער פּראָלעטאַריאַט האָט אָבער ניט דער־צו ניט קיין באַוואוסטזיניקייט ניט קיין רעכט; דעריבער טוען מיר אין זיין נאָמען, מיר פּראָטעסטירן!".

ס'פארשטייט זיך, אז אזעלכע דיבורים האָבן געמוזט ארויס־רופן בא די קאָמוניסטן דעם גרעסטן צאָרן. דאָס איז דאך געווען געשריבן גלייך נאָך דעם, ווי די שלעזישע וועבער זיינען באַקאַנט געוואָרן מיט אַלע אַנטיקלעך פון דער פּרייסישער זעלבסטהערשונג, ווען מען האָט לויטן באַפעל פון דעם פרייסישן קיניג ארויסגע־שטעלט קעגן זיי מיליטער און צעשאסן אסאך פון זיי גאָר

דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן פּראָטעסטירט קעגן דער אומענטשלעכער עקספּלואַטאַציע מיצאַד די פֿאַבריקאַנטן.

די „עמעסע סאָציאַליסטן" האָבן ניט פֿאַרשטאַנען, אַז דער פּראָלעטאַריאַט מוז האָבן די פּאָליטישע פֿרייהייט, קעדיי צו אָרגאַניזירן זיך, קעדיי צענויפֿצוזאַמלען די קויכעס. זייערע שרייבעכצן און זייערע דיבורים האָבן געקענט פֿאַרשאַפֿן פֿאַרגעניגן נאָר די ערגסטע רעאַקציאָנערן, וואָס האָבן אַפּילע הערן ניט געוואָלט וועגן וועלכע עס איז פּאָליטישע פֿרייהייטן.

די „עמעסע סאָציאַליסטן" אין דייטשלאַנד זיינען פֿאַרשוואונדן אָן א שפּור. אָבער באַ אונז אין רוסלאַנד האָבן זיך געוויזן זייער ענלעכע צו זיי פּאָלקיסטן-סאָציאַליסטן, צום סאָף פֿון די 70-ער און 80-ער יאָרן פֿון דעם פֿאָריקן יאָרהונדערט. מע דאַרף זיי נישט צענויפֿמישן מיט די ר ע וו אָ ל ו צ י אָ נ ע ר ן - פּ אָ ל ק י ס ט ן (נאַראָדניקעס), וואָס א טייל פֿון זיי האָט געלייקנט אין דעם קאַמף פֿאַר אַ קאָנסטיטוציע דערפֿאַר, ווייל זיי האָבן געוואָלט מיטאַמאָל פֿאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם, און נאָך א טייל, ווי די „נאַראָדאָוואָלצעס", האָבן געטרוימט מיט דער הילף פֿון טעראָר צו פֿאַרכאַפּן די פּאָליטישע מאַכט, און שוין דאַן פֿאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם. דאָס זיינען געווען, באַ אַלע זייערע טאָעסן, עמעסע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן דערלאַנגט דער רוסישער זעלבסטהערשונג ניט איין קלאַפּ.

מיר ריידן וועגן יענע שרייבער, וואָס פֿלעגן איבערכאַזערן, אליין ניט וויסנדיק עס, אַמאָל וואָרט בא וואָרט, די קלאָלעס, וואָס די דייטשישע „עמעסע סאָציאַליסטן" האָבן געשאָטן אויף דער בורזשואַזיע און דעם קאַפּיטאַליזם; זיי האָבן געקעמפֿט קעגן קאָנסטיטוציע און פֿאַקטיש זיינען זיי געווען מעשאָרסים בא דער צאַרישער זעלבסטהערשונג.

איצטער לאָמיר אַריבערגיין צום צווייטן מין, צום ב ו ר ז ש ו א ז ן אָדער ק אָ נ ס ע ר ו ו אַ ט י וו ן ס אָ צ י א ל י ז ם. די פֿאַרשטייער זיינע זיינען אָנהענגער פֿון דער איצטיקער בורזשואַזער

געזעלשאַפט, וועלכע מאַכמעס די צאָרעס, וואָס זיינען אומפאַר-מיידלעך פאַרבונדן מיט איר, הויבן זיי אָן מוירע צו האָבן פאַר דער עקזיסטענץ פון דערדאָזיקער געזעלשאַפט. זיי וואָלטן וועלן באַזייטיקן די צאָרעס, קעדיי איינצוהאַלטן די איצטיקע געזעל-שאַפט. צוליב דעם לייגן זיי פאָר מיטלען פון פילאַנטראָ-פיע, צדאָקע, וואָס דאַרפן באַרואיקן די אַרבעטער און מאַכן באַ זיי אַ שאַלעם מיט דער היינטיקער געזעלשאַפט; אַנדערע לייגן פאָר קאָלערליי רעפאָרמען, אויסבעסערונגען, וואָס דאַרפן פאַריכטן געוויסע כעסרוינעס פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט און, אַף אַזאַ אויפן, פאַרשטאַרקן זי, מאַכן זי מער שטאַנדהאַפטיק. „דער אידעאַל פון גוט אָפּגעפּאַשעטע אַרבעט-בעהיימעס — דאָס איז דער אידעאַל פון דעספּאָטן, אָבער אויך דער אידעאַל פון די סאַמע הומאַנע (מענטשנליבנדיקע) בורזשואַ, פון יענע בורזשואַ, וואָס וואָלטן וועלן וויפריכטיק געבן דעם אַרבעטער אַ מאַטע-ריעלע שעפע, ניט צעברעכנדיק אָבער דערביי די קייטן פון קאַ-פּיטאַל, וואָס הענגען אַף אים“.

צו די בורזשואַזע סאָציאַליסטן רעכנט צו דער מאַניפעסט אויך פּרודאָנען, כאָטש ער איז איינער פון די שאַרפסטע קריטיקער פון דעם קאַפּיטאַליזם. אָבער פּרודאָן איז דאַן געווען אויך אַ קעגנער פון די קאָמוניסטן און האָט זיי גע-זידלט מיט די לעצטע ווערטער. ער האָט געזידלט די גרויסבור-זשואַ און ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער גרויס-אינדוסטריע, אָבער אין דערזעלביקער צייט האָט ער אַפילע ניט געוואָלט הערן וועגן פאַרניכטן פּריוואַט-אייגנטום. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז ווי באַלד ער פאַרטיידיקט פּריוואַט-אייגנטום, איז דערמיט גופע דערלאָזט ער שוין אויך דאָס קאַפּיטאַליסטישע פּריוואַטע גרויס-אייגנטום. ער האָט געוואָלט, עס זאָל זיין די בורזשואַזע געזעל-שאַפט, נאָר זי זאָל ניט באַשאַפן קיין פּראָלעטאַריאַט, עס זאָל בליען די סכוירע-פּראָדוקציע, נאָר עס זאָל ניט זיין קיין קריזיסן, קיין פאַלן פון מעקאָכים. אָט פאַרוואָס זיין אידעאַל איז אַן

אָפּגעלייטערטע בורזשואזע געזעלשאַפט, זיין סאָציאַליזם — איז א בורזשואַזער. ער האָט געוואלט אויפהיטן די יעסוידעס פון דער בורזשואזער געזעלשאַפט, דערפאר איז זיין סאָציאַליזם אויך א קאָנסערוואַטיווער.

גאר אַנדערש פאַרהאַלט זיך דער מאַניפעסט צו דעם מין סאָציאַליזם, וואס ער רופט קריטיש-אוטאָפּישער, און צום קאמוניזם פון אַנדערע ריכטונגען.

נאָך אין 16-טן יארהונדערט, ווען דער קאַפּיטאַליזם אין ענגלאנד האָט זיך ערשט אנגעהויבן צו אַנטוויקלען, האט ער זיך דאָך שוין איינגעקערט צו באַווייזן זיך אין זיין גאַנצן גלאַנץ. שוין דאַן האבן זיך געפונען מענטשן, וואס האבן פאַרשטאַנען, אז דער וואוקס פון דער צאל בראָדיאַגעס, פאַרברעכערס און פון דאַלעס ווערט ארויסגערופן ניט דורך עפּעס א באַזונדערער פאַר-דאָרבנקייט פון די ארימעליים, נאר דורך די נייע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, קוידעמקאָל דורך דעם פּריוואַט-אייגנטום אויף פּראָ-דוציר-געצייג. טאָמאַס מאָר, איינער פון די געבילדעטסטע מענטשן אין זיין צייט, האט אין 1516 יאָר אנגעשריבן א „גאָלדן ביכל וועגן דער בעסטער געזעלשאַפטלעכער איינאָרדענונג און וועגן דעם נייעם אינזל אוטאָפּיע". דער נאָמען אוטאָפּיע איז גענומען פון גריכיש און באַטייט — ערגעץ ניט, אַ לאַנד פון ער-געץ ניט. אַפּשילדערנדיק אויספירלעך אלע צאָרעס, וואס די אַנט-וויקלונג פון קאַפּיטאַליזם האט ארויסגערופן אין ענגלאנד, דער-ציילט מאָר וועגן דעם גליקזעליקן לעבן אויפן אינזל אוטאָפּיע, וואו עס איז אָפּגעשאַפט פּריוואַט-אייגנטום.

פון דאַן אָן רופט מען אַזעלכע באַשרייבונגען פון פאַנטאַס-טישע לענדער, וואס אין דער ווירקלעכקייט זיינען זיי ניט פאַ-ראַן, און וואו עס הערשט א מוסטערהאַפטע אָרדענונג — אוטאָ-פּיעס; מיטן וואָרט אוטאָפּיש באַצייכנט מען אַזוינס, וואס קען ניט מעקויעם ווערן, און אוטאָפּיסט רופט מען א טרוי-

מער, וועלכער שטעלט זיך פאנטאסטישע צילן, וואס קענען ניט מעקוים ווערן.

נאר איידער מיר גייען אריבער צו די אוטאפיסטישע סאציאליסטן, לאמיר נאך זאגן עטלעכע ווערטער וועגן באבעפן און זיינע פארגייער. וועגן זיי זאגט דער מאניפעסט אפן, אז זיי האבן אויסגעדריקט די פאדערונגען פון דעם פראלעטאריאט אין אלע גרויסע רעוואלוציעס פון דער נייער צייט.

מיר האבן שוין גערעדט וועגן טאמאס מינצער, וואס איז ארויסגעטראטן בעאיים דעם גרויסן פויערים-קריג קעגן פריוואט-אייגנטום, ווייל דאס איז סויטער די יעסוידעס פון עמעסן קריסטנטום. ער איז געווען ענג פארבונדן מיט די פראלעטארישע שיכטן פון יענע שטעט, וואו אים איז דאן אויסגעקומען צו פרעדיקן. ער האט געפאדערט פון זיינע אנהענגער שטרענגע מידעס און אפזאגן זיך פון ניט-נויטיקע פארגעניגנס. אט דער אסקעטיזם איז געווען פארבונדן מיט דער פאדערונג פון שטרענגסטער גלייכהייט, מיט אפזאגן זיך פון יעדן מין פריווילעגיעס. אין א צייט, ווען די געזעלשאפט האט אין איר רעשוס ניט קיין גענוגנדיקן סכום עקזיסטענץ-מיטלען, איז אזא פאדערונג פון שטרענגער, מעגושעמדיקער אויסגלייכונג גאנץ פארשטענדלעך. ווען בא איינעם איז דא איבעריקס, הייסט עס, אז בא דעם אנדערן פעלט.

דיזעלביקע שטריכן טרעפן מיר בעאייט דער ענגלישער רעוואלוציע פון 17-טן יארהונדערט (1640—1658). דארט זיינען, אכוץ די לעוועלערס (אויסגלייכער) סטאט, וואס האבן זיך באנוגנט מיט דער פאדערונג פון פולער פאליטישער גלייכהייט, — זייער אנפירער איז געווען לילבארן, — געווען נאך עמעסע לעוועלערס, וואס האבן געפאדערט פולשטענדיקע עקאנאמישע גלייכהייט. פארשטייער פון די ערדלאזיקע באטראקעס האבן געפאדערט, מע זאל אפשאפן פריוואט-אייגנטום אף ערד און א פולשטענדיקע גלייכהייט אין דער פאנאנדערטיילונג

פון אַלע גיטער. מע האָט זיי גערופן **דיגערס**, ד. ה. גרעבער, וואָרום זיי פלעגן פירן א פּאָשעטער איינמעלדונג פאַר־באַפן קאָהאָלשע ערד, פלעגן צענעמען די פלאנקענס און פלעגן געמיינזאַפטלעך באארבעטן די ערד.

אין דער צייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואלו־ציע טרעפן מיר ווידער רעוואָלוציאָנערן, וואָס פאָדערן ניט בלויז פּאליטישע, נאָר אויך עקאָנאָמישע גלייכהייט. דאָס זיינען געוועזן די אַזוי גערופענע **צעווילדעוועטע**, וואס האָבן מיט זייערע עקסטרעמע פאָדערונגען געשראָקן אַפילו ראָבעספּיערן. און גע־פאָדערט האָבן זיי נאר אַן אומבעראכמאָנעסדיקן קאַמף מיט קאָל־ערליי ספּעקולאַנטן און וואָכערניקעס, וואָס האָבן אויסגענוצט דאס אַלגעמיינע דאַכקעס און האָבן אומפאַרשעמט אויפגעבלאָזן די מע־קאָכים. זיי זיינען געווען פאר אומבאַדינגטער גלייכהייט און האָבן דעריבער געפאָדערט, מע זאָל רעקוויזירן, פאַרוואַנדלען אין מלוכע־אייגנטום אַלע פאראנענע רעזערוון. דעם גרעסטן איינפלוס האָבן זיי געהאַט אין די אַרבעטער־קווארטאלן. ראָבעספּיער, וואָס האָט מוירע געהאַט אינגאַנצן אָפּצושרעקן פון דער רעוואָלוציע די מיטלשיכטן פון דער בורזשואַזיע, האָט אין 1794 יאָר געמאַכט מיט די „צעווילדעוועטע“ אַ קורצן סאָף. דערמיט האָט ער אָבער נאָר פאַרגיכערט דעם ניצאָכן פון די מעסיקע עלעמענטן, וואָס האָבן צוגעאיילט און האָבן מיט אים אליין און מיט זיינע אָנהענ־גער געמאַכט א סאָף (דעם 27 יולי 1794 יאָר אָדער, לויטן רע־וואָלוציאָנערן קאַלענדאַר, דעם 9־טן **טערמידאָר** אין דעם צווייטן יאָר פון דער רעפּובליק).

די טערמידאָריאַנער האָבן אויסגענוצט די מאַכט, קעדיי נאָכמער אָנצודריקן אף די אַרבעטער. זיי האָבן פאַרמאַכט די קלובן, האָבן באַגרענעצט די פרייהייט פון פרעסע פאַר די קעגנער פון דער בורזשואַזיע. דאַן האָט **באַבעף** און זיינע כאַווײרים באַשלאָסן צו מאַכן אַ פאַרשווערונג, קעדיי אראָפּצוּוואַרפן די בורזשואַזיע און איינשטעלן אַן אַלגעמיינע גלייכהייט. אַפן פאַל,

אויב עס ווען זיך זיי איינגעבן צו פאַרכאַפּן די מאַכט, האָבן זיי אויסגעאַרבעט א רייע דעקרעטן קעגן דער בורזשואזיע און לע־טויוועס די אַרבעטער. איטלעכער, וואָס אייגנט זיך צו א מאָ־נאָפּאָל-רעכט אף צו באַנוצן זיך מיט פּרוכטן פון דער ערד און אינדוסטריע איז, לויט זייער מיינונג, א פאַרברעכער.

עס האָט זיך אָבער צווישן זיי אריינגעמאַכט א פּראָוואָקאַ־טאָר. באַבעפן און זיינע כאַווירים האָט מען געכאַפּט, אים אַליין און דאַרטע האָט מען געקעפּט, און די איבעריקע פאַרשיקט. צווישן די לעצטע איז געווען בואָנאַראָטי. מיט אסאך יאָרן שפּעטער האָט ער זיך אומגעקערט קיין פראַנקרייך, האָט געפּריי־דיקט צווישן די רעוואָלוציאָנערן די „לערע פון די גלייכע", האָט געהאַט א גרויסע ווירקונג אף אָגיוסט בלאַנקי, וואָס איז אין זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט געגאַנגען לויט די געבאָטן פון באַבעפן און זיינע פריינט (די באַבואוויסטן). נאָך בלאַנקיס נאָמען רופט מען בלאַנקיסטן יענע קאָמוניסטן, וואָס האָבן געהאָפט, מיט דער הילף פון א געלונגענער פאַרשווערונג פון א קליינעם הייפל אנטשלאָסענע רעוואָלוציאָנערן, צו פאַרכאַפּן די פּאָליטישע מאַכט און דעקרעטירן, דורכפירן מיט דער הילף פון א רייע דעקרעטן, דעם קאָמוניזם. זיי האָט זיך אַפילו איינ־געגעבן צוציען אף זייער צאַד א געוויסע צאָל אַרבעטער, דאָך האָבן זיי גאָר ניט געהאלטן פון א קלאַסן-אָרגאַניזאַציע פון דעם פּראָלעטאַריאַט, און אַרבעטן אין דערדאָזיקער ריטונג, האָבן זיי גערעכנט, הייסט דערוויילע אומזיסט פאַטערן קויכעס.

קעגן א קלאַסן-אָרגאַניזאַציע פון דעם פּראָלעטאַריאַט, קעגן באַשאַפן א באַזונדערע קלאַסן-פּאַרטיי זיינען געווען אויך די אַזוי־גערופענע גרויסע אוטאָפּיסטן. אונטער דעם נאָמען פאַר־שטייט מען געווינלעך סען-סימאָן, פוריע און אָוען, וואָס זיינען אָנגערופן אויך אין מאַניפעסט.

אַלע דריי האָבן אָפּגעגעבן זייער גאַנץ לעבן צו איין זאַך: פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער-קלאַס. אָבער

גרייט אף אלץ צוליב דעם פאָלק, צוליב דעם ארבעטער-קלאס, הייס מיטפילנדיק די ליידן פון די אונטערגעדריקטע קלאסן, האָבן זיי דאָך ניט געגלויבט אין די קויכעס פון דידאָזיקע קלאַסן, אין זייערע פעאיקייטן. זיי האָבן אינגאנצן ניט גענומען אין כעשבן די אייגענע קויכעס פון דעם ארבעטער-קלאס. ער איז געבליבן אין זייערע אויגן אַן אומבאהאלפענער, ליידנדיקער קלאס, וואס מע דאַרף ווען אים זאָרגן, מע דארף אים העלפן. זיי טראכטן צו סַפּעציעלע פּלענער פון א צוקונפטיקער געזעלשאפט, די אוטאָפּיעס זייערע, און דערווייזן אלעמען, אלעמען, אז עס איז גענוג נאָר אָנצונעמען זייער פּלאן, קעדיי מיט איין מאָל צו פארוואַנדלען די איצטיקע געזעלשאפט פון א טרערן-טאָל אין א גאניידן אף דער וועלט. אין דער נויט זעען זיי ניט מער ווי נויט, זיי פארשטייען ניט, אז די באדינגונגען, אין וואָסערע דער פּראָלעטאריאט לעבט באם קאפּיטאליזם, שטויסן אים אפּן וועג פון קלאסן-ארגאניזאציע, אז אינאיינעם מיט דער אנטוויקלונג פון דעם קלאסן-באוואוסטזיין ווערט ער אלץ מער א רעוואלוציאנערע קראפט. די גרויסע אוטאָפּיסטן האָבן ראכמאָנעס אף דעם ארבעטער-קלאס פון גאנצן הארצן, און דערי‍בער ווענדן זיי זיך צו שטארקע און מעכטיקע, קעדיי ווייך צו מאכן זייערע הערצער דורך בוילעטע בילדער פון די יעסורים, וואָס עס האָט אויסצושטיין „דער סאַמע פּילצאָליקער און אמערסטן ליידנדיקער קלאס", אָבער אף אלע זייערע צורופן האָבן זיי ניט געקראָגן קיין קאָל און קיין ענטפער. די מיטלען, וואס זיי פלעגן קריגן בא אייניקע מענאדווים, פלעגט קוים סטאיען אף צו גרינדן א סאָציאליסטישע מוסטער-קאָלאָניע, וואָס פלעגט געוויינלעך גאגץ גיך פּלאַצן.

דער סאַמע פּראקטישער פון זיי איז געווען אָוען. א רייכער מענטש, האָט ער אריינגעבראָכט דאס גאנצע פארמעגן אף זיינע סאָציאַלע עקספּערימענטן; ער האָט אָבער אין דערזעלביקער צייט פארטיידיקט א רייע מיטלען לעטויווֹעס דעם אַרבעטער-קלאס, וואס האבן זיך ארויסגעוויזן פאר נוצלעכע. אזוי איז ער געווען

א הייסער אָנהענגער פון, אַן ארבעטער-געזעצגעבונג און האט זייער פיל אויפגעטאָן פאר דער גייסטיקער דערציאונג פון די ארבעטער.

די הויפט-קראפט פון זיי דרייען, דעריקער פון פוריע און אָוען, איז באשטאנען אין. דעם, וואס זיי האבן געגעבן א גלענצעדיקע קריטיק פון דער בורזשואזער געזעלשאפט, זיי האבן אפן גרונטלעכסטן אויפן באוויזן אירע כעסרוינעס. זיי האבן דעריבער געבראכט דעם ארבעטער-קלאס גרויס נוצן, ווארום אין זייערע ווערק האט ער געפונען דעם רייכסטן מאטעריאל אף צו שטורעמען די הערשנדיקע קלאסן. האגאם די מיטלען, וואס זיי האבן פאָרגעלייגט, זיינען געווען זייער און זייער ניט פראַקטיש, האַגאַם די פלענער זייערע זיינען געווען אוטאָפישע, דאָך זיינען געוויסע פאָרשלאגן זייערע אַריין אין דער פראָגראַם פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

אָט פארוואָס ענגעלס זאָגט גאַנץ ריכטיק אין אַן אַנדער אָרט, אַז דער וויסנשאַפטלעכער קאָמוניזם שטייט אַף די פלייצעס פון סען-סימאָן, פוריע און אָוען, דריי מענטשן, וואָס בא דער גאנצער פאַנטאַסטישקייט און אוטאָפיזם פון זייערע לערעס, האבן זיי דאָך געהערט צו די אויסגעצייכנטע מויכעס פון אַלע צייטן, וועלכע האבן גענייאַל פאָרויסגעזעען און פארויסבאנומען אַסאַך זאכן, וואָס די ריכטיקייט דערפון דערווייזן מיר איצטער וויסנשאפטלעך.

מע דארף נאָך צוגעבן, אז די גרויסע אוטאָפיסטן זיינען אויסגעטראטן מיט זייערע פלענער, בעאייס דער פראָלעטאריאט האָט ווירקלעך ערשט אָנגעהויבן זיין קאמף קעגן די קאפיטאליסטן, בעאייס ער האט נאך מיט זיך ניט פאָרגעשטעלט קיין שום רעוואלוציאָנערע קראַפט.

„קאָלזמאן דער פראָלעטאַריאַט איז נאָך ניט אנטוויקלט אף אזוי פיל, אז ער זאל זיך אויספאָרמירן אין א באזונדער קלאס, קאָלזמאַן דער קאַמף גופע פון דעם פראָלעטאַריאט מיט דער בורזשואזיע האט נאך ניט, הייסט עס, קיין פאָליטישן כאראקטער, און אזוי לאנג ווי די פראָדוציר-קויכעס האבן זיך נאך ניט אנט

וויקלט אין די טיפענישן פון דער בורזשואזיע אין אַזאַ מאָס, אַז זיי זאָלן געבן א מעגלעכקייט צו געפינען די מאַטעריעלע באַדינגונגען, וואָס זיינען נויטיק פאַר דער באַפרייאונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט און אף אויסצובויען א נייע געזעלשאַפט, — אזוי לאַנג זיינען דידאַקטיקע טעאָרעטיקער פון דעם פּראָלעטאַריאַט געווען אוטאָפּיסטן, וואָס קענדיי צו העלפן דעם אונטערגעדריקטן קלאַס אין זיינע נויטן, טראַכטן זיי צו סיסטעמען און שטרעבן צו געפינען אַ באַנייענדיקע וויסנשאַפט. אָבער וואָס מער די געשיכטע רוקט זיך פאָרויס, און אינייניקם דערמיט אַנטפּלעקט זיך אַלץ בולטער דער קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט, — ווערט שוין איבעריק צו זוכן א וויסנשאַפט אין די אייגענע קעפּ: זיי דאַרפן זיך נאָר אָפּגעבן אַ רעכענונג אין דעם, וואָס עס קומט פאָר פאַר זייערע אויגן, און ווערן די אויסדריקער פון דיווירקלעכע געשעענישן"

אָבער די טאַלמידים פון די גרויסע אוטאָפּיסטן האָבן ניט געקוקט אף דעם, וואָס די באַדינגונגען האָבן זיך געענדערט, און האָבן אַקשאָנעסדיק פאַרמאַכט די אויגן אַף דער ווירקלעכקייט. אָוענס אנהענגער אין ענגלאַנד זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן די טשאַרטיסטן, זיי האָבן געטאַינעט, אַז דער פּאָליטישער קאַמף שטערט נאָר דער עקאָנאָמישער באַפרייאונג, און באַ דערדאָזיקער מיינונג האָבן זיי זיך פעסט געהאַלטן, כאָטש די טשאַרטיסטן פלעגן זיי געבן צו פאַרשטיין, אַז די פּאָליטישע באַפרייאונג איז פאַר זיי נאָר אַ מיטל, וואָס איז אונטערגעוואָרפן אונטער דער עקאָנאָמישער באַפרייאונג, ווי אונטער א גרויסן ציל.

דאָסזעלביקע זעען מיר אויך אין פראַנקרייך, וואו די פוריעריסטן ווילן ניט הערן אפילע וועגן רעוואָלוציאָנערן קאַמף. ווען שוין האַרט פאַר דער רעוואָלוציע פון 1848-טן יאָר איז געשטאַנען די פראַגע וועגן דער ר ע פ אָ ר ם פונם וואַלרעכט, וואָס אין פראַנקרייך האָט עס דאַן געהאַט נאָר די רייכע און פאַרמעגלעכע בורזשואזיע, האָבן זיי זיך אַלץ געפירט דעם קאַמף קעגן די ר ע פ אָ ר מ י ס ט ן, ווי מע האָט דאַן גערופן די אַנהענגער פון

דער וואָל־רעפאָרם, און האָבן געהאַלטן אין איין דאַרשענען וועגן פרידלעכער דעמאָקראַטיע, וואָס וועט פאַרווירקלעכט ווערן פון זיך אַליין, ווען די הערשנדיקע קלאַסן וועלן פאַרשטיין איר נויטווענדיקייט.

און אין דערזעלביקער צייט מיט אָט די קליינינקע טאַלמידים פון די גרויסע לערער איז אַרויסגעטראָטן דער זייער פאָפולערער צווישן אַרבעטער פּאָעטער קאַבע, וואָס האָט צוגעטראַכט אַ קאָמוניסטישע אוטאָפּיע איקאַריע (גליקזעליקע מעדינע). סאַכאַקל עטלעכע כאָדאָשים פאַר דעם אויסבראָך פון דער רעוואָלוציע האָט ער זיך נאָך געמיט איינצורעדן די אַרבעטער, זיי זאָלן אָפּזאָגן פון דעם פּאָליטישן קאַמף און פאָרן מיט אים קיין אַמעריקע, קעדיי דאָרטן, ווייט פון דעם בורזשואַזן שטורעם, צו געפינען דעם נייעם יערושאַלאַיעם אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד. דערדאָזיקער פּלאַן האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ דורכפאַל. די נייע פּילגרימען האָבן נאָך ניט באַוויזן צו לאָזן זיך אין וועג, ווי אין אייראָפּע האָט זיך צעשפּילט די פעוראַל־רעוואָלוציע.

## פערטער קאַפּיטל.

אין דעם פריערדיקן קאַפּיטל זיינען קלאָר געמאַכט געוואָרן די פאַרהעלטענישן פון די קאָמוניסטן צו אַזעלכע שטרעמונגען, וואָס קעמפן, לעפאָנים אָדער אין דער ווירקלעכקייט, קעגן דער בורזשואַזיע. די קאָמוניסטן אַרבעטן אָבער אין פאַרשיידענע לענדער. אין אַנדערע פון זיי איז די פּאָליטישע אָרדענונג דאַן געווען אַף אַזוי פיל אַן אָפּגעשטאַנענע, אַז ניט נאָר די קאָמוניסטן האָבן קעגן איר געקעמפט, נאָר אויך געוויסע שיכטן פון דער בורזשואַזיע. דעריבער איז געווען נויטיק אָנצואווייזן אין מאַניפעסט, ווי אַזוי די קאָמוניסטן דאַרפן זיך אויפירן בענוגייע צו אַזעלכע פאַרטייען, בא וואָס פאַר אַ טאַקטיק זיי דאַרפן זיך האַלטן אין פאַרשיידענע לענדער.

אין ענגלאַנד איז שוין דאַן געווען אַ גרויסע פּאָליטישע אַרבעטער-פאַרטיי — טשאַרטיסטן. קלאָר, אַז די קאָמוניסטן האָבן מיט אַלע קייכעס געדאַרפט אונטערשטיצן זיי אין קאַמף מיט די בורזשואַזיע פאַרטייען, און נאָר זעען צו פּראָפּאַגאַנדירן דערביי צווישן די טשאַרטיסטן די פּרינציפּן פון קאָמוניזם.

אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון צפון-אַמעריקע, וואו עס איז נאָך דאַן ניט אָפּגעשאַפט געוואָרן די שקלאַפעריי, און עס איז

נאָך ניט געווען קיין ענדגילטיק אויסגעפּאָרמירטער אַרבעטער-קלאַס, זיינען געווען נאָר איינצלנע אָרגאַניזאַציעס אין געווויסע שטאטן. די ראדיקאלסטע פון זיי איז געווען די אסאָציאציע פון אַגראַר-רעפאָרמיסטן, וואָס האָט געפאָדערט, אז די ערד זאָל פאַרוואנדלט ווערן אין אַ נאציאָנאלן אייגנטום.

די אוטאָפּיסטן האָבן זיך מיט פּאָליטישן קאמף קיינמאָל ניט אינטערעסירט, די קאָמוניסטן, אָבער, האָבן זיך אריינגעמישט אין איטלעכער באַוועגונג, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ שאַיכעס צו די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער-קלאַס. פון זייער זייט האָבן זיי זיך אָבער אויסגעצייכנט פון די פארשיידענע אַרבעטער-אָרגאניזאציעס—פּראָפּאַריינען און קאָאָפּעראטיוון—דערמיט, וואָס זיי האָבן פארטיידיקט ניט נאָר די טאָג-אינטערעסן פון דעם אַרבעטער-קלאַס אָדער פון באזונדערע גרופּעס זיינע, ווי גרויס זיי זאָלן ניט זיין, נאָר זיי האָבן געזארגט אויך וועגן דעם, אז יאָגנדיק זיך נאָך דירעקטע נוצן, זאָל פונדעסטוועגן דערביי ניט ליידן די צוקונפט פון דער פּראָלעטארישער באוועגונג, אז דער ארבעטער-קלאס זאָל ניט פארקויפן זיין רעכט אף יארשענען די בורזשואזע געזעלשאפט, ווי אייסעוו פון כומעש, פאר אַ טעפּל לינדזן.

אין פראנקרייך איז דאן אכוץ דער ראדיקאלער בורזשואַזיע, די ראדיקאלן, וואָס האבן געפאדערט אן אויסברייטערונג פון דעם וואלרעכט, און פונדעסטווערגן גערוידעפט קאמוניסטן ניט ערגער פון דער קאָנסערוואטיווער בורזשואזיע מיט גיזא בעראש, געווען נאך א סאציאליסטיש-דעמאקראטישע אָדער סאציאל-דעמאקראטישע פארטיי. אין איר פראגראם האט זי ארויסגעשטעלט א רייע פאדערונגען, וואס די קאמוניסטן האבן עס אויך ארויסגעשטעלט, נאר בעאייס די לעצטע האבן אויסגעצייכנט געוואוסט, אז דאס זיינען נאר איבערגאנג-מיטלען, וואס פירן צום קאמוניזם, האבן די פראנצויזישע סאציאל-דעמאקראטן דאן געהאלטן, אז דיראזיקע

מיטלען זיינען-גאנץ גענוג אף צו באזייטיקן די צארעס אין דער בורזשואזער געזעלשאפט *).

צווישן די פראנצויזישע סאָציאל-דעמאָקראטן זיינען געווען ניט נאָר פארשיידענע שיכטן פון דער קליין-בורזשואזיע, נאָר אויך פראָלעטאריער, וואָס האָבן זיך נאָך ניט גענוג קלאָר געמאַכט די באדינגונגען פון דער באפרייאונג פון זייער קלאס. פאָדערנדיק אינאיינעם מיט דער קליין-בורזשואזיע, עס זאָל איינגעשטעלט ווערן דעמאָקראטיע, זיינען זיי אין דערזעלביקער צייט געווען פארכאפט פון דעם פלאן, וואָס עס האָט ארויסגעשטעלט איינער פון די אָנגעזעענסטע טעאָרעטיקער פון דער סאָציאל-דעמאָקראטישער פארטיי — לואי בלאַן. ער האָט געהערט צו די בורזשואזע סאָציאליסטן, און האָט פארמישפּעט די ניט איינגעהאלטענע קאָנקורענציע, וואָס האָט אזוי שטארק געווירקט אף דער קליין-בורזשואזיע און אף די באלמעלאָכעס. ווי אַ הויפּט-מיטל קעגן דערדאָזיקער צאָרע, האָט ער רעקאָמענדירט צו שאפן אינדוסטריעלע געזעלשאפטן פון ארבעטער, מיט דער הילף פון מלוכע-קרעדיט. דער וויכטיקסטער פּאָליטישער פירער פון דער פארטיי איז געווען לעדרי-ראָלען, וואָס האָט ארויסגעגעבן די צייטונג „רעפאָרמע". דידאָזיקע צייטונג, איז צום אונטערשייד פון די ראדיקאלן, האט זיך פארהאלטן צו די ריין-ארבעטערשע פארטייען פריינטלעך, ווי צו פארבאנד-כאוויירים, און פלעגט אפילע געבן אן אָרט אף אירע זייטן די קאָמוניסטן.

אין דער שווייץ איז דאַן געגאַנגען אַ האַרטנעקיקער קאַמף צווישן די קאַטוילישע קאַנטאָנען מיט די פראָטעסטאַנטישע. אין

*) אין דער אָנמערקונג צום מאַניפעסט שטייט, אז די פראנצויזישע סאָציאל-דעמאָקראטן זיינען, ווי דער הימל פון דער ערד, ווייט פון די איצטיקע דייטשישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן. דאָס איז געווען ריכטיק דרייסיק יאָר צוריק, בעשאַס ענגעלס האָט געשריבן די אָנמערקונג. די היינטיקע-סאָציאַל-דעמאָקראטיע אָנערקענט אין דער טעאָריע די גרונט-האַנאָכעס פון דעם מאַניפעסט, אָבער אין דער פּראַקטיק, אין קאַמף מיט דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, גייט זי ניט ווייטער פון די דעמאָלדיקע סאָציאַל-דעמאָקראַטן.

די ערשטע האָבן געהערשט בײַזע רעאַקציאָנערן, וואָס האָבן געהאַט שטיצע פון מעטערניכן; אין די צווײַטע—ליבעראַלע בורזשואַ, וואָס זײַנען פונדעסטוועגן גאָר ניט געווען אָפּגעשטאַנען פון זייערע קעגנער, אויב עס האָט זיך נאָר געהאַנדלט וועגן קאַמף קעגן קאָמוניסטן. געווען אָבער אויך, דערהויפּט אין דער פראַנצויזישער שווייץ, אין זשענעווער קאַנטאָן און אין מאַאַטער (הויפּט-שטאָט לאָזאַנע), מער פּראָגרעסיווע בורזשואַזע פּאַרטייען ענלעכע צו דער פּאַרטיי פון די פראַנצויזישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, וואָס האָבן זיך נאָך דאַן פאַרהאַלטן אָנשטענדיק צו אַרבעטער און קאָמוניסטן. דעריבער רעקאָמענדירט דער מאַניפעסט אונטערצושטיצן זיי אין קאַמף מיט דער קאָנסערוואַטיווער בורזשואַזיע.

אין פּוילן, וואָס איז דאַן געווען צעטיילט צווישן פּרייסן, עסטרייך און רוסלאַנד, איז דאַן ניט געווען קיין שום אַרבעטער-באַוועגונג. אַלע קויכעס האָט מען אָפּגעגעבן דעם קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. אָבער אין דער צייט, וואָס איין טייל פּוילישע רעבעלן זײַנען אַקשאָנעסדיק געשטאַנען פאַר זייערע שלאַכטישע און לייב-אייגנטימערישע פּריווילעגיעס, האָט דער אַנדערער טייל, דער דעמאָקראַטישער, אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג צו באַפרייען די פּויערים און דאָס פּויערשע ערד-אייגנטום פון אונטער דעם פעאָדאַלן יאָך, ד. ה. זיי האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַן אַגראַרער רעוואָלוציע. דידאָזיקע פּאַרטיי, וואָס די קאָמוניסטן האָבן געדאַרפט אונטערשטיצן אין פּוילן, האָט זיך גערופן „פּוילישע דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט". זי האָט געמאַכט אין 1836 יאָר דעם אויפשטאַנד אין עסטרײַכישן פּוילן, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען פון „קראַקער אויפשטאַנד". געענדיקט האָט ער זיך מיט אַ דורכפאַל, וואָרום מעטערניכן האָט זיך אײַנגעגעבן אָנצוהעצן די אומוויסנדיקע פּוילישע פּויערים קעגן די בונטאַרן און פּריצים, און זייער פילע פון זיי זײַנען אויף אַן אַכזאָריעסדיקן אופן אויסגעקוילעט געוואָרן.

אסאַך פּראָוויקלטער איז געווען די לאַגע אין דייטשלאַנד.

וואו די בורזשואזיע האָט נאָך דאַן ניט געהאַט דערגרייכט צו פּאָליטישער הערשאַפט און איז אליין—עמעס, ניט זייער אנטשלאסן—ארויסגעטראָטן קעגן דעם אדל און דער אבסאלוטער מאָנאַרכיע.

די „עמעסע סאָציאליסטן”, ווי מיר האבן געזעען, האבן אפילע ניט געוואלט הערן וועגן פּאָליטישן קאמף; די ראַדיקאַלן האָבן אפן ערשטן אָרט געשטעלט נאָר דעם פּאליטישן קאמף און אפן שטייגער פון די פראנצויזישע סאציאל-דעמאקראטן האבן זיי ארויסגעשטעלט געוויסע פּאדערונגען לעטויוועס דעם ארבעטערקלאס; די קאמוניסטן אבער האבן געדארפט דערשלאגן זיך צו דער ברייטסטער פאליטישער פרייהייט, קעדיי צו ארגאניזירן דעם פּראלעטאריאט קעגן דער זיגערישער בורזשואזיע.

אָט פּארוואס איז זייער טאקטיק אין דייטשלאנד געווען פיל פּארוויקלטער. מע האָט געדארפט קעמפן אײנײנעם מיט דער בורזשואַזיע, אַף וויפל זי איז אַרויסגעטראָטן רעוואָלוציאָנער קעגן דעם אַדל, און אין דער־עלביקער צייט אויסארבעטן בא די אַרבעטער אין די מויכעס דאָס באוואוסטזיין וועגן דער פיינטלעכער קעגנזעצלעכקייט פון זייערע אינטערעסן מיט די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע. מע האָט געדאַרפט קריטיקירן אַלע טאָעסן פון דערדאָזיקער בורזשואזיע און שטויסן זי פאָרויס, ריזיקירנדיק דערביי איטלעכס מאָל אָפּצושטויסן זי אַף אַ יאַדאַכעס מיטן אַדל קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט.

מאַרקס און ענגעלס האָבן דאַן געהאָפט, אַז אין דייטשלאַנד וועט די בורזשואַזע רעוואָלוציע פאָרקומען באַ מער גינסטיקע באַדינגונגען, איידער אין פראַנקרייך און ענגלאַנד, און אַז די צווישנצייט, דער איבערגאַנג-פּעריאָד צווישן דער בורזשואַזער און דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, וועט זיין קירצער. די דערפאַרונג פון דער דייטשישער רעוואָלוציע האָט אָבער געוויזן, אַז וואָס אנטשלאָסענער עס טרעט אַרויס דער אַרבעטער-קלאַס, אלץ

גיכער ווערט די בורזשואַזיע געצייגט צו שליסן שאָלעם מיט דעם אדל. דאָס איז באַשטעטיקט געוואָרן אויך בעשאַס דער רוסישער רעוואָלוציע.

דער מאַניפעסט פאַרענדיקט זיך מיט אַן אָנווייזונג אפן הויפּטקלאל ווי אויפצופירן זיך, אף דער טאַקטיק פון די קאָ-מוניסטן אין אַן עפּאָכע פון רעוואָלוציע ביכלאל.

די בורזשואַזע פּאַרטייען קוקן אף א רעוואָלוציע, ווי אף א צאָרע, וואס מע קען ניט אויסמיידן, און זיי זעען מיט אלע קויכעס, טייקעף ווי זיי האבן דערגרייכט צו זייערע צוועקן, צו פאַרטאַרמאַזירן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג; די קאָמוניסטן טוען פאַרקערט, אומעטום און אלעמאל „צעבלאָזן זיי דעם פייער", זיי האלטן אונטער יעדע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג קעגן די בורזשואַזע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פאַרהעלטענישן. מע דאַרף מיט אלע קויכעס צעשאָקלען די זיילן פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט און אונטערשטרייכן, אז די הויפּטצאָרע איז דאָס פּריוואַט-אייגנטום אף פּראָדוציר-מיטלען, דאס הייסט, לעהיפּעך צו אלע אנדערע פּאַרטייען, אַפילע די סאַמע דעמאָקראַטישע, ארויסרוקן די גרונטפּראַגע פון דער גאַנצער באַוועגונג, די פּראַגע וועגן אייגנטום.

די קאָמוניסטן האַלטן ניט פון די אילוזיעס, פון דער זעלבסטנאַרעריי פון די דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, און פּאַרטיי-דיקנדיק קוידעמקאל די אינטערעסן פון דעם ארבעטערקלאַס, שטרעבן זיי צו באַשאַפן אַן אייגנהייטלעכן פראָנט אין דעם קאַמף פון אלע דערנידעריקטע קעגן די אונטערדריקערס.

זיי ווייסן נאָר זייער גוט, אז דאס איז א קאַמף אף לעבן און טויט, אז ווען עס רעדט זיך וועגן אַ פולשטענדיקער איבערבויאונג פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, וועט דאָס לעצטע וואָרט פון דער רעוואָלוציאָנערער וויסנשאַפט זיין:

מילכאָמע אָדער טויט; בלוטיקער קאַמף אָדער פארניכטונג. אָט אַזוי ווערט געשטעלט די פראגע, און אנדערש קען עס ניט זיין.

דער פראָלעטאריאט פון יעדן לאנד דאַרף קוידעמקאָל מאַכן א סאָף מיט זיין אייגענער בורזשואזיע, אָבער דער זיג פון דער פראָלעטארישער רעוואָלוציע וועט זיין אלץ פעסטער, וואס גרעסער עס וועט זיין די צאָל לענדער, וואָס זי וועט ארומכאפן. דער גרונטבאַדינג פאר איר ענדגילטיקן דערפאָלג איז די פאראייניקונג פון די פראָלעטאריער פון דער גאַנצער וועלט, פון אַלע לענדער.

# א י נ ה אַ ל ט.


| | זייטל |
|---|---|
| פאָרוואָרט | 3 — 4 |
| אריינפיר | 5 — 24 |
| קאָמוניסטישער מאַניפעסט | 25 — 78 |
| בורזשואַ און פּראָלעטאריער | 28 — 46 |
| פּראָלעטאריער און קאָמוניסטן | 47 — 60 |
| סאָציאַליסט. און קאמוניסטישע ליטעראַטור | 61 — 75 |
| די באַציאונגען פון די קאָמוניסטן צו די פארשיידענע אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען | 76 — 78 |
| דערקלערונגען | 79 — 182 |
| איינלייטונג | 81 — 84 |
| ערשטער קאַפּיטל | 85 — 133 |
| צווייטער קאַפּיטל | 134 — 157 |
| דריטער קאַפּיטל | 158 — 175 |
| פערטער קאפּיטל | 176 — 182 |